שמואל פנחס שיינפֿעלד

# זכרונות
# פֿון אַ שריפֿטזעצער

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
סעריע „פּערזענלעכע דאָקומענטן"
ניו־יאָרק, 1946

שוין אַ היפּשע צאָל יאָרן ווי דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט פֿאַרנעמט זיך מיט קלײַבן פּערזענלעכע דאָקומענטן. אין 1932 האָט דער ייִוואָ אַדורכגעפֿירט אַ קאָנקורס אויף אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע יוגנטלעכע אין דער ווילנער פּראָווינץ; אין 1934 האָט ער אויסגעשריבן אַזאַ קאָנקורס צווישן ייִדישער יוגנט איבער דער גאָרער וועלט; אָנהייב 1939 איז דער קאָנקורס איבער־געחזרט געוואָרן. אַחוץ דעם האָט דער ייִוואָ פֿאַר דער צײַט באַקומען דורך ספּעציעלע אָרגאַנזשירונגען אויך אַנדערע פּערזענלעכע דאָקומענטן. ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט דער ייִוואָ אין ווילנע פֿאַרמאָגט בערך 700 פּערזענלעכע דאָקומענטן, צוזאַמען אין די הויכע צענדליגער טויזנטער זײַטן; איבער 600 דערפֿון זײַנען געווען אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע יוגנטלעכע, צום מערסטן פֿון פּוילן.

זינט דער צענטער פֿון ייִוואָ איז אַריבער קיין ניו־יאָרק, האָט ער דאָ אַדורכ־געפֿירט אַ קאָנקורס אויף דער בעסטער אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ ייִדישן אימי־גראַנט אין אַמעריקע. אַ דאַנק דעם קאָנקורס און דורך אַנדערע געלעגנהייטן האָט דער ייִוואָ אַרײַנבאַקומען בײַ 250 אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, און דער דאָזיקער אוצר האַלט אין איין וואַקסן. בעת די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, ווערט פֿאַרענדיקט דער קאָנקורס צווישן ייִדישע זעלנערס אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און פֿלאָט אד״ט „וואָס האָב איך געזען און וואָס האָב איך איבערגעלעבט ווי אַ ייִד אין דער צווייטער וועלט־מלחמה״.

די לעצטע עטלעכע צענדליגער יאָר לייגן די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן אַלץ מער און מער אַכט אויף פּערזענלעכע דאָקומענטן ווי מאַטעריאַל פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען. באַזונדער פּאָפּולער איז דער גאַנג אין אַמעריקע; דאָ איז ער צום ערשטן באַגרינדעט און סיסטעמאַטיש אַנטוויקלט געוואָרן פֿון די פּראָפֿעסאָרן וו. איי. טאָמאַס און פֿ. זנאַניעצקי נאָך אין דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און פֿון יעמאָלט אָן איז דער מעטאָד שטאַרק פֿאַרפֿולקומט געוואָרן.

אין דער קאַטעגאָריע פּערזענלעכע דאָקומענטן ווערן פֿאַררעכנט טאָגביכער, אויטאָביאָגראַפֿיעס, זאַמלונגען בריוו אד״גל, — מיט איין וואָרט, דאָקומענטן וווּ אַ יחיד דערציילט וועגן זיך אַליין און וועגן די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן. עס איז ניט דאָס אָרט אין אַ קורצער הקדמה צו באַהאַנדלען די טעאָרעטישע זײַט פֿון דעם ענין. אָבער ווען אַפֿילו מען לאָזט זיך ניט אַרײַן אין טעאָרעטישע פּרטים איז קלאָר, אַז אַ פּערזענלעכער דאָקומענט האָט צוויי מעלות וואָס מאַכן אים ווערטפֿול ווי אַ פֿאָרשערישן דאָקומענט: א) ער ווײַזט אונדז, ווי אַזוי אַ געוויסע סבֿיבֿה האָט באַווירקט דאָס אויספֿורעמען זיך פֿון יחיד; ב) ער ווײַזט, פֿון דער צווייטער זײַט, ווי אַזוי דער יחיד האָט באַווירקט זײַן סבֿיבֿה. מער בולט ווײַזן זיך אַרויס די דאָזיקע השפּעות בײַ אַזעלכע מענטשן, וועמען עס איז אויסגעקומען צו לעבן אין פֿאַרשיידענע סבֿיבֿות, ווי עס איז טאַקע דער פֿאַל מיט ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע.

בײַם אָפּשאַצן אַזעלכע דאָקומענטן גייט ניט אין אויסגעפֿינען נײַע ליטע־ראַרישע טאַלענטן (כאָטש אַ געוויסע פֿעיִקייט צו קענען קלאָר זיך אויסדריקן און צו דערציילן זאַכלעך איז אַ תּנאַי קודם למעשׂה), נאָר אין דעם, אַז דער



Y 1387.50
C

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

2132-2
Pat

Copyright 1946 by
THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO

PRINTED IN U.S.A.
PARISH PRESS, INC., NEW YORK
10

דאָקומענט זאָל ברענגען גענוג וואָגיקן מאַטעריאַל וואָס זאָל באַלײַכטן די דאָזיקע צווישנאַנאַנדיקע השפּעה פֿון סבֿיבֿה און יחיד.

מיט דעם איצטיקן בוך הייבט דער ייִוואָ אָן אַרויסצוגעבן אַ נײַע „סעריע פּערזענלעכע דאָקומענטן" אין דער „ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ". שוין לאַנג, נאָך פֿאַר דער מלחמה, איז געוואָרן פֿאַרטראַכט דער פּלאַן אַרויסצוגעבן די פּערזענלעכע דאָקומענטן גופֿא און ניט בלויז וויסנשאַפֿטלעכע אויספֿאָרשונגען און באַאַרבעטונגען פֿון מאַטעריאַל. די מלחמה האָט דעם דאָזיקן פּלאַן, ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, אָפּגעוואָרפֿן אויף יאָרן. ענדלעך ברענגען מיר איצט פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט דאָס ערשטע בוך פֿון דער דאָזיקער נײַער סעריע.

פּ' שמואל שײַנפֿעלד וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1891 און איז אין משך פֿון דער גאַנצער צײַט געווען איינער פֿון די אַקטיווע טוערס און בויערס פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן אין ניו־יאָרק מאָלט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע די צוויי סבֿיבֿות, אין וועלכע ער האָט זיך אַנטוויקלט: אַ ייִדישע בעל־הבתּישע סבֿיבֿה אין אַדעס אין אַ צײַט פֿון סאָציאַלע שינויים, און דעם אויפֿקום און וווּקס פֿון אַ נײַער ייִדישער סבֿיבֿה אין אַמעריקע, מיט וועלכער ער איז צוזאַמען געוואַקסן.

מיר זאָגן דאָ אַ דאַנק דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן אין ניו־יאָרק, וואָס האָט מיטגעהאָלפֿן אַרויסצוגעבן די דאָזיקע זכרונות. דער מחבר פֿון זײַן זײַט דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק פּ' מאיר קאַסטאָף, דעם פֿאָרזיצער פֿון קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דאָס בוך, און די פּפּ' שלמה גאַנץ, פּויל רובינשטיין און ש. קופּערשטאָק וואָס האָבן פֿרײַוויליק אויפֿגעזעצט דאָס בוך.

משה קליגסבערג, וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער פֿון ייִוואָ, האָט צוגעגרייט דאָס דאָזיקע בוך צום דרוק.

**ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ**

מאַקס ווײַנרײַך

וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר

יולי 25, 1946.



# אינהאַלט:

מײַן משפּחה ........ 9
חדר־יאָרן ........ 13
אין דער שטאָטישער שול ........ 19
די סלאָנימער ישיבֿה ........ 21
דער ערשטער אַמעריקאַנער אין דער משפּחה ........ 25
מײַן רײַזע קיין אַמעריקע ........ 29
ערשטע טריט אין אַמעריקע ........ 33
דאָס „גרינע" אימיגראַנטן־לעבן ........ 39
„די פֿריילעכע נײַנציקער" ........ 45
אָרגאַניזאַציעס ........ 50
איך האָב חתונה ........ 55
איך ווער אַ לאַנדרימאַן ........ 57
אַ ייִדישער דרוקער ........ 61
איך ווער אַ בירגער און פֿאַרקריך אין קאַלעדזש ........ 66
אונדזער שריפֿטזעצער־יוניאָן ........ 72
יוניאָן־לייבל ........ 76
עולם־הזה אויף אַ דרוקער־צוזאַמענפֿאָר ........ 79
אונדזער משפּחה אין אַמעריקע ........ 84
דער כּוח פֿון אַ צײַטונג ........ 95
מײַן אַרבעט אין דער יוניאָן ........ 97
איך שרײַב די געשיכטע פֿון דער יוניאָן ........ 103
דער שריפֿטזעצער און זײַן יוניאָן ........ 105
אונדזער משפּחה־צוזאַמענלעבן ........ 108
נאָך קאָנווענשאָנס ........ 113
אַחרון אַחרון חבֿיבֿ ........ 119

# מײַן משפּחה

אַן אומדירעקטע סיבה פֿאַר מײַן קומען קיין אַמעריקע און דאָ ווערן אַ דרוקער, ווי איך וועל שפּעטער דערציילן, זײַנען געווען מײַנע צוויי זיידעס. איך וועל דעריבער אָנהייבן פֿון זיי.

מײַן זיידע פֿון טאַטנס צד, ר׳ אַבֿרהם שוחט, פֿון פּראָמפּאָל, פּאָדאָליער גובערניע, איז, ווי די מאָדע בײַ ייִדן אין יענער צײַט, געווען אַ בעל־מטופּל פֿון 9 קינדער: 6 זין און 3 טעכטער.

מיט די טעכטער זײַנען, אַחוץ דער פּראָבלעם ווו צו קריגן נדן פֿאַר זיי, קיין איבעריקע דאגות ניט געווען. דערפֿאַר אָבער איז מען וועגן די זין געווען שטאַרק באַזאָרגט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען, מען זאָל ניט דאַרפֿן דינען „פֿאָניען״. דערצו זײַנען אין יענע יאָרן געווען צוויי תּחבולות: אָדער מען זאָל זיך לאָזן אָפּהאַקן דעם גראָבן פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, וועט מען ניט קענען שיסן מיט דער ביקס (פֿאַר דעם זײַנען שוין דעמאָלט געווען ספּעציעלע „כי־רורגן״), אָדער אַוועקפֿאָרן אין אַ שכנישער מדינה, זיך אײַנהאַנדלען אַ דאָרטיקן פּאַס, צוריקקומען ווי אַן אויסלענדער און זיך באַזעצן אין אַן אַנדער שטאָט, ווו מען קען אים ניט (פֿון אויסלענדער האָט די רוסישע רעגירונג ניט געפֿאָדערט קיין סאָלדאַטן).

מײַן פֿאָטער האָט זיך באַנוצט מיטן צווייטן מיטל: ער איז אַוועק קיין אַדעס. פֿון דאָרט איז ער אַריבערגעפֿאָרן דעם שוואַרצן ים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין אַ קורצער צײַט אַרום איז ער צוריקגעקומען קיין אַדעס מיט אַ טערקישן פּאַס ווי אַ געבוירענער „טערק״ — און פּטור...

מײַן זיידע פֿון דער מאַמעס צד, ר׳ שמואל אָפּאַטאָוו, אָדער ר׳ שמואל חסיד, ווי מען פֿלעגט אים רופֿן, איז געווען אַ הורט־סוחר פֿון קאָלאָניאַל אין אַדעס און איז געווען אָנגעזען צווישן די פֿרומע ייִדן. זײַן פֿרומקייט האָט ער אָבער געטריבן ביז פֿאַנאַטיזם, ווי איך וועל דאָס באַלד אילוסטרירן:

כּדי צו סטימולירן די אַנטוויקלונג פֿון דער שטאָט אַדעס אין יענע יאָרן, האָט די שטאָט־רעגירונג אָנגעבאָטן פֿרײַע פּלעצער צו די יעניקע וועלכע וועלן זיך אונטערנעמען אויף זיי צו בויען הײַזער. מײַן זיידנס אַ חבֿר — הערשקע ליטוואַק האָט מען אים גערופֿן — האָט זיך באַנוצט מיטן אָנבאָט און האָט פֿאַרנומען גאַנצע קוואַרטאַלן און אויף זיי געבויט הײַזער, פֿון וועלכע זײַנע נאָכקומענדיקע דור־ות זײַנען שוין געווען פֿאַרזאָרגט מיט פּרנסה אויף אַלע יאָרן. מײַן זיידע אָבער, כאָטש ער איז געווען אין גאָר גוטע מאַטעריעלע אומשטאַנדן, האָט זיך מיט דעם אָנבאָט ניט געוואָלט באַניצן, ווײַל, ווי ער האָט מורא געהאַט,

טאָמער קומט איבער אַ יאָר משיח, וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן מיט די הײַזער? זײַנע קינדער און אייניקלעך האָבן דריבער געמוזט טיילן דעם גורל פֿון אַלע מענטשן, דעם „בזיעת אַפּיך תּאכל לחם“.

עס איז דריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז ווען איך בין געבוירן געוואָרן אין אַדעס ז׳ שבֿט תּרל״ה (1875) פֿון אַ „טערקישן“ טאַטן און אַן אַדעסער מאַמען, איז דאָס ניט געווען אין גרויסן ראָסקאָש.

אויף מײַן קינדהייט האָב איך זיך ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. איך קען ניט געדענקען קיין פֿאַל, ווען איך האָב זיך געפֿילט אומגליקלעך. כאָטש מײַנע עלטערן זײַנען ניט געווען רײַך, האָבן זיי אָבער תּמיד פֿאַרדינט צום לעבן און געזען, אַז די קינדער זאָל גאָרניט פֿעלן.

מערקווערדיק איז, אַז ווען איך האָב שוין יאָ אַ מאָל אימעצן מקנא געווען, זײַנען עס גראָד געווען די אָרעמע קינדער, וועלכע קענען פֿרײַ אַרומלויפֿן באָרוועסע, און מיר איז דאָס פֿאַרגעניגן געווען פֿאַרבאָטן: איך מוז תּמיד טראָגן שיך און אָפּהיטן דעם ריינעם אָנצוג ניט צו פֿאַרשמוצן און די הייזלעך ניט צו צערײַסן. איך פֿלעג פֿילן, אַז איך ווער געשטערט אין מײַן פֿרײַהייט.

מײַן פֿאָטער איז געווען זייער אַ קרעפֿטיקער מענטש, פֿאַרקערט אָבער איז מײַן מוטער געווען אַ פֿיזיש שוואַכע פֿרוי. איר זײַנען פֿאַרבליבן אינעווייניקסטע ווייטאָגן זינט זי האָט מיך געבוירן. מײַן פֿאָטער האָט דריבער אויך איבערגענומען אויף זיך מערערע פֿונקציעס פֿון אַ מוטער. עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט פֿלעגט ער אויפֿשטיין אַכטונג צו געבן, צי די קינדער זײַנען ריכטיק אײַנגעדעקט. ווען אַ קינד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט דער טאַטע עס צוריק אײַנגעשלעפֿערט — און אַזוי כּסדר. צוויי פּאַסירונגען, שוין פֿון אַ ביסל אַ שפּעטיקערער צײַט, וועלן געבן אַ בילד פֿון מײַן פֿאָטער און ווײַזן זײַן איבערגעגעבנקייט.

דאָס וואָס איך וויל דערציילן האָט פּאַסירט ווען איך בין אַלט געווען זיבן יאָר. ווען מען האָט מיך געהייסן עפֿענען די טיר, כּדי די דינסט זאָל אַרײַנטראָגן די וועטשערע, האָט דאָס מיידל זיך אין עפּעס פֿאַרטשעפּעט און מיך אָפּגעגאָסן מיט אַ הייסן, פֿעטן באָרשטש. מײַן קאָפּ און האַלדז זײַנען שרעקלעך אָפּגעבריט געוואָרן. מײַנע קולות האָט מען געקענט הערן אויף דער גאַס. מײַן מוטער איז געוואָרן היסטעריש. מײַן פֿאָטער האָט זיך אָבער ניט פֿאַרלוירן. ער האָט זיך מאָמענטאַן באַנוצט מיט אַ היימישן אויסגעפּרוווטן מיטל — אָנגעריבענע קאַרטאָפֿל, — האָט עס אויף מיר געלייגט אויף און אָפּ אַ גאַנצע נאַכט, זיך ניט געלייגט שלאָפֿן אַפֿילו. און ווען עס האָט שוין גענומען טאָגן, האָט ער געדאַוונט און איז אַוועק עפֿענען זײַן געשעפֿט. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, איז אַפֿילו קיין סימן ניט געבליבן פֿון דער „שׂרפֿה“.

אַ צווייטע פּאַסירונג וועט אילוסטרירן, ווי אַזוי מײַן פֿאָטער האָט מיך דיסציפּלינירט, ווען איך האָב זיך פֿאַרזינדיקט. אַנשטאָט די אַלטמאָדישע מיטלען פֿון שמײַסן און שלאָגן האָט ער אויף מיר אָנגעווענדט אַ פּסיכאָלאָגישע שטראָף וואָס איז בײַ מיר פֿאַרבליבן אין זכּרון ביזן הײַנטיקן טאָג.



מײַן מוטער איז געווען די ייִנגסטע בעל־הביתטע אין דער משפּחה אין אַדעס. אויף איר איז דריבער אויסגעפֿאַלן דער חובֿ אום פּורים פֿריִער צו שיקן דעם שלח־מנות צו די קרובֿים. איך האָב די שליחות געדאַרפֿט דורכפֿירן. ווען מײַן מוטער האָט מיט מיר געוואָלט מיטשיקן מײַן שוועסטערל, כּדי איך זאָל ניט האָבן קיין פּחד אַליין צו גיין בײַ נאַכט, האָב איך זיך דערפֿון אויסגעלאַכט: איך בין דאָך שוין ניט קיין קליין קינד, איך בין שוין אַלט אַכט יאָר און האָב שוין קיין מורא ניט צו גיין אין דער פֿינצטער. מײַן גדלות האָט מײַן מוטער געקלונגען עפּעס פֿאַרדעכטיק. האָט זי מיך געוואָרנט, אַז למען־השם איך זאָל בײַ קיינעם ניט נעמען „פֿאַרן וועג“ (וואָס מען גיט געוויינטלעך פּראָפֿעסיאָנעלע שלח־מנות־טרעגער), און טאָמער וועט זי אויסגעפֿינען, אַז איך האָב עפּעס בײַ אימעצן גענומען, וועט זיך טאָן חושך. כאָטש דאָס איז טאַקע געווען מײַן כּוונה, האָב איך עס קאַטעגאָריש געלייקנט.

ווען איך בין געקומען צו מײַנע מומעס, האָב איך טאַקע מײַן מוטערס אָנזאָג אָפּגעהיט, ווײַל איך האָב געוווּסט, אַז זי טרעפֿט זיך מיט זיי גאָר אָפֿט. דערפֿאַר אָבער, ווען די אַנדערע, ווײַטערע קרובֿים האָבן מיר געגעבן צען אָדער פֿופֿצן קאָפּיקעס, האָב איך זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק און געלייגט אין קעשענע. די פּראָבלעם איז אַפֿילו בײַ מיר געווען: וווּ טוט מען אַהין דאָס געלט? האָב איך אויף דעם דערטראַכט אַ גוט באַהעלטעניש — בײַ מײַן באָבען אונטערן בעט, צווישן פּיסל און דער וואַנט; אַהין גייט קיינער ניט. יעדן אָוונט פֿלעג איך אַרונטערקריכן אונטערן בעט, אַפֿירנעמען 5 קאָפּיקעס און צוזאַמען מיטן קליינגעלט וואָס מען האָט מיר מיטגעגעבן אין חדר האָב איך אַ הוליע געטאָן: מאַנדלען, קאָנפֿעקטן, געזײַערטע עפּל — חי־געלעבט.

מײַן אומגליק איז אָבער געקומען אומגעריכט. עס איז שוין געווען דאָס לעצטע פּיאַטאַקל וואָס איך האָב אַפֿירגענומען און עס אַרײַנגעלייגט אין קעשענע — האָט עס אַ קלונג געטאָן און געצויגן מײַן פֿאָטערס אויפֿמערקזאַמקייט. בקיצור, נאָך אַ חקירה־ודרישה, ווען מײַנע תּירוצים האָבן אונטערגעהונקען, האָב איך זיך מודה געווען און שוין אַלץ דערציילט בפּרטיות.

וואָס האָט מײַן פֿאָטער מיר געטאָן? — גאָרניט...

ער האָט מיר בלויז געגעבן דאָס געלט וואָס איך האָב אָנגעקליבן פֿאַרן טראָגן דעם שלח־מנות און מיך געהייסן עס יעדן איינעם צוריק אָפּטראָגן.

איך ווייס ניט ווי אַן אַנדערער וואָלט זיך געפֿילט, נאָר איך האָב זיך געפֿילט ווי אַ מינוט צום טויט. די שפּיכת־דמים איז נאָך געווען שטאַרקער ווען איך האָב געעפֿנט אַ טיר און אָפּגעזאָגט דעם פּסוק און מען האָט דאָס געלט בײַ מיר ניט געוואָלט אָפּנעמען, וואַרפֿנדיק ניט־שיינע קאָמפּלימענטן אויף מײַן מוטערס חשבון פֿאַר זײַן אַזוי „האָנערוואַטע“. דעמאָלט האָב איך שוין פּשוט אַ וואָרף געטאָן די מטבעות און בין אַרויסגעלאָפֿן.

אָט דאָס הייסט אַ שטראָף לזכּרון.

ווען איך בין אַלט געוואָרן דרײַ יאָר איז מײַן שוועסטער דינה געבוירן געוואָרן. דאָס אויפֿפּאַסן אויף מיר איז בײַ מײַנע עלטערן געוואָרן אַ פּראָבלעם. האָבן זיי באַשלאָסן מיך אַרײַנצוגעבן אין אַ חדר. ניט אויף צו לערנען, נאָר אַז דער באַהעלפֿער זאָל מיך אין דער פֿרי נעמען אין חדר אַרײַן און פֿאַר נאַכט מיך צוריקברענגען אַהיים. דעם גאַנצן טאָג האָב איך זיך געקענט שפּילן אין הויף פֿון חדר. אויף מיטצוגעבן מיר עסן האָט מײַן פֿאָטער מיר געקויפֿט אַ גאַנץ היפּש קערבל. ווען מײַן מוטער האָט זיך געוווּנדערט, צו וואָס דאַרף מען אַזאַ גרויס קערבל, האָט מײַן פֿאָטער איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מען מוז מיר מיטגעבן גענוג שפּײַז, כּדי אַז ווען דער באַהעלפֿער וועט פֿאַרטיק ווערן, זאָל נאָך פֿאַר מיר אויך עפּעס איבערבלײַבן.

# חדר־יאָרן

מיר איז דאָס גיין אין חדר געפֿעלן געווען. איך האָב זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי אַ פֿאָלנער מענטש. עס האָט מיך גערייצט. די חבֿרים מײַנע אָבער אין אונדזער הויף האָט עס אַ פּנים פֿאַרדראָסן. זיי האָט זיך געדוכט, אַז איך בין געוואָרן צו שטאָלץ. איך וואַרף מיטן קערבל מיט צו פֿיל גדלות ווען איך קום אַהיים פֿון חדר. האָבן זיי אָפּגעמאַכט מיט מיר זיך אָפּצורעכענען.

איין פֿאַרנאַכט, ווען איך בין נאָר וואָס אַרײַנגעקומען אין הויף, בין איך באַגעגנט געוואָרן פֿון דער גאַנצער חבֿרה מיט שטעקנס און שטיינער, אַזוי אַז איך האָב מיך געמוזט ראַטעווען אַזוי גיך ווי מײַנע פֿיסלעך האָבן מיך נאָר געקענט טראָגן. אין דרויסן האָב איך געזען ליגן אַ גרויסן שטיין. מיט אַלע מײַנע כּוחות האָב איך דעם שטיין אַרײַנגעלייגט אין קערבל און זיך צוריקגעקערט צו מײַנע פֿאַרפֿאָלגער. פֿאַרן שטיין האָבן זיי שוין דרך־ארץ געהאַט און זײַנען זיך צעלאָפֿן. נאָך דער דאָזיקער „מלחמת ד׳״ האָב איך שוין געקענט אומגעשטערט צוקומען צו אונדזער וווינונג.

מײַן רבי (וועלכער האָט מיט מיר ניט געלערנט) — בערטשיק האָט ער געהייסן — איז, ווי דער שטייגער, געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. מײַן הערצל פֿלעגט מיר פֿאַרקוועטשן, ווען איך פֿלעג זען ווי ער עסט ברויט און טונקט עס אין וואַסער, כּדי ער זאָל עס קענען צעקײַען. ער האָט קיין דענטיסט שוין ניט געדאַרפֿט: עס איז ניט געווען וואָס צו פֿאַרריכטן.

פֿון איין חסרון בין איך גאָר פֿרי אויסגעהיילט געוואָרן, ווען איך בין נאָך קיין פֿיר יאָר ניט אַלט געווען. די געשעעניש האָט אויף מיר איבערגעלאָזט אַ טיפֿן אײַנדרוק אויף מײַן גאַנצן לעבן.

ס׳זײַנען דאָ מענטשן וועלכע האָבן הנאה פֿון אָפּטאָן יענעם אַ שפּיצל, כאָטש דאָס פֿאַרשאַפֿט דעם צווייטן עגמת־נפֿש.

אין מײַן ערשטן חדר, ווו איך האָב ניט געלערנט, האָב איך איין מאָל באַמערקט אויפֿן פֿענצטער אַ פּאָר פּענעצלעך ברויט אײַנגעוויקלט אין פּאַפּיר. דאָס איז געווען דער אָנבײַסן פֿון איינעם פֿון די תּלמידים. ס׳איז געווען ווינטערצײַט, ווען צווישן די דאָפּלטע פֿענצטער איז אָנגעשאָטן זאַמד. ניט קלערנדיק לאַנג, האָב איך דאָס ברויט אײַנגעטונקט אין זאַמד און צוריק אײַנגעוויקלט אינעם פּאַפּיר. איך האָב עס באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסן שפּאַס. איך האָב קיינעם ניט דערציילט, ווײַל איך האָב ניט געוווּסט צו וועמען עס באַלאַנגט. פֿון ווײַטנס האָב איך געוואַרט אויפֿן קלימאַקס. אַ קליין, אָרעם יינגעלע איז צוגעקומען, אויפֿגעוויקלט זײַן וואַרעמעס, אײַנגעביסן און אָנגעהויבן שפּײַען דאָס זאַמד און זיך צעוויינט. די רביצין איז צוגעקומען, האָט פֿאַרשטאַנען דאָס שפּיצל

און האָט מיט האַרץ זיך אָנגערופֿן: „אָרעם קינד, זײַן טאַטע איז אַ וועגעלע־שטופּער און ער וועט נעבעך דאַרפֿן אַ גאַנצן טאָג הונגערן״. אירע ווערטער האָבן מיך אַזוי פֿאַרקוועטשט בײַם הערצל, אַז איך האָב געפֿילט ווי אָט־אָט צעוויין איך זיך. איך האָב זיך מיט אַלע מײַנע כּוחות אײַנגעהאַלטן, כּדי זיך ניט אַרויסצוגעבן. איך האָב אָבער געבעטן די רביצין, זי זאָל דעם ייִנגעלע געבן מײַן עסן, ווײַל איך האָב אַ סך און בין ניט הונגעריק. איך האָב יענעם טאָג ניט געגעסן. די רביצין האָט מײַן אַקט צוגעשריבן צו מײַן גוט האַרץ און האָט מיך געלױבט. דעם ייִנגעלעס ווייבען האָט מיך אָבער נאָכגעפֿאָלגט מײַן גאַנץ לעבן. איך בין גענעזן געוואָרן.

ערשט ווען איך בין שוין אַלט געוואָרן 5 יאָר האָט מען מיט מיר אָנגעהויבן לערנען. מײַן רבי איז געווען מאיר באָרד. מען האָט אים אַזוי גערופֿן, ווײַל ער האָט געהאַט זייער אַ לאַנגע באָרד. בײַ אים האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין סידור און זיך אויסגעלערנט עבֿרי. איך האָב אויך בײַ אים געלערנט חומש. דער דאָזיקער רבי איז ניט געווען קיין שטרענגער, האָט די קינדער ניט געשלאָגן, ניט געשמיסן. איך האָב נאָך דעמאָלט קיין קאַנטשיק אין די אויגן ניט אָנגעזען.

צו 6 יאָר האָב איך שוין געלערנט בײַ „יאַנקל דער מלמד״. אין יענעם חדר האָב איך שוין געלערנט שרײַבן ייִדיש און רוסיש און רעכענען. פֿאַר די דאָזיקע לימודים האָט ער געהאַלטן אַ לערער וועלכער פֿלעגט יעדן טאָג אַרײַנקומען אויף אַ שעה. אַליין האָט ער מיט אונדז געלערנט חומש און ראשונים. ער איז געווען אַ גוטער מלמד און אויך ניט קיין שטרענגער.

מײַנע חדר־יאָרן, ווי עס איז צו זען, זײַנען געווען זייער גליקלעכע. די לימודים זײַנען מיר גרינג אָנגעקומען און איך האָב פֿון זיי הנאה געהאַט. די אַלגעמיינע חדר־אומבאַקוועמלעכקייטן האָבן בײַ מיר קיין ממשות ניט געהאַט. דערצו האָב איך נאָך געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן, וואָס איך פֿלעג זיך תּמיד געפֿינען אין די פֿאָדערשטע רייען, ווו נאָר איך האָב געלערנט. עס איז געוואָרן כּמעט אַ טראַדיציע, אַז יעדער רבי פֿלעגט זיך מיט מיר אַרומפֿירן בין־הזמנים אין די הײַזער פֿון פּראָספּעקטיווע תּלמידים און דורך מיר זיי באַווײַזן וואָס זיי קענען אויפֿטאָן.

אין אַדעס זײַנען אין יענער צײַט געווען עטלעכע זייער גוטע פּעדאַגאָגן. איין רבי מײַנער, אַבֿרהם יצחק דער ליטוואַק, בײַ וועמען איך האָב געלערנט צווישן מײַן 8טן און 11טן יאָר, האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף תּנך, העברעיִש, דיקדוק און התחלת גמרא. ער איז געווען אַ מאָדערנער העברעער. חוץ די דערמאָנטע לימודים זײַנען פֿאַר די תּלמידים געווען דרײַ לערער — אין רוסיש, רעכענען און שרײַבן. ער אַליין האָט געפֿירט אַ קלאַס אין דײַטש און העכערן חשבון.

ער איז געווען אַ מאָדערנער מענטש און האָט קיין מאָל קיין האַנט אויף אַ קינד ניט אַרויפֿגעלייגט. ער פֿלעגט אָבער שרײַען, ווען מען האָט זיך מיט



עפּעס פֿאַרזינדיקט. אָבער צוליב זײַן ליטווישן דיאַלעקט פֿלעגט דער עפֿעקט פֿון זײַן שרײַען פֿאַרלוירן גיין. עס האָט געקלונגען קאָמיש, ווען ער פֿלעגט פֿאַרבײַטן דעם „ימין״ מיטן „שׂמאל״ פֿון דער שין. למשל ווען ער פֿלעגט אַ געשריי טאָן אויף איינעם: „דו שמאַרקאַץ!״, האָט מען זיך געמוזט אײַנהאַלטן מיט אַלע כּוחות ניט אויסצושיסן מיט אַ געלעכטער.

ווען איך בין אַלט געווען 7 יאָר האָט זיך, צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן, פֿאַר מיר אַנטפּלעקט, וואָס עס הייסט שיכּרות און צו וואָס דאָס קען פֿירן.

כאָטש נאָך אַ קינד, איז מיר פֿון דעסט וועגן אָפֿט אויסגעקומען צו זען ווי אַזוי שיכּורים פֿירן זיך אויף. איך פֿלעג אָפֿט באַגעגענען שיכּורע גויים אויף דער גאַס. די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק, אין וועלכער איך האָב דערקענט אַ שיכּור, איז געווען דאָס וואָס ער איז תּמיד געגאַנגען זיג־זאַג. איך האָב געוווּסט, אַז ווען איך באַגעגן אַ שיכּורן גוי, דאַרף איך אים אָפּטרעטן דעם וועג, כּדי איך זאָל פֿון אים ניט געשעדיקט ווערן. ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען איידער ער האָט זיך אָנגעשיכּורט האָב איך ניט געוווּסט. צווישן ייִדן האָב איך אַזעלכע באַשעפֿענישן ניט געזען, אַפֿילו ניט שׂימחת־תּורה אָוונט.

דאָס אָבער וואָס איך האָב איין מאָל געזען בײַ מײַנע עלטערן אין הויז האָט אויף מיר געלאָזן אַן אײַנדרוק אויף מײַן גאַנצן לעבן.

ומעשׂה שהיה כּך היה.

אין שכנות מיט אונדז האָט געוווינט אַ בעל־הבתּישע פֿאַמיליע. דער מאַן איז געווען אַ סוחר. ער האָט געהאַט אַ געשעפֿט פֿון קוילן (שטיינקוילן און האָלצקוילן) און אַנדערע פּראָדוקטן וואָס געהערן צו דעם דאָזיקן געשעפֿט. ער האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכקייט פֿאַר דעם „ביטערן טראָפּן״. מען האָט דערציילט, אַז ער איז איין מאָל אַוועקגעפֿאָרן צוליב געשעפֿט מיט אַ היפּשער סומע געלט, האָט מען אים אַהיימגעבראַכט אין זײַן אונטערוועש אָן אַ פּרוטה. די דאָזיקע פֿאַלן פֿלעגן פֿאָרקומען פּעריאָדיש. אין צווישנצײַט איז ער געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלער מענטש.

איין פֿרײַטיק צו נאַכט איז אונדזער פֿאַמיליע געזעסן אַרום דעם שבת־טיש. מיר האָבן שוין געהאַלטן נאָך די פֿיש און מען האָט דערלאַנגט די יויך־מיט־פֿאַרפֿל. עפֿנט זיך די טיר און דער שכן קומט אַרײַן מיט אַ „גוט שבת״. מײַן פֿאָטער נעמט אים פֿרײַנדלעך אויף, בעט אים זיך זעצן און פֿרעגט אים צי ער האָט שוין געמאַכט קידוש. ווען ער האָט געענטפֿערט אַז ניין, רוקט אים מײַן פֿאָטער צו די פֿלאַש מיט ווײַן וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש. דערזעענדיק אָבער, אַז אויפֿן טיש געפֿינט זיך אויך אַ פֿלאַש מיט יין־שׂרף (99ער), ווײַל ער בעסער מאַכן קידוש אויף בראָנפֿן. דער חילוק איז אָבער אין דער גרייס פֿון דער כּוסע. אין דער צײַט וואָס פֿאַר בראָנפֿן זײַנען די גלעזלעך קליינע, טרינקט מען אָבער אין אַדעס ווײַן פֿון טייגלעזער.

דער שכן האָט אַ פּנים געוואָלט יוצא זײַן לכל הדעות, האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַ טייגלאָז מיט דעם שטאַרקן ספּירט, געמאַכט קידוש מיטן שהכּל און עס

אַרונטערגעטרונקען בנשימה אַחת. מײַנע עלטערן זײַנען דערשטוינט געוואָרן. מײַן פֿאָטער האָט אים געוואָלט געבן אַ שטיקל חלה צו פֿאַרבײַסן, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין — מען דאַרף ניט...“

מיר זײַנען אַלע געזעסן ווי פֿאַרשטיינערט. דאָס עסן איז קאַלט געוואָרן. מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. פּלוצעם גיט ער אַ כאַפּ די פֿלאַש בראָנפֿן, גיסט זיך אָן נאָך אַ פֿול טייגלאָז און טרינקט עס אויס. כּהרף־עין האָבן מיר דערזען די טראַנספֿאָרמאַציע. זײַנע אויגן האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט און ער האָט אָנגעהויבן צו ברומען אומפֿאַרשטענדלעך ווילדע.

האָט מײַן פֿאָטער אים אויפֿגעהויבן פֿון בענקל (מײַן פֿאָטער איז געווען זייער אַ קרעפֿטיקער מענטש) און האָט אים אַרײַנגעטראָגן אין זײַן וווינונג.

דער שדים־טאַנץ פֿון דער נאַכט האָט זיך אויף תּמיד אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון.

דאָס שענסטע איז געווען, אַז אויף מאָרגן איז זײַן פֿאַמיליע אָנגעפֿאַלן אויף מײַנע עלטערן מיט זילזולים: הלמאַי זיי האָבן אַרײַנגענאַרט זייער מאַן און פֿאָטער און אים אָנגעשיכּורט. סטײַטש, ער האָט צעבראָכן דאָס געשיר און דאָס מעבל אין דעם אָנפֿאַל! מײַן פֿאָטערס קעגנטענה, אַז פֿאַרקערט, מיר זײַנען גאָר געווען די געליטענע, — ער האָט אונדז פֿאַרשטערט די שבתדיקע וועטשערע און האָט אויסגעטרונקען פֿאַר אַ רובל און אַ האַלבן בראָנפֿן, — האָט זיי ניט איבערגעצײַגט.

אין די יונגע קינדערשע יאָרן האָב איך מיך מיט מײַנע חבֿרים גאַנץ גוט פֿאַרטראָגן. מיר האָבן זיך געשפּילט, זיך אָפּט מאָל צעשלאָגן, זיך איבערגעבעטן און זיך ווײַטער געשפּילט. בלויז צו איין יינגל פֿון אַ יאָר אַכט, אין מײַנע יאָרן, נחום האָט ער געהייסן, האָב איך געפֿילט אַ שׂינאה. דאָס דאָזיקע געפֿיל איז געווען אַ קעגנזײַטיקס. ווען נאָר מיר האָבן זיך געטראָפֿן, האָבן מיר זיך געמוזט שלאָגן. פֿון דעסט וועגן האָבן מיר איינער דעם אַנדערן ניט אויסגעמיטן. אַזאַ באַגעגעניש מיט נחומען האָט אונדז איין מאָל שיִער געקאָסט דאָס לעבן.

ניט ווײַט פֿון אונדזער הויז האָט מען געבויט אַ נײַע געבײַדע פֿון עטלעכע גאָרן. די ווענט זײַנען שוין געווען פֿאַרטיק, די באַלקנס געלייגט, אַחוץ דעם דאַך. פֿאַר נאַכט, ווען די אַרבעטער זײַנען שוין אַוועק אַהיים, האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט אַרויפֿצוקלעטערן אויף דער געבײַדע און באַטראַכטן די וועלט פֿון דער הייך. ווײַזט אויס, אַז נחומען האָט אויך אָנגעכאַפּט אַ חשק צו אַזאַ אַוואַנטורע, ווײַל ווען איך בין געווען העט הויך האָב איך אים דאָרט געטראָפֿן. מיר האָבן זיך גלײַך אָנגעקוקט ווי די הענער און — „דאַווײַ דראַטסיאַ“, לויט אונדזער געוווינהייט. צו אונדזער גליק האָט אימעצער פֿון אונטן דאָס דערזען און אונדז געסטראַשעט צו דערציילן אונדזערע טאַטעס (פֿאַר טאַטעס האָט מען מורא געהאַט), און מיר האָבן זיך אָפּגעלאָזט און פּאַמעלעך אַרונטערגענידערט מיט גאַנצע ביינער.



חבֿרים, מיט וועלכע איך בין געווען גוטע פֿרײַנד בלבֿ־ונפֿש, האָב איך געהאַט דרײַ, און אַלע פֿון דער משפּחה — שוועסטערקינדער. אָבער מאָדנע, אין דער צײַט וואָס איך האָב זיך געקענט חבֿרן מיט יעדן פֿון זיי על צד היותר טובֿ, זײַנען זיי אָבער געווען דרײַ פֿאַרשיידענע טיפּן, אַזוי אַז זיי האָבן זיך איינער צום אַנדערן ניט געפּאַסט. איך האָב זיי אַלע דרײַ ליב געהאַט.

מאָטל בעלמאַן איז געווען אַ וווילער יינגל, אַ שטילער און אַ גוטער, אַ נאָכגיביקער, האָט שטאַרק געוואָלט לערנען, אָבער זײַן קאָפּ האָט ניט געקענט באַנעמען קיין שווערע זאַכן. אין זײַן הויז האָב איך מיך געפֿילט פֿולקום פֿרײַ. זײַנע עלטערן זײַנען געווען ווילע, האַרציקע מענטשן, אָן פּרעטענזיעס, און די קינדער זײַנען ניט געשטערט געוואָרן אין זייערע שפּילערײַען. איך האָב דאָרט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען. די וואָך פֿון פּסח און סוכּות איז אונדז דערלויבט געווען צו שפּילן אין ניס. נאָך יום־טובֿ אָבער האָבן מיר דאָס געמוזט אויפֿגעבן ביז דעם נאָענטסטן יום־טובֿ. די פּראָבלעם איז אָבער געווען וווּ אַהינצוטאָן די ניס. עסן האָט מען זיי ניט געקענט, ווײַל זיי זײַנען אינעווייניק געווען פֿאַרפֿוילט (נאָר מיט אַזעלכע ניס האָבן מיר זיך פֿאַרגונען צו שפּילן — זיי קאָסטן ביליק). פֿלעגן מיר לעבן זייער טיר אויסגראָבן אַ גרוב, אַרײַנלייגן די ניס און צוריק פֿאַרשיטן.

איציק כּאַכּאַם איז געווען דער היפּך פֿון מאָטלען. ער האָט גראָד יאָ געהאַט אַ גוטן קאָפּ צום לערנען, האָט שנעל אַלצדינג תּופֿס געווען. האָט ער אָבער געהאַט אַ חסרון: ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צום לערנען. אים איז דאָס לערנען גיך נימאס געוואָרן. מיט אים בין איך געגאַנגען צוזאַמען אי אין חדר אי דערנאָך אין דער שול. אָנהייב זמן פֿלעגט ער מיך תּמיד אַריבעריאָגן, צוליב זײַן שאַרפֿן קאָפּ, אָבער גאָר גיך איז עס אים נימאס געוואָרן און ער איז שוין ווײַטער געבליבן הינטערשטעליק און איך האָב אים שוין געדאַרפֿט אַרויסהעלפֿן. בטבֿע איז ער געווען אַ גוטער, און מיר האָבן זיך ליב געהאַט.

זײַן פֿאָטער, שלום כּאַכּאַם, איז געווען אַ מאָדערנער מענטש, אַ משׂכּיל. אין הויז האָט מען זיך געפֿירט אַריסטאָקראַטיש, „צירלעך־מאַנירלעך“. אַזאַ פּראָסטן חי־וקים ווי איך בין געווען האָט יענע סבֿיבֿה ניט געצויגן. דאָ שטיי ניט, דאָ גיי ניט, וויש זיך אָפּ די שיך פֿון יענער זײַט טיר — ס'איז מיר ניט געווען צום האַרצן. דערפֿאַר פֿלעג איך בײַ איציקן אין הויז ווייניק פֿאַרברענגען.

מײַן ליבסטער חבֿר איז געווען מײַן שוועסטערקינד יוסף אײַזיק יאָסיאָוויטש. אין אים האָב איך ניט געזוכט קיין מעלות אָדער חסרונות. ער איז מיר ליב געווען אַזוי ווי ער איז. ער איז מיר געבליבן אײַנגעבאַקן אין האַרצן ביזן לעצטן צי פֿון זײַן אָטעם. געשטאָרבן איז ער ערגעץ ווײַט אין טיף רוסלאַנד, וווהין ער איז עוואַקויִרט געוואָרן פֿון אַדעס איידער די נאַציס און די רומענער זײַנען די שטאָט באַפֿאַלן און די ייִדישע באַפֿעלקערונג אויסגעשאָכטן.

געבוירן און דערצויגן איז ער געוואָרן בײַ זייער אַ פֿאַנאַטיש פֿרומען טאַטן. זײַענדיק דער פֿאָטער פֿון אַן אַדעסער פֿאַמיליע פֿון צוויי טעכטער און אַ זון,

האָט ער כּסדר געציטערט, זיי זאָלן חלילה ניט אַראָפּגיין פֿון דרך־הישר, לויט זײַן באַגריף פֿון „ישר". ער האָט זיי אַפֿילו ניט געלאָזט לערנען די רוסישע שפּראַך. רוסישע ביכער זײַנען בײַ אים געווען טרייף פּסול. די מיידלעך האָבן זייערע ביכער געמוזט באַהאַלטן אונטערן בעט. ווען ער האָט איין מאָל אַרונטערגעלאָזט אַ מטבע און זיך אַרונטערגעבויגן אונטערן בעט עס אויפֿצוהייבן און דערזען רוסישע ביכער, האָט ער זיי מיט כּעס אַרויסגעוואָרפֿן אין הויף אַרײַן. ער האָט זיך אַפֿילו געהיט זײַן זון ניט צו לאָזן לערנען בײַ אַ ליטווישן מלמד, ווײַל ליטוואַקעס זײַנען ניט קיין חסידים, נאָר מתנגדים.

אויף מײַן שוועסטערקינד האָט אָבער אַזאַ אויפֿפֿירונג געהאַט אַ פֿאַרקערטע ווירקונג. ער האָט זיך געפֿילט געפּענטעט און אומבאַהאָלפֿן און געהאָפּט אויף דער צײַט אָדער דער געלעגנהייט אַרויסצורײַסן זיך פֿון טאַטנס רשות. דאָס האָט גורם געווען, ער זאָל קוקן אויף זיך ווי אויף אַ מער דערוואַקסענעם איידער מיר, זײַנע אַנדערע שוועסטערקינדער. אים איז ניט געווען צום האַרצן זיך מיט זיי צו חבֿרן.

אַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט און ער האָט עס אויסגעניצט אין עטלעכע יאָר אַרום, ווי איך וועל עס בײַ יענעם פּעריאָד דערציילן.

# אין דער שטאָטישער שול

ווען מײַנע עלטערן האָבן געטראַכט, אַז „דער ליטוואַק" האָט שוין ניט מער קיין תּורה פֿאַר מיר, האָבן זיי מיך אַרײַנגעגעבן אין דער שטאָטישער שול: „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע יעפּרוסי", ווו איך האָב געלערנט אַלגעמיינע לימודים. זיי האָבן אויך געהאַלטן צו מיר אַ ספּעציעלן רבין אויף גמרא, וועלכער פֿלעגט מיט מיר לערנען נאָך דער שול. דער דאָזיקער רבי איז געווען אַ גרויסער למדן. איך האָב סײַ פֿון די לימודי־קודש און סײַ פֿון די לימודי־חול שטאַרק הנאה געהאַט. אין שול בין איך תּמיד אַריבער פֿון איין קלאַס אין העכערן מיט אויסצייכענונגען. אין איין פֿאַל האָב איך באַקומען אַלע ווערק פֿון פּושקינען פֿאַר אַ פּרעמיע.

אין דער צײַט ווען איך האָב געלערנט אין שטאָטשול האָט דער מיניסטער פֿון פֿאָלקסבילדונג, באַזוכנדיק די שולן אין אַדעס, אויך אונדז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. די שול־אַדמיניסטראַציע האָט זיך געריכט אויף אים, און די אַטמאָספֿער איז געווען אַ פֿײַערלעכע. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אין אונדזער קלאַס. כּדי צו ווײַזן אים ווי גוט מען לערנט, האָט דער לערער מיך אויסגערופֿן. דער מיניסטער האָט מיר געשטעלט עטלעכע פֿראַגעס און זײַן ווערדיקט איז געווען — „אָטליטשנאָ" (אויסגעצייכנט). די דאָזיקע געשעעניש האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל און אפֿשר דאָס איינציקע מאָל אין מײַן לעבן, ווען איך האָב געזען און גערעדט מיט אַן אמתן מיניסטער פּנים־אל־פּנים.

מײַן גוטער רעקאָרד אין שול איז מיר מיט דער צײַט בײַגעשטאַנען, ווען איך האָב זיך גענומען אַ פּריווילעגיע וואָס איז געווען קעגן די רעגולאַציעס פֿון דער שול. גלײַך פֿון אָנהייב, בלית ברירה, האָבן מײַנע עלטערן מסכּים געווען, אַז איך זאָל די שול אויך באַזוכן שבת. נאַטירלעך האָט דאָס געהייסן, אַז איך האָב אויך געדאַרפֿט שרײַבן אום שבת. כאָטש זיי האָבן דערפֿון געהאַט גרויס עגמת־נפֿש, האָבן זיי דאָך, בעל־כּרחם, דערצו צוגעשטימט, קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען. ווען איך בין אָבער געוואָרן בר־מיצווה און שוין געדאַרפֿט אַלע עבֿירות נעמען אויף זיך, איז מיר דאָס גיין שבת אין שול זייער ניט געווען צום האַרצן. האָב איך אָנגעהויבן אויסצופֿעלן אין די שבתים. צום לערנען האָט עס מיר ניט געשאַט, ווײַל איך פֿלעג די אויפֿגעגעבענע אַרבעט זונטאָג קריגן בײַ מײַנעם אַ חבֿר און עס פֿאַרטיק מאַכן אויף מאָנטאָג. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען כּמעט אַ גאַנצן סעמעסטער, ביז מען איז אויף דעם געוואָרן אויפֿמערקזאַם און מען האָט מיך גערופֿן אין קאַנצעלאַריע אַרײַן צום אינספּעקטאָר אויף אַ דערקלערונג.

מײַן טענה איז געווען, אַז ס׳איז אַן עבֿירה לויטן ייִדישן דין צו גיין שבת אין שול, ווײַל מען באַדאַרף אויך שרײַבן. מײַן תּירוץ האָט אָבער ניט אויסגענומען. דער אינספּעקטאָר האָט מיר אָנגעוויזן, אַז אויך דער ראַבינער קומט שבת לערנען מיט די ייִדישע שילער רעליגיע, שרײַבט, און באַטראַכט עס גאָרניט פֿאַר אַן עבֿירה. האָב איך אים געענטפֿערט, אַז דער ראַבינער איז ניט קיין רבֿ: ער איז אַ „קאַזיאָני ראַווין”, ער איז אַ רבֿ בײַ דער רעגירונג. אַ „דוכאָווני” רבֿ וועט בשום־אופֿן ניט שרײַבן אום שבת. אָבער, ווי שוין געזאָגט, איז מײַן גוטער רעקאָרד מיר בײַגעשטאַנען און מען האָט מײַן ניט קומען שבת פֿאַרקוקט.

דער קלימאַקס איז אָבער געקומען בײַם סוף פֿון שוליאָר, בײַ די עקזאַמענס אין מײַן קלאַס:

בײַ אַ לאַנגן טיש אין קלאַסצימער זיצן אַלע לערער, און די שילער ווערן אייַנציקווײַז אויסגערופֿן און עקזאַמענירט.

ווען איך בין אויסגערופֿן געוואָרן, בין איך באַפֿרײַט געוואָרן פֿון דעם עקזאַמען. איך האַלט שוין בײַם אומקערן זיך צו מײַן זיץ, פּלוצעם ווענדט זיך דער אינספּעקטאָר צום „באַטיושקאַ” (דער גלח וועלכער פֿלעגט לערנען די קריסטלעכע שילער רעליגיע) בזה הלשון:

— וואָס טראַכט איר, באַטיושקאַ, וועגן שיינפֿעלדן? ער טענהט, אַז ס׳איז אַן עבֿירה צו קומען שבת אין שול זיך לערנען.

— שיינפֿעלד! — רופֿט זיך אָן צו מיר דער גלח מיט זײַן באַסאָווער שטימע. — וואָס רעדסטו? שבת טאָר מען ניט לערנען? גאָט האָט דאָך אומיסטן געגעבן דעם מענטשן דעם שבת, כּדי ער זאָל כאָטש איין טאָג אין דער וואָך קענען אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך אַלע זאָרג און זיך אָפּגעבן מיט גײַסטיקס, אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר און עפּעס לערנען. דו מיינסט, אַז דער שבת איז געגעבן געוואָרן, כּדי דו זאָלסט קענען מיט דער חבֿרה אַרומלויפֿן און זיך וואַרפֿן מיט שטיינער?

איך האָב מיט אים מסכּים געווען, אַז ער איז גערעכט. עס איז אָבער פֿאָרט אַן עבֿירה צו שרײַבן אום שבת, ווײַל די ייִדישע רעליגיע באַטראַכט שרײַבן פֿאַר אַ מלאָכה, און טאָן אַ מלאָכה אום שבת איז בפֿירוש פֿאַרבאָטן אין דער תּורה.

ס׳איז געבליבן אויף מײַנעם...

# די סלאָנימער ישיבֿה

מײַן ייִדישער רבי האָט זיך געקליבן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, האָט ער געראָטן מײַנע עלטערן צו שיקן מיך אין אַ ישיבֿה אין דער ליטע. ער האָט זיי דערציילט, אַז אין אַדעס געפֿינט זיך אַ פֿאַמיליע פֿון סלאָנים, גראָדנער גובערניע, וווּ עס איז דאָ אַ ישיבֿה וואָס ער האָט זייער געלויבט. די דאָזיקע פֿאַמיליע איז אויך אויף איר וועג קיין ארץ־ישׂראל, נאָר זיי האָבן זיך אויף אַ צײַט אָפּגעשטעלט אין אַדעס כּדי צו פֿאַרדינען אַ ביסל געלט. דער מאַן איז פֿון דער היים אַ שמיד, יאָשע דער שמיד, האָט ער דערווײַל אין אַדעס געעפֿנט אַ ווערקשטאַט צו מאַכן אײַזערנע בעטן. דער דאָזיקער ייִד האָט נאָך קינדער אין סלאָנים, אַ טאָכטער וועלכע וווינט אין זײַן הויז. בײַ איר וועל איך קענען וווינען, און זי וועט אויף מיר אויפֿפּאַסן.

נאָך דעם ווי מײַנע עלטערן האָבן זיך באַראָטן מיט זייער פֿרײַנד הרבֿ דוד שלמה סלושץ, אַ דיין אין אַדעס, האָט מען מיך, אין מײַן 14טן יאָר, אַוועקגעשיקט קיין סלאָנים אין דער ישיבֿה.

אָנקומענדיק קיין סלאָנים, בין איך פֿאַרפֿאָרן אין הויז פֿון יאָשע דעם שמיד, אויף ראָזשענויער גאַס. דאָס הויז האָט באַוווינט זײַן טאָכטער און פֿאַמיליע. מען האָט מיך פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען און איך בין גלײַך בײַ זיי געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית. זיי האָבן מיך באַוווּנדערט, וואָס אַ ייִנגל, אַזש פֿון אַדעס, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַליין ערגעץ אין אַ ווײַטער שטאָט צו לערנען תּורה. דער בעל־הביתל איז אַליין אויך געווען אַ לערנער, האָט ער מיר גוט געדינט פֿאַר אַ וועגווײַזער.

פּרנסה איז אָבער בײַ זיי געווען, ווי מען זאָגט, בדוחק. ער איז געווען אַ קנאַפּער פֿאַרדינער, און זיי האָבן געלעבט אין אָרעמקייט. פֿאַר מײַן עסן און וווינען האָבן זיי באַשטימט די גוואַלדאָוונע סומע פֿון 10 גילדן אַ וואָך ($1\frac{1}{2}$ רובל). איך האָב דעריבער מודיע געווען מײַנע עלטערן, אַז מיט 8 רובל אַ חודש (די סומע וואָס מען האָט בלויז געצאָלט מײַן ייִדישן רבין אין אַדעס) וועל איך גרינג קענען אויסקומען, ווײַל עס וועט מיר נאָך בלײַבן 2 רובל אַ חודש אויף זײַטיקע הוצאות. מײַנע עלטערן האָבן עס נאַטירלעך אויסגעטײַטשט, אַז דאָס לעבנסמיטל אין דער ליטע איז שפּאָט ביליק. דער פֿאַקט אָבער, וואָס מיר האָבן אַלע אין איינעם געגעסן די זעלביקע ביליקע מאכלים, האָט מיך פֿולשטענדיק צופֿרידנגעשטעלט. ווען איך האָב נאָך צוגעקויפֿט בײַ דער ייִדענע לעבן דער ישיבֿה פֿאַר אַ פּאָר גראָשן אַרבעס, איז מײַן מאָלצײַט שוין אין גאַנצן געווען פֿאַר פֿול. עפּעס איז עס בײַ מיר אויסגעקומען ווי אַ ציגײַנעריש לעבן, פֿון וועלכן איך האָב געהאַט הנאה.

פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג איך אויך פּראַווען אַן אמתע סעודה. דאָס פֿלעגט טרעפֿן, ווען איך האָב דערהאַלטן אַ „פּאָסילקע" פֿון דער היים. די סלאָנימער פֿאַמיליע אין אַדעס פֿלעגט אַלע מאָל מודיע זײַן מײַנע עלטערן, ווען אַ סלאָנימער אין אַדעס פֿאָרט אַהיים. דעמאָלט האָבן מײַנע עלטערן מיט אים מיטגעשיקט אַ פּעקל פֿאַר מיר. דאָס פּעקל איז געווייִנטלעך באַשטאַנען פֿון אַ גרויסן וווּרשט, אַ שטרודל, צוקער, טיי, אַ פֿלעשל ווישניאַק, אַ פֿונט מאַסלינעס און אַ טעפּל גענדזנשמאַלץ — אַ היפּש פּעקל, אָבער מען פֿלעגט עס גערן מיטנעמען און מיר עס פּינקטלעך אָפּגעבן.

אין אַזאַ צײַט פֿלעג איך פּראַווען אַ סעודה. אַחוץ אונדזער פֿאַמיליע פֿלעג איך אויך פֿאַרבעטן די פֿרײַנדלעכע שכנים (זיי זײַנען אַלע געווען גוט צו מיר) און זיי געבן פֿאַרזוכן פֿון די אַדעסער לאַקעטקעס. מיט דעם שמאַלץ האָט מען זיך גאָר פּאָסמאַקעוועט, עס אויסגעמישט מיט קאַשע־בולבע — אַן אמתער מאכל. די צרה איז נאָר געווען, ווען נאָך דעם ווי מען האָט שוין געמאַכט אַ ברכה און אַ שהחיינו אויף די מאַסלינעס (זיתים פֿון ארץ־ישׂראל) און עס גוט צעקײַט, האָבן זיי גענומען שפּײַען — אַ ברכה לבטלה, דאָס איז אַלע מאָל געווען דער ביטע־רער טראָפּן אין דער סעודה (זכר לחורבן). מיר האָט עס אָבער שטאַרק הנאה געטאָן.

דעם גרעסטן סורפּריז אין מײַן לעבן האָב איך געהאַט אין סלאָנים, נאָך דעם ווי איך בין דאָרטן אָפּגעווען דרײַ חדשים.

פּלוצעם, איין פֿרימאָרגן, איך עפֿן די אויגן, און עס שטייט פֿאַר מיר מײַן חבֿר יוסף אײַזיק. פֿאַר איבעררײַשונג האָב איך פֿאַרלוירן דאָס לשון.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָב איך אַרויסגעבראָמט מיט אַ טיפֿער באַסאָווער שטימע (פֿון דעם ראָזעווען ברויט מיט דעם קרופּניק האָט זיך אין די דרײַ חדשים מײַן שטימע געביטן פֿון אַן אַלט אויף אַ טיפֿן באַס).

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און באַרוּקט, האָט מײַן שוועס־טערקינד מיר דערציילט אָט וואָס:

זײַן שוועסטער מייקע וועלכע איז געווען אַן אידעאַליסטקע און בשתיקה פֿונעם פֿאָטער זיך באַטייליקט אין די קולטורעלע קרײַזן אין אַדעס פֿלעגט דעם ברודער אָפּט מוסרן פֿאַר זײַן גלײַכגילטיקייט צום לערנען. זי פֿלעגט מיך ברענגען פֿאַר אַ בײַשפּיל, וואָס איך בין אַוועקגעפֿאָרן לערנען: דאָס וועט מיך מיט דער צײַט מאַכן פֿאַר אַ געלערנטן מענטש, און ער וועט אויסוואַקסן אַ פּוסטער פּראַנט. אירע רייד האָבן אויף אים געמאַכט אַן אײַנדרוק. ווײַסנדיק אָבער, אַז זײַן פֿאָטער וועט אין קיין פֿאַל ניט צושטימען אים צו לאָזן פֿאָרן לערנען צו די ליטוואַקעס, די מתנגדים, האָט ער באַשלאָסן דאָס צו טאָן אָן זײַן פֿאָטערס וויסן. ווען עס וועט זײַן אָפּגעטאָן, וועט זײַן פֿאַרפֿאַלן — בעל־כּרחו יענה אָמן. ער איז אַוועק צו אַ מומע און איר געזאָגט, אַז דער טאַטע דאַרף האָבן פֿופֿציק רובל אַ גמילת־חסד אויף עטלעכע טעג, געקויפֿט אַ באַנבילעט קיין



סלאָנים און אַוועקגעפֿאָרן. אויפֿן וועג האָט ער געשיקט אַ בריוו אַהיים, דער־ציילנדיק, אַז ער דאַרשט נאָך לערנען; ווײַסנדיק אַז זײַנע עלטערן וועלן ניט מסכּים זײַן, איז ער געווען געצוווּנגען דאָס צו טאָן אָן זייער דערלויבעניש; ער פֿאַרזי־כערט זיי אָבער, אַז זײַנע מאָטיוון זײַנען ערלעכע. ער וועט לערנען אין איינעם מיט שמואלן, און די עלטערן וועט ניט באַנג טאָן.

מײַן פֿרייד איז געווען אומבאַשרײַבלעך.

נאָכן אויסניכטערן זיך פֿון דער פֿרייד איז פֿאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מיר זײַנען נאָך גאָרניט אַזוי זיכער, צי דער פֿאָטער זײַנער וועט אים ניט צווינגען אַהיימצוקומען. איך בין מיט אים אַוועק צום משגיח און דעם ראָש־הישיבֿה, זיי אַלץ דערציילט און זיי געבעטן, זיי זאָלן דעם פֿאָטער שרײַבן אַ בריוו און אים באַרוּיִקן. זיי האָבן עס געטאָן און פֿאַרזיכערט דעם פֿאָטער, אַז זיי וועלן האַלטן זייער השגחה איבער אים, אַז אין סלאָנים איז דאָ אַ חסידישער רבי מיט חסידים, און כאָטש די אַנדערע זײַנען ליטוואַקעס, זײַנען זיי ערלעכע ייִדן. דער בריוו האָט מײַן פֿעטער באַרוּיִקט, און ער האָט אַרײַנגעשיקט אַ שיינע נדבֿה פֿאַר דער ישיבֿה.

מײַן שוועסטערקינד האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי אַ פֿייגעלע וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט פֿון שטײַגל. קודם־כּל האָט ער זיך אײַנגעשאַפֿט אַ זילבערנע טאַבעק־פּושקע און אָנגעהויבן צו רייכערן און פֿאַרציִען דעם רויך און עס אַרויס־לאָזן דורך דער נאָז. און כּדי מיר צו ווײַזן, אַז ער איז אַ „בראַט", האָט ער מיך אויך אָנגעהויבן מכבד צו זײַן מיט זײַנע פּאַפּיראָסן, ביז איך האָב מיך אויך צו־געוווינט צום רייכערן און האָב שוין ניט געוואַרט, ער זאָל מיך מכבד זײַן, נאָר האָב אָנגעהויבן בײַ אים בעטן אַ פּאַפּיראָס.

— אַזוי? האָט ער זיך צו מיר אָנגערופֿן: אַז עס טאָרקעט דיך שוין, זײַ זשע אַזוי גוט און קויף זיך אַליין.

און איך האָב שוין אַליין אָנגעהויבן צו קויפֿן.

איך האָב מיט אים געלערנט בתורת חבֿר און ער האָט אין זיך אַ היפּש ביסל תּורה אַרײַנגעזאַפּט. דאָס איז אים שפּעטער אין זײַנע סוחרישע יאָרן גאַנץ גוט צו ניץ געקומען, איבער הויפּט ווען ער האָט זיך באַטייליקט אין געזעל־שאַפֿטלעכע טעטיקייטן. ער האָט אָבער ניט געקענט זיך אַזוי אַקלימאַטיזירן אין סלאָנים ווי איך. ער האָט אָנגעהויבן צו לײַדן אויפֿן מאָגן און אין אַ יאָר אַרום האָט ער געמוזט אַהיימפֿאָרן.

דעם אײַנדרוק, אַז אַ ציגײַנערישער שטייגער לעבן אָפּעלירט צו דער יוגנט, האָב איך אַרויסגעטראָגן פֿון מײַן צוקוקן זיך ווי אַזוי דאָס ישיבֿה־בחור־לעבן האָט געווירקט אויף מײַנע חבֿרים אין דער ישיבֿה.

בדרך־כּלל זײַנען זיי געווען, ווי מען רופֿט, אַ חבֿרה „פֿריילעכע קבצנים". דאָס „עסן טעג" און דאָס שלאָפֿן אין קלויז אָדער אין דער ישיבֿה אויף אַ סעניק האָט זיי ווייניק געקימערט. זיי האָבן זיך אויף דעם פֿאַר מיר קיין מאָל ניט באַקלאָגט. עס איז בײַ זיי געווען אַ טייל פֿון דער פּראָגראַם. קיין בזיון צו

עסן טעג האָבן זיי ניט געפֿילט, ווײַל אַפֿילו די בעלי־בתּים, בײַ וועמען מען האָט די טעג געגעסן, פֿלעגן זיך באַרימען, אַז זיי האָבן עס אויך דורכגעמאַכט, ווען זיי האָבן געלערנט אין אַ ישיבֿה; דערמיט האָבן זיי זיך געוואָלט שטעלן אויף אַ העכערער מדרגה.

ווען איינער האָט נאָך צוגעקראָגן אַ ביסל געלט פֿון דער היים, האָט ער זיך גאָר געפֿילט צופֿרידן. אָבער אַפֿילו די וועלכע זײַנען געקומען פֿון גאָר אָרעמע פֿאַמיליעס האָבן אויסגעפֿונען געווגוג פֿאָרטלען זיך צו שאַפֿן אַ ביסל מזומן. עטלעכע האָבן געהאַט מער ווי איין גאַנג טעג: עס זײַנען געווען מענטשן וועלכע האָבן געוואָלט שטיצן אַ ישיבֿה־בחור מיט אַ טאָג, אָבער ניט געוואָלט האָבן דעם קלאָפּאָט וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן, פֿלעגן זיי געבן דעם בחורל 10 אָדער 15 קאָפּיקעס מזומן, ער זאָל זיך אַליין קויפֿן עסן. האָבנדיק עטלעכע אַזעלכע איבעריקע טעג, האָט מען שוין געהאַט אויף די זײַטיקע הוצאות.

איך האָב געהאַט אַ חבֿר, אַ בריסקער, פֿלעגט ער עטלעכע מאָל דורכן זמן זיך אַריבערכאַפּן אַהיים און נאָך קומען צוריק מיט אַ פּאָר רובל אין קעשענע. ער פֿלעגט אַרונטערקריכן אונטער דער באַנק אויפֿן באַן, און ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אים אַפּירגעשלעפּט, האָבן די אַנדערע ייִדישע פּאַסאַזשירן אויף אים רחמנות געהאַט, דעם קאָנדוקטאָר באַצאָלט פֿאַרן בילעט און אים אַליין אויך מיטגעגעבן אַ ביסל געלט.

אין אַלגעמיין זײַנען די דרײַ יאָר וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין דער ישיבֿה בײַ מיר געווען זייער גליקלעכע. איך האָב זיך שנעל אַקלימאַטיזירט, גיך אײַ־בערגענומען דעם ליטווישן דיאַלעקט, זיך צוגעוווינט צום איינפֿאַכערן שטייגער לעבן פֿון דער ליטע און געוואָרן ווי איינער פֿון זיי.

בײַם סוף פֿון צווייטן יאָר האָט זיך אין מיר פֿאַראינטערעסירט אַ פּרוש. ער פֿלעגט זיך אויפֿהאַלטן אין זעלביקן קלויז, וווּ איך פֿלעג לערנען אַליין נאָך די ישיבֿה־שעהען. ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין זײַנע הענט, האָט מיט מיר אָנגעהויבן לערנען די מוסר־ספֿרים און די רעליגיעזע פֿאַרטיפֿונגען, אַזוי אַז ער האָט מײַן יונגע נשמה אין גאַנצן באַצוווּנגען. עס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפֿן אַזאַ שרעק פֿאַר זינד, אַז איך האָב געפֿילט, אַז איך קען זיך ניט אַ קער טאָן פֿון דאַנען אַהין, ניט האָבנדיק באַגאַנגען עפּעס אַן עבֿירה — ווייניקסטנס במחשבֿה. דאָס איז געווען די איינציקע צײַט, וואָס איך האָב זיך געפֿילט אומגליקלעך. אַצונד פֿאַרשטיי איך, פֿאַר וואָס עס איז מיר ניט שווער געווען שפּעטער צו פּועלן בײַ זיך אין גאַנצן אַראָפּצוואַרפֿן פֿון זיך דעם שווערן רעליגיעזן יאָך — תּפֿסת מרובה לא תּפֿסת, זאָגט די גמרא.

# דער ערשטער אַמעריקאַנער אין דער משפּחה

אין 1891, אונטער אַלעקסאַנדער דעם 3טנס ממשלה, האָבן זיך אָן אַ שיעור גזירות געשאָטן אויף ייִדישע קעפּ. מען האָט אין יענעם יאָר טויזנטער ייִדישע פֿאַמיליעס אַרויסגעטריבן פֿון מאָסקווע. זיי האָבן זיך אָבער געקענט באַזעצן אין יענע טיילן פֿון רוסלאַנד, וווּ ייִדן איז דעמאָלט געווען דערלויבט צו וווינען. נאָך ערגער אָבער איז געווען די גזירה אויף ייִדן, וועלכע האָבן געוווינט אין רוסלאַנד אויף אויסלענדישע פּעסער. זיי האָבן אין גאַנצן געמוזט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד. אין אַדעס האָט עס געטראָפֿן מער ווי טויזנט ייִדישע פֿאַמיליעס, און מײַנע עלטערן, די „טערקישע", בתוכם.

גאָט באַשאַפֿט אָבער תּמיד די רפֿואה פֿאַר דער מכּה. כאָטש אין דעם איצטיקן פֿאַל איז די רפֿואה געווען אַ רעזולטאַט פֿון אַן אַנדער מכּה.

נאָך מיט צען יאָר פֿריִער, אין 1881, האָט אַ גרויסער ייִאוש אַרומגעכאַפּט די ייִדן פֿון דרום־רוסלאַנד. די פּאָגראָמען אין אַדעס און אין אַנדערע שטעט אין אוקראַיִנע האָבן די ייִדישע יוגנט אַרײַנגעוואָרפֿן אין פֿאַרצווייפֿלונג. די אידעאַליסטן צווישן זיי זײַנען באַהערשט געווען פֿון צוויי פֿאַרשיידענע אידעאָ־לאָגיעס. ביידע גרופּעס האָבן מסכּים געווען, אַז אין רוסלאַנד איז פֿאַר זיי קיין צוקונפֿט מער ניטאָ. זיי מוזן אויסוואַנדערן. די פֿראַגע איז נאָר געווען — וווּהין?

מײַנע עלטערן זײַנען דעמאָלט געווען יונגע מענטשן, און בײַ זיי אין הויז פֿלעגן זיך צונויפֿקומען די יונגע־לײַטלעך — מײַן פֿעטער אַבֿרהם און זײַנע חבֿרים — און פֿרײַ אַרומריידן זייער לאַגע. מיר פֿלעגט אָפֿט אויסקומען צו זײַן דערבײַ, אָבער זיי האָבן זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. נאָך אַלעמען בין איך געווען אַ ייִנגל פֿון אַרום 7 יאָר. נאָר ווען זיי האָבן גערעדט וועגן קיסר, פֿלעגן זיי עס טאָן אין אַ נידעריקן טאָן, כּמעט זיך שושקען. מיט אַזעלכע זאַכן האָט מען זיך געהיט אַפֿילו פֿאַר אַ קינד. געדענק איך ניט וואָס זיי פֿלעגן זאָגן. אָבער ווען זיי האָבן אַרומגערעדט זייער תּכלית, האָט מען ניט נאָר גערעדט הויך, נאָר אַפֿילו זיך געאַמפּערט און געשריִען. איך געדענק, אַז זיי האָבן געטענהט, אַז אַלע ייִדישע שטאָטישע פּרנסות זײַנען „מאָשענסטוואָ" און „אָבמאַן" (שווינדל און אָפּנאַר), נאָר דער מוזשיק פֿאַרדינט ערלעך זײַן פּרנסה, און צו אַזאַ פּרנסה דאַרפֿן אַלע ייִדן זיך נעמען. איך, מיט מײַן קינדישן מוח, האָב דאָס ניט געקענט באַנעמען — ייִדן זאָלן ווערן מוזשיקעס. ווי אַזוי אַ מוזשיק לעבט אין דאָרף האָב איך ניט געוווּסט. איך האָב קיין דאָרף נאָך ניט געהאַט אָנגעקוקט. נאָר בײַ אונדז האָט געדינט אַ שיקסל פֿון אַ יאָר דרײַצן. זי איז געווען אַ ניאַנקע בײַ מײַן שוועסטערל, איז זי געווען פֿון אַ דאָרף. ווען איר פֿאָטער, דער מוזשיק,

האָט זי צו אונדז געבראַכט און איז יענע נאַכט געבליבן נעכטיקן בײַ אונדז. געדענק איך, האָט מײַן מוטער אים אויסגעבעט אין קיך אויף דער ערד און ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן אין די מלבושים מיט די שטיוול — עפּעס גאָרניט אַזאַ טײַערע מעצאָצע צו זײַן אַ מוזשיק, האָב איך געטראַכט.

איין גרופּע האָט געוועדנדט אירע אויגן קיין ארץ־ישׂראל. אַהין וועלן זיי פֿאָרן, זיך דאָרט באַזעצן אויף לאַנד, באַאַרבעטן דעם באָדן און פֿירן אַן ערלעך לעבן, ריין פֿון שטאָטישן שווינדל. זיי האָבן זיך גערופֿן „בילויצעס”, די ראָשי־תּיבֿות פֿון „בית יעקב לכו ונלכה”.

די צווייטע גרופּע אידעאַליסטישע יונגע־לײַט האָט זיך אויך געשטעלט ערדאַרבעט פֿאַר אַ ציל אין לעבן. נאָר זיי האָבן געווענדט זייערע אויגן קיין אַמעריקע — דאָס לאַנד פֿון גרויסע מעגלעכקייטן, וווּ אַלע עקספּערימענטן קענען אויסגעפּרוווט ווערן. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך גערופֿן „עם עולם”.

צו דער דאָזיקער גרופּע האָט אויך באַלאַנגט מײַן פֿעטער, מײַן מוטערס ברודער, אַבֿרהם אָפּאַטאָוו, 17 יאָר אַלט.

פֿון זייער אַמפּערן זיך וועגן ארץ־ישׂראל און אַמעריקע איז מיר מער געפֿעלן געווען ארץ־ישׂראל. די חומש־מעשׂיות האָבן גערייצט מײַן פֿאַנטאַזיע. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי מײַן פֿעטער און זײַנע חבֿרים פֿאָרן אַרום רײַטנדיק אויף ווערבליודן (קעמלען) און מוילאייזלען, אַזוי ווי יוסף מיט זײַנע ברידער. עס האָט געדאַרפֿט זײַן זייער אינטערעסאַנט. אַמעריקע, וואָס טייל האָבן אַזוי געלויבט, האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָרט פֿאָרט מען כּסדר אַרום אויף דראָזשקעס און עקיפּאַזשן — אָבער אַזעלכעס זעט מען דאָך אין אַדעס אויך. ווו זשע איז דער וווּנדער?

נאָך פֿיל וואָגלעניש אויפֿן וועג זײַנען זיי ענדלעך אָנגעקומען קיין אַמעריקע. פֿון די בריוו וואָס מיר האָבן אין יענער צײַט באַקומען פֿון אַמעריקע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייער חלום איז ניט מקוים געוואָרן. מײַן פֿעטער האָט אונדז געשריבן, אַז מען האָט אים אײַנגעאָרדנט אויף אַ פֿאַרם, אָבער די אַרבעט איז ניט פֿאַר זײַנע כּוחות. ער דאַרף אויסמעלקן 40 קי צוויי מאָל אַ טאָג און אַרומגיין אַרום זיי. ער האָט דעם פֿאַרם געמוזט פֿאַרלאָזן. ער איז דערנאָך מגולגל געוואָרן אין אַ פֿאַבריקשטעטל אין שטאַט מעין, וווּ ער אַרבעט אין אַ טעקסטיל־פֿאַבריק. דער אַרבעטסטאָג איז לאַנג און די שׂכירות — קורצע, אָבער דאָך גרינגער ווי אויסמעלקן 40 קי. ער שרײַבט אויך, אַז ער קלײַבט זיך אויסצולערנען עפּעס אַ מלאָכה. עס שאַפֿט זיך אים אַזאַ געלעגנהייט.

אין קאָנטראַסט צו די היימישע פּראָווינצשטעט איז אין אַמעריקע די באַדערפֿעניש פֿאַר אַ לאָקאַלער צײַטונג כּמעט אַן אַלגעמיינע. מען וועט זעלטן טרעפֿן אַ שטעטל אָן עפּעס אַ צײַטונג. איין מאָל אַ וואָך — אָבער אַ צײַטונג דאַרף זײַן.

אויך אינעם שטעטל, וווּ מײַן פֿעטער האָט געאַרבעט אין דער טוכפֿאַבריק,



אין ליסבאָנפֿאָלס, מעין, איז יעדע וואָך אַרויסגעגאַנגען אַ צײַטונג. די הכנסה פֿון דער צײַטונג איז אָבער געווען אַזוי קליין, אַז איר אַרויסגעבער האָט אויך געמוזט אַרבעטן אין פֿאַבריק אויף אַ לעבן צו מאַכן, און זײַן פֿרוי האָט נאָך אויך געדאַרפֿט האַלטן אַ „באָרדער” פֿאַר אַ מיטהילף צו דער פּרנסה. זייער באָרדער איז געווען מײַן פֿעטער.

זעענדיק ווי דער „פּאָבלישער” אַרבעט יעדע נאַכט, נאָך דער אַרבעט, אויפֿצוזעצן די צײַטונג, האָט מײַן פֿעטער פֿאָרגעשלאָגן אים צו העלפֿן און אין איין וועג זיך אויך אויסצולערנען שריפֿטזעצערײַ. דער אָנבאָט איז אָנגענומען געוואָרן און מײַן פֿעטער איז געוואָרן אַ זעצער.

אים האָט אָבער אָנגעהויבן צו עגבערן אין קאָפּ אַן אַנדער פֿראַגע: סטײַטש, אַזאַ קליינער גויִישער ייִשובֿ פֿילט אַ באַדערפֿעניש פֿאַר אַ צײַטשריפֿט, פֿאַר וואָס זאָל ניט געמאַכט ווערן אַ פּרווו בײַ אַזאַ גרויסער ייִדישער קהילה ווי אין ניו־יאָרק? אין ניו־יאָרק פֿלעגט דעמאָלט אַרויסגיין בלויז איין ייִדישע וועכנטלעכע צײַטונג, אַן אָרטאָדאָקסישע, די אידישע גאַזעטען, אַרויסגעגעבן פֿון כּתריאל צבֿי שׂרהזאָן. פֿאַר וואָס זאָלן די ייִדן אין ניו־יאָרק אויך ניט קענען אויסהאַלטן אַ פּראָגרעסיווע צײַטונג? האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט נאָך אַ יונגן מאַן וועלכער האָט מיט אים געאַרבעט אין פֿאַבריק, טאָמאַס ברוקס. זיי האָבן צונויפֿגעלייגט זייער אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל און זײַנען אָפּגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק צו גרינדן אַ צײַטונג.

פֿאַר דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג זײַנען צו זיי צוגעשטאַנען ווי רעדאַקטאָרן צוויי ראַדיקאַלע יונגע־לײַט: ברעסלאַווסקי, שפּעטער ד״ר ברעסלוי (דער פֿאָטער פֿון דער אָפּערע־זינגערין סאָפֿי ברעסלוי) און מאָזעס מינץ, שפּעטער ד״ר מינץ, און די יודישע פֿאָלקסצײַטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען.

די צײַטונג איז רעגלמעסיק אַרויס אַלע וואָך 4 יאָר, און האָט זיך צוגעמאַכט צוליב מחלוקות צווישן די שותּפֿים.

נאָך דעם ווי די שותּפֿים האָבן זיך צעטיילט, האָבן זיי יעדער באַזונדער געעפֿנט אַ דרוקערײַ אויף דער איסטסײַד פֿון ניו־יאָרק.

סײַ מיר אין אַדעס און סײַ מײַן פֿעטער אין ניו־יאָרק זײַנען זייער נײַגעריק געווען, אַז די יודישע פֿאָלקסצײַטונג זאָל אָנקומען צו דער משפּחה. איז עס אָבער פּשוט געווען אַן אוממעגלעכקייט. כאָטש די צײַטונג איז צו אונדז געשיקט געוואָרן, איז זי אָבער קיין מאָל ניט אָנגעקומען. דער צענזאָר האָט ניט דורכגעלאָזן. די צײַטונג האָט טאַקע אָפֿט אַטאַקירט די רוסישע רעגירונג פֿאַר פֿאַרפֿאָלגן ייִדן. האָט מײַן פֿעטער זיך געגעבן אַן עצה. ער האָט געקויפֿט אַ גרויסע לשנה טובֿה־קאַרטע, אײַנגעפּאַקט אין אַ זײַדענער ראַם און עס אונדז געשיקט אויף ראָש־השנה קיין אַדעס. אַזוי ווי אָבער עס איז געווען זייער אַ דעליקאַטע זאַך, האָט ער עס גוט אויסגעבעט אין אַ שאַכטל, אונטערגעלייגט 5 נומערן פֿאָלקסצײַטונג פֿון אונטן און פֿון אויבן, כּדי עס זאָל אויפֿן וועג ניט צעבראָכן ווערן.

מען האָט מײַן פֿאָטער מודיע געווען, אַז ער דאַרף קומען אָפּנעמען אַ פּעקל פֿון אַמעריקע. שבת האָט מײַן פֿאָטער מיך מיטגענומען צו טראָגן דאָס „בעטעלע" (אין רוסלאַנד האָט מען זיך אָן אַ בײַטעלע ניט געקענט ווײַזן אין אַ ביוראָ), און אָט וואָס איך האָב געזען:

דער צאָל־באַאַמטער עפֿנט דאָס שאַכטל, נעמט אַרויס אַלע צײַטונגען און לייגט זיי אָפּ אָן אַ זײַט (פּאַקפּאַפּיר), נעמט אַרויס די קאַרטע, וועגט עס אָפּ און הייסט באַצאָלן „פּאָשלינע" (אָפּצאָל) פֿאַרן זײַדענעם רעמל. נעמט עס ווידער אײַנפּאַקן ווי געווען. פּלוצעם כאַפּן זײַנע אויגן די עטלעכע געדרוקטע ווערטער: לשנה טובֿה תּכּתבֿו, בלײַבט שטיין און רופֿט זיך אָן: וואָס איז דאָס? געדרוקטע ווערטער? מען דאַרף עס פֿריִער שיקן צום צענזאָר.

מען קען זיך פֿאָרשטעלן וואָס מײַן פֿאָטער האָט איבערגעלעבט.

צום גליק האָט זיך אין ביוראָ צו יענער צײַט גראָד געפֿונען אַ ייִדישער יונגער־מאַן. ער האָט דעם באַאַמטן דערקלערט, אַז דאָס איז בלויז אַ נײַ־יאָר־ווינטשעוואַניע, און דאָס האָט געראַטעוועט די סיטואַציע. דאָס פּעקל מיטן פּאַקפּאַפּיר — 10 נומערן פֿאָלקסצײַטונג איז געבליבן בײַ מײַן פֿאָטער.

מײַנע עלטערן האָבן געהאַט 7 חדשים צו ליקווידירן זייערע געשעפֿטן איידער זיי האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד. דער פֿעטער אין אַמעריקע האָט זיי געראָטן, זיי זאָלן מיך גלײַך שיקן צו אים, איך זאָל זיך בײַ אים לערנען שריפֿט־זעצערײַ, כּדי אַז ווען זיי וועלן שפּעטער אונטערקומען, זאָל איך שוין אין שטאַנד זײַן זיי מיטצוהעלפֿן מיט מײַנע פֿאַרדינסטן.

האָב איך אויפֿגעגעבן די ישיבֿה און זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע.

# מײַן רײַזע קיין אַמעריקע

מײַן רײַזע קיין אַמעריקע סוף 1891 איז אין איין פּרט געווען ענלעך צו דער רײַזע פֿון די ייִדן פֿון מצרים צום „פֿאַרשפּראָכענעם לאַנד". אַנשטאָט מיט דעם נאָענטן וועג האָט מען זיי געפֿירט דורך אַרומיקע וועגן, ס'זאָל געדויערן לענגער.

פֿון דער ליטע, ווו איך האָב מיך דעמאָלט געפֿונען, קיין האַמבורג, ווו איך האָב זיך געדאַרפֿט אויפֿזעצן אויף אַ שיף צו פֿאָרן קיין אַמעריקע, איז לערך ניט געווען זייער ווײַט. האָט אָבער מײַן משפּחה אין אַדעס דורכויס געוואָלט, אַז איך זאָל אַהיימקומען זיך זען מיט אַלעמען איידער איך לאָז זיך אַוועק אין אַ ווײַטער מדינה, פֿון וואַנען מען האָט אין יענע צײַטן זיך זעלטן צוריקגעקערט. איך האָב דעריבער געמאַכט אַ דרײַטאָגיקע רײַזע אויף צוריק קיין אַדעס — און ס'האָט זיך געלוינט.

אין משך פֿון די פֿיר וואָכן אַרום די ראָש־השנהדיקע און סוכּותדיקע ימים־טובֿים בין איך געווען דער העלד פֿון טאָג. איך בין פֿון אַלעמען באַוווּנדערט געוואָרן, אַקוראַט ווי איך וואָלט זיך טריומפֿירנדיק צוריקגעקערט פֿון אַ רײַזע צום צפֿון־פּאָל. אין די דרײַ יאָר וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין דער ישיבֿה בין איך היפּשלעך אונטערגעוואַקסן, האָב באַקומען אַ טיפֿע באַסאָווע שטימע, עס איז מיר שוין אָנגעוואַקסן אַ פּוך אויף מײַן פּנים און איך האָב שוין אויסגעזען ווי אַ „סעריאָזנער", אַ „פֿאָלנער" מענטש. איך האָב פֿון דער אויפֿנאַמע שטאַרק הנאה געהאַט. דאָרט, אין דער ישיבֿה, בין איך געווען איינער פֿון עטלעכע הונדערט אַזעלכע ווי איך, דאָ, אין דער היים אָבער, ווער איך פֿון יעדן געצערטלט, יעדן טוט באַנג וואָס מען וועט מיך דאַרפֿן פֿאַרלירן לעולם־ועד. ספּעציעל האָט זיך מיט מיר די גאַנצע צײַט אָפּגעגעבן מײַן שוועסטערקינד און חבֿר יוסף אײַזיק. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַן אייגן טאַבעק־געשעפֿטל און האָט זיך געקליבן צו אַ סוחרישער קאַריערע.

מיט דער „צרת רבים חצי נחמה" האָב איך זיך אויך באַנוצט. צוליב דעם וואָס די גזירה אַרויסצושיקן פֿון לאַנד אַלע ייִדן וועלכע האָבן געוווינט אויף אויסלענדישע פּעסער האָט געטראָפֿן טויזנטער פֿאַמיליעס, האָבן זיך אין אויסלאַנד געגרינדעט קאָמיטעטן די דאָזיקע אומגליקלעכע באַהילפֿיק צו זײַן אויף זייער וועג קיין אַמעריקע. מען האָט אונדז געראָטן, אַז איך זאָל זיך באַנוצן מיטן „קאָמיטעט". נאָך אַלעמען בין איך ניט מער ווי אַ 16־יעריקער בחור וועלכער וואָלט געדאַרפֿט האָבן אויף זיך די השגחה פֿון עלטערע, געניטע מענטשן אויף אַזאַ ווײַטער נסיעה.

די פּלאָג פֿון „שוואַרצן די גרענעץ" האָב איך ניט געדאַרפֿט דורכמאַכן.

איך דאַרף זיך דאָך פֿון קיינעם ניט אַרויסגנבֿענען. פֿאַרקערט, מען וויל דאָך פֿון מיר פּטור ווערן. בין איך, ווי אַ פֿריץ, מיט דער באַן אַריבערגעפֿאָרן די גרענעץ פֿון וואָלאָטשיסק (אין רוסלאַנד) קיין פּאָדוואָלאָטשיסק (אין עסטרײַך). דערפֿאַר אָבער האָב איך באַלד געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט דער עסטרײַכישער מלוכה. מען האָט גענומען זוכן קאָנטראַבאַנד אין מײַן וואַליז. לאַנג האָט מען ניט געדאַרפֿט זוכן. גלײַך פֿון אויבן זײַנען געלעגן אויסגעלייגט אַכט פּעקלעך גוטער טאַבעק וואָס יוסף אײַזיק האָט מיר מיטגעגעבן צום רייכערן אויפֿן וועג.

— פֿון דעם פֿאָדערט זיך אַן אָפּצאָל — האָט מיר דער צאָל־באַאַמטער דערקלערט.

— וויפֿל אַ שטייגער? — פֿרעג איך.

ער האָט מיר געזאָגט אַ ציפֿער וואָס איז ווײַט אַריבערגעשטיגן דעם פּרײַז פֿון דעם טאַבעק (די עסטרײַכער רעגירונג האָט געהאַט אַ מאָנאָפּאָל אויף טאַבעק. דער פּרײַז איז געווען הויך און די קוואַליטעט — נידעריק. גוטער רוסישער טאַבעק איז ניט געווען בנימצא).

מײַן ייִדישער קאָפּ האָט זיך אָבער באַלד געגעבן אַן עצה:

— הער זיך אײַן — האָב איך געזאָגט צום באַאַמטן: דער דאָזיקער טאַבעק איז ניט צום פֿאַרקויפֿן. איך האָב אים מיטגענומען פֿאַר מײַן אייגענעם באַנוץ. איך האָב נאָך אַ לאַנגע רײַזע פֿאַר זיך. דאָס איז זייער גוטער טאַבעק. אויב דו ווילסט, וועל איך זיך מיט דיר צעטיילן און מיר וועלן ביידע הנאה האָבן.

דער דאָזיקער אויסוועג איז אים געפֿעלן געוואָרן, און איך האָב מײַן וואַליז צוריק פֿאַרפּאַקט.

אין פּאָדוואָלאָטשיסק אויף דער אַכסניא, וווּ איך און די אַנדערע עמיגראַנטן זײַנען פֿאַרפֿאָרן, האָט מען אונדז דערקלערט, אַז דער „קאָמיטעט" איז אַוועק פֿון דאָרט און געפֿינט זיך אַצונד אין לעמבערג. זײַנען מיר מיט דעם נאָענטסטן צוג געפֿאָרן קיין לעמבערג. דאָרט ווידער האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז ער, דער „קאָמיטעט", איז שוין גאָר אין קראָקע. זײַנען מיר געפֿאָרן קיין קראָקע — אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? אין קראָקע האָט דער „קאָמיטעט" אונדז אײַנגעשטעלט אויף אַן אַכסניא, האָט אונדז באַזאָרגט מיט מזונות און אונדז געהייסן וואַרטן ביז די גרופּע וועט זיך פֿאַרגרעסערן. דעמאָלט וועט מען אונדז אין איינעם טראַנספּאָרטירן קיין דײַטשלאַנד, וווּ דער דאָרטיקער „קאָמיטעט" וועט זיך פֿאַר אונדז ווײַטער זאָרגן.

אין קראָקע האָב איך פֿאַרבראַכט נײַן טעג. קיין עגמת־נפֿש האָב איך דערפֿון ניט געהאַט. איך האָב געהאַט צײַט זיך צוצוקוקן צום לעבן פֿון די גאַליציאַנער ייִדן און דאָס פֿאַרגלײַכן מיטן אָרעמען ייִדישן לעבן וואָס איך האָב געזען אין דער ליטע. איך בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז בײַ ביידע סאָרטן ייִדן איז די פּרנסה בדוחק...

אַ זאַך וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַ גרויסער קוריאָז האָב איך בײַגעוווינט



אין קראָקע, ווען איך בין צוגעקומען צו אַ שפּײַזקרעמל קויפֿן אַ הערינג. ס'איז אַרויסגעקומען אַ הויכער ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און פּאות, אין אַ לאַנגער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט אַ צילינדער־הוט, האָט אַרײַנגעשטעקט צוויי פֿינגער אין פֿעסל און אַרויסגעצויגן אַ הערינג פֿאַר מיר. מען זאָל פֿאַרקויפֿן הערינג אין אַ צילינדער־הוט האָב איך אויף מײַן לעבן ניט געזען. מען האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אַז דאָרט איז עס אַזאַ מאָדע — אַ „מאָדערנער" ייִד...

די צוויי וואַגאָנען וואָס דער „קאָמיטעט" האָט ספּעציעל אײַנגעאָרדנט פֿאַר אונדז עמיגראַנטן זײַנען געווען פֿון פֿערטן קלאַס — אָן בענק, אָן פּאָליצעס — אונדזערע חפֿצים האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד און האָבן אונדז געדינט ווי בענק זיך צוצושפּאַרן. דאָרט האָבן מיר דערפֿילט דעם כּוח פֿון אינערציע יעדעס מאָל ווען דער צוג האָט אונדזערע וואַגאָנען אַ שלעפּ געטאָן, אָדער ווען ער האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט. ס'האָט מיט אונדז געוואָרפֿן ווי אַ קדחת. אָבער מיר האָבן געלאַכט . . . מיט יאַשטשערקעס, ווי מען זאָגט אין אַדעס...

מיר זײַנען דורכגעפֿאָרן דורך ברעסלע, וווּ אַ קאָמיטעט האָט אונדז באַגעגנט בײַם באַן און אונדז סערווירט אַ גוטן מאָלצײַט. עלעגאַנטע ייִדישע דאַמען האָבן אונדז באַדינט, און די הערן האָבן אונדז טראַקטירט מיט ציגאַרן. מיר האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט אין בערלין, אָבער דאָרט האָט מען אונדז פֿון די פֿאַרשלאָסענע וואַגאָנען ניט אַרויסגעלאָזט. מיר האָבן בלויז געהאַט די באַפֿרידיקונג, אַז מיר וועלן זיך קענען באַרימען, אַז מיר זײַנען געווען אין בערלין.

ענדלעך זײַנען מיר אָנגעקומען קיין האַמבורג, וווּ אַ קאָמיטעט האָט אונדז באַגעגנט בײַם באַן, אונדז אײַנגעאָרדנט אין אַ ביליקן האָטעל, אונדז באַזאָרגט מיט שפּײַז, און יעדער איינער האָט זיך געמאָלדן אין זײַן שיפֿסקאַרט־קאַנטאָר, צו באַשטימען דעם טאָג ווען זײַן שיף פֿאָרט אָפּ קיין אַמעריקע.

דאָ האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל מיכשול, וואָס האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז איך האָב געהאַט אַ בחינמדיקע נסיעה קיין אַמעריקע.

מײַן פֿעטער, דער דרוקער אין אַמעריקע, האָט געהאַט אַ קאָסטאָמער, אַ פּעדלער, וועלכער פֿלעגט אויך געבן שיפֿסקאַרטן אויף אויסצאָלן. דער דאָזיקער אײַנפֿיר צו נעמען בײַ אַ פּעדלער אַ שיפֿסקאַרטע אויף אויסצאָלן האָט פֿיל געהאָלפֿן אַריבערצוברענגען נײַע אימיגראַנטן, כאָטש מען איז ניט געווען אין אַ לאַגע צו באַצאָלן פֿאַר זייער רײַזע. מען האָט דעם פּעדלער אײַנגעצאָלט אַ פּאָר דאָלאַר, באַקומען אַן אָנווײַזונג אויף אַ שיפֿסקאַרטן־געשעפֿט אין אַ פּאָרטשטאָט אין אייראָפּע, און דער עמיגראַנט האָט שוין געקענט פֿאָרן קיין אַמעריקע. שפּעטער, ווען דער אימיגראַנט האָט שוין אָנגעהויבן צו פֿאַרדינען, פֿלעגט ער אַליין אויסצאָלן דעם פּעדלער זײַן שיפֿסקאַרטע. דער פּעדלער האָט נאַטירלעך געהאַט אַ קרעדיט בײַ דער באַנק וואָס האָט געהאַנדלט מיט שיפֿסקאַרטן.

מײַן פֿעטער ווידער, כאָטש ער האָט ניט געדאַרפֿט קויפֿן אויף אויסצאָלן, האָט דאָך עס געקויפֿט בײַם פּעדלער, כּדי צו געבן זײַנעם אַ קאָסטאָמער צו פֿאַרדינען. ער האָט אים אָבער דערפֿאַר באַצאָלט במזומן.

פּאַסירט אָבער אַז דער פּעדלער באַנקראָטירט און דאָס שיפֿסקאַרטן־געשעפֿט האָט מער זײַנע אַנווײַזונגען ניט געוואָלט אָנערקענען.

ווען איך בין געקומען קיין האַמבורג און זיך געווענדט אין קאָנטאָר מיט מײַן אַנווײַזונג, האָט מען עס אָפּגעוואָרפֿן צוליב די דאָזיקע סיבות. עס האָבן ניט געהאָלפֿן מײַנע רייד, אַז מײַן פֿעטער האַלט אַ דרוקערײַ פֿון זעקס שפּראַכן (אויף זײַן בריוובויגן זײַנען געווען אויסגערעכנט אַלע זעקס שפּראַכן אין וועלכע ער דרוקט), אַז ער דאַרף ניט קויפֿן אויף אָפּצאָלן, אַז ער האָט זיכער פֿאַר מײַן שיפֿסקאַרטע באַצאָלט. די טענות זײַנען געווען אַרויסגעוואָרפֿן. איך בין געווען פֿאַרצווייפֿלט.

קומענדיק צוריק אויף מײַן אַכסניא, האָב איך זיך באַקלאָגט פֿאַרן בעל־הבית (אַ דײַטש), איז ער געוואָרן אויסער זיך פֿאַר כּעס. ער האָט אָנגעהויבן זידלען די בלוטזויגערס, די פּיאַווקעס, וואָס פּײַניקן די עמיגראַנטן וועלכע פֿאַלן אַרײַן אין זייערע הענט, באַשווינדלען די הילפֿלאָזע אין אַ פֿרעמד לאַנד. ער איז מיט מיר געגאַנגען אין געריכט און אָנגעגעבן אַן אָנקלאָג קעגן דעם שיפֿס־קאַרטן־געשעפֿט.

דער ריכטער האָט באַפֿוילן דער אָנגעקלאָגטער פֿירמע צו ברענגען אירע ביכער אין געריכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נומער פֿון מײַן שיפֿס־קאַרטע איז אַ באַצאָלטער. דער ריכטער האָט באַפֿוילן מיר צו געבן אַ שיפֿס־קאַרטע.

מײַן פֿעטער האָט זיך געריכט, אַז צוליב דעם פּעדלערס באַנקראָט וועל איך מסתּמא ניט קענען קומען אויף דער שיפֿסקאַרטע, און האָט זײַן פֿרײַנד אויף דעם אויפֿמערקזאַם געמאַכט. דער פּעדלער האָט דעריבער געקויפֿט אַן אַנדער שיפֿסקאַרטע, און מײַן פֿעטער האָט זי איבערגעשיקט קיין אַדעס. די דאָזיקע שיפֿסקאַרטע האָט מען אָבער ניט גענוצט. ווען מײַנע עלטערן זײַנען מאָנאַטן שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, האָבן זיי די שיפֿסקאַרטע צוריקגעבראַכט און מען האָט דאָס געלט צוריקגעקראָגן.

דעם 27סטן דעצעמבער 1891 בין איך אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ניט וואַרטנדיק, מען זאָל מיך קומען אָפּנעמען פֿון קעסל־גאַרדן, בין איך מיט מײַנע דרײַ פּעקלעך (וועלכע איך וואָלט מיט אַ ריינעם געוויסן געמעגט אַרײַנוואַרפֿן אין ים) צוגעפֿאָרן צו מײַן פֿעטערס דרוקערײַ אויף גרענד סטריט.

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געזען אַ דרוקערײַ און ווי אַזוי מען זעצט אויף שריפֿט און מען דרוקט.

# ערשטע טריט אין אַמעריקע

ווי דער שטייגער איז, האָב איך אויך מיטגענומען עטלעכע גרוסן איבער־צוגעבן צו קרובֿים אין ניו־יאָרק.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך אויסגערוט עטלעכע טעג פֿון דער לאַנגער נסיעה, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט איבערצוגעבן פּערזענלעך די גרוסן. צו שווער איז עס מיר ניט אָנגעקומען. אַלע קרובֿים האָבן געוווינט אויף דער איסטסײַד און אין עטלעכע אָוונטן איז עס אָפּגעטאָן געוואָרן.

איין פֿאַמיליע אָבער האָט געוווינט אויף טשערי־סטריט און טשערי־סטריט איז אין יענער צײַט פֿאַר ייִדן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ געפֿערלעכע גאַס. די גאַס איז מייסטנס באַוווינט געוואָרן פֿון אײַרישע גוֹיים פֿון נידעריקן קלאַס, און ווען אַ ייִד האָט זיך דאָרט באַוויזן, האָט ער זעלטן טרוקן אָפּגעשניטן. די אײַ־רישע באָמס פֿלעגן אים באַפֿאַלן, אים צופּן פֿאַר דער באָרד און אָפֿט אויך מכבד זײַן מיט אַ מתּנת־יד.

איך האָב אָבער געמיינט, אַז איך האָב זיך ניט פֿאַר וואָס צו שרעקן: קיין באָרד האָב איך ניט, ווי אַ גרינער זע איך שוין ניט אויס — מײַן פֿעטער האָט מיך אויסגעקליידט ווי אַן אַמעריקאַנער אין אַ נײַעם אָנצוג און אַ שטײַפֿן קאַפּעליוש, ווי עס איז דעמאָלט געווען די מאָדע — אַ בלאָנדער בין איך — האָב איך ניט וואָס מורא צו האָבן.

עס איז מיר טאַקע געלונגען אָנצוקומען צום טשערי־סטריטער אַדרעס אָן שוועריקייטן. ווען איך בין אָבער אַהיימגעגאַנגען, האָב איך באַמערקט ווי אַ חבֿרה־מאַן שטייט אין דער טיר פֿון אַ הויז, האַלט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט, און ווען עמעצער גייט פֿאַרבײַ, דערלאַנגט ער אים מיטן שטעקן איבער דעם האַרטן קאַפּעליוש. האָבנדיק אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז ער וועט מיך מן־הסתּם אויך ניט דורכלאָזן, האָב איך זיך צוגעגרייט פֿאַר דער אַטאַקע, בין אויף אים אָנגע־פֿאַלן פֿריִער און — אַנטלאָפֿן. לויפֿן האָב איך גראָד געקענט זייער גיך, און — זיך געראַטעוועט...

אינטערעסאַנט איז, אַז די זעלביקע טשערי־סטריט וואָס האָט מיר געגעבן אַזאַ קבלת־פּנים בײַ מײַן אָנקומען קיין אַמעריקע איז אין עטלעכע יאָר שפּעטער געוואָרן דער גן־עדן פֿאַר די גרינע און האַלב גרינע ייִדישע אימיגראַנטן וועלכע האָבן געבענקט נאָך „וואָזדוך" (פֿרישע לופֿט), האָבן עס אָבער אויף דער גע־דיכטער איסטסײַד ניט געקענט קריגן צוליב דער ענגשאַפֿט. טשערי־סטריט, צוליב איר נאָענטקייט צום איסט ריווער, איז געווען אַ סך לופֿטיקער ווי די אַנדערע גאַסן.

אַ פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿט האָט דאָרט אויפֿגעבויט עטלעכע פֿינפֿגאָרנ־

דיקע הײַזער — „מאָדל טענעמענטס״ האָבן זײ געהייסן. די הײַזער זײַנען געווען פֿאַרזען מיט וואַנעס און שפּריצבעדער און אויך הייסע וואַסער און וואַשטעפּ צו וואַשן די וועש. דער דאַך וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַלע הײַזער און האָט אַריבערגעקוקט צום טײַך איז אײנפֿאַך געווען ווי אַ גן־עדן התּחתּון פֿאַר די אײַנוווינער. זײ פֿלעגן זיך דאָרט צונויפֿקומען אין די זומער־אָוונטן, שעפּן פֿרישן „וואָזדוך״, זינגען רוסישע לידער און בענקען אַהיים.

ווען איך באַטראַכט זיך ווי לאַנג עס האָט גענומען די ניו־יאָרקער גבֿירים אָפּצושאַצן די נאָענטקייט פֿון איסט ריווער, אײדער זײ האָבן זיך אַהין אַריבערגעקליבן מיט זײער „טודאָר סיטי״, זע איך ערשט, מיט וויפֿל אונדזערע אַדעסער גרינהאָרנס האָבן אַרויסגעוויזן אַ בעסערן חוש פֿאַר פֿרישער לופֿט ווי זײ.

מײַן פֿעטער האָט אין די צען יאָר וואָס ער איז שוין געווען אין אַמעריקע זיך געהאַט פֿולשטענדיק אַמעריקאַניזירט, האָט באַזעסן די ענגלישע שפּראַך, איז אין אַלגעמײן געווען אַן אינטעליגענטער, קולטורעלער מענטש. ער האָט זיך גענומען מיט אמתער געטרײַשאַפֿט מיך צוצוגרייטן צום אַמעריקאַנער דרוקערפֿאַך. זײַענדיק פֿאַרנומען בײַ טאָג, האָט ער זיך אין די אָוונטן אָפּגעגעבן מיט מיר סײַ אין לערנען מיך שריפֿטזעצערײַ און סײַ די ענגלישע שפּראַך, כּדי איך זאָל קענען ווערן אַ גוטער ענגלישער דרוקער, וווּ דאָס פֿעלד פֿון באַשעפֿטיקונג איז גרויס.

דאָ איז מיר ווידער צו נוץ געקומען מײַן ליבע צו לערנען און צו אַרבעט. און אין משך פֿון 4 חדשים שלאָג איך זיך שוין פֿאַר פֿאַר אַ מיטגליד אין דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן און האַלט אויס דעם אײַנטריט־עקזאַמען. אין מײַ 1892, צו 17 יאָר, ווער איך אויפֿגענומען אין דער יוניאָן, פֿון וועלכער איך בין נאָך קיין איין טאָג ניט אויסגעבליבן.

די יוניאָן איז צו יענער צײַט געווען פֿאַרוויקלט אין אַ קאַמף מיט אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן. דאָס אייביקע רײַסן זיך פֿון מענטשן צו פֿירערשאַפֿט, דאָס וואָס יעדערער וויל גיכער זײַן אַ ראָש־לשועלים אײדער אַ זנבֿ־לאַריות האָט תּמיד ניט וויניק צרות אָנגעטאָן. דאָס קלײנע שריפֿטזעצער־יוניאָנדל פֿון וועלכע פֿערציק מענטשן האָט ניט געהאַט גענוג עליות פֿאַר אַלעמען. קיין פּרעזידענטן האָבן די ייִדישע יוניאָנס דעמאָלט ניט געהאַט; דאָס האָט געשמעקט מיט קאָנסערוואַטיזם. בײַ יעדן מיטינג האָט מען דערווײלט אַ פֿאָרזיצער, וועלכער האָט געקיניגט בלויז בײַ דעם אײנעם מיטינג. וואָלטן דאָך די אַמביציעזע מיטגלידער געדאַרפֿט זײַן צופֿרידן, ווײַל עס גיט דאָך מער געלעגנהייטן צו האַלטן דעם פֿאָרזיץ. איז אָבער די צרה געווען, וואָס מען איז ניט געגאַנגען כּסדר און יעדן געגעבן אַ געלעגנהייט, נאָר מערסטנס געווײלט די פֿעיִקערע צום פֿאַרדראָס פֿון די אַנדערע. איבער הויפּט האָט זיך דער קאַמף צעפֿלאַקערט צווישן ראָזענסאָן און רײפֿעל — צוויי פֿעיִקע מענטשן. די יוניאָן האָט אָבער מער צוטרוי געהאַט צו ראָזענסאָנען. בײַ יעדן ווערטערקאַמף צווישן די צוויי זײַנען די מיטגלידער געשטאַנען מיט ראָזענסאָנען.



ניט קענענדיק קריגן די מאַיאָריטעט פֿון דער יוניאָן אויף זײַן זײַט, האָט רײפֿעל פֿאַרטראַכט אַ טײַוולשן פּלאַן — די יוניאָן אין גאַנצן אומצוברענגען.

ער האָט צונויפֿגענומען עטלעכע פֿון זײַנע אָנהענגער, און מיט אַ פּאָר געוועזענע סטרײַקברעכער, וועמען די יוניאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפֿצונעמען, האָט ער געגרינדעט אַן אײגענע ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן.

דער קאַמף איז געווען זייער אַ פֿאַרביטערטער, אויף לעבן און טויט. צום גליק פֿאַר איר, איז די יוניאָן געווען געבענטשט מיט אַן עלעמענט פֿון יונגע, קאַמפּפֿלוסטיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט דעם שונא צו באַקעמפֿן. נאָך אַ קאַמף פֿון דרײַ יאָר איז די אָפּאָזיציע באַזיגט געוואָרן.

ווי פֿריִער אָנגעוויזן, איז די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין די ערשטע יאָרן פֿון די נײַנציקער פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געווען זייער ניט־געניט און ווי סײַ אין זייערע באַציִונגען צווישן די אײגענע מיטגלידער און סײַ צווישן איין אָרגאַניזאַציע מיט דער צווייטער. דאָס וואָס מען איז אין גאַנצן געווען אונטער דער השפּעה פֿון די צוויי ראַדיקאַלע ריכטונגען אין יענער צײַט — די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, וועלכע האָבן זיך כּסדר באַקעמפֿט, האָט גאָר אָפֿט אַרײַנגעפֿירט די פּאָליטישע מחלוקתן אין די יוניאָנס. דאָס האָבן אויך אָפֿט אויסגענוצט די פֿירער פֿון די יוניאָנס פֿאַר פּערזענלעכע אינטערעסן. דער פֿרימערער עלעמענט פֿון די ייִדישע אַרבעטער האָט מחמת דעם זיך געהאַלטן פֿון דער ווײַטן. די מיטינגען פֿלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן פֿרײַטאָג אין לאָקאַלן, וועלכע פֿלעגן אויך דינען ווי בתּי־תּפֿילה שבת און יום־טובֿ. אין דעם לאָקאַל איז געשטאַנען אַן אָרון־קודש. די פֿרומע האָבן ניט געקענט צוזען, ווי מען רײַבט אָן דאָס שוועבעלע אין אָרון־קודש אום שבת צו פֿאַררייכערן דאָס ציגאַרעטל. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז די פֿרימערע אַרבעטער זײַנען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון די כּלי־קודש און ס׳איז שווער געווען זײ צו אָרגאַניזירן.

דער פֿאַנאַטיזם פֿון די ראַדיקאַלן איז אָבער אויך ניט געווען קלענער.

אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַל האָט פּאַסירט מיט אַ שריפֿטזעצער פֿון טאָגעבלאַט, ליבערמאַן האָט ער געהייסן (ער איז געווען דער זון פֿון דעם באַרימטן אַהרן ליבערמאַן). ווען ער איז געקומען צו די פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן ווי אַ דעלעגאַט פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן, האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ דעלעגאַט און האָט אויסגעזעצט קעגן אַרײַננעמען אים, ווײַל ס׳איז דאָ אַ חשד אויף אים, אַז ער איז ניט קיין כּשרער סאָציאַליסט. ער האָט אַליין אים געזען פֿאָרן אויף דעם פֿערדטראַמווײַ וואָס לויפֿט אויף דער 14טער גאַס אין ניו־יאָרק. אויף יענער גאַס געפֿינט זיך אויך די הויפּטקוואַרטיר פֿון טאַמעני האָל, די קאָרופּטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק. וואָס פֿאַר אַ געשעפֿטן האָט ער אויף יענער גאַס, האַ?

די ניט־ייִדישע אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז פֿון ביידע ריכטונ־

גען, אי די סאָציאַליסטן אי די אַנאַרכיסטן, שטאַרק פֿאַרדאַמט געוואָרן. אַ פֿירער פֿון אַן אַמעריקאַנער יוניאָן האָט בײַ זיי קיין שענערן נאָמען ניט געהאַט ווי „לייבאָר־פֿייקער", און מיט אַזעלכע דעליקאַטע מיטלען האָבן זיי געהאָפֿט צו געווינען די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַר זייערע אידעאַלן. אַז עס האָט געהאַט גאָר אַ פֿאַרקערטע ווירקונג איז קלאָר. דאָס האָט אָבער אויך גע־ווירקט, אַז די ייִדישע יוניאָנס זאָלן זיך ניט דערנענטערן צו דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד. די פּסיכאָלאָגישע גרענעצן פֿון אַמעריקע זײַנען געווען הויסטאָן סטריט פֿון צפֿון־זײַט, טשערי סטריט פֿון דרום־זײַט, די בויערי פֿון מערבֿ־זײַט און דער איסט ריווער פֿון מיזרח־זײַט. מחוץ די דאָזיקע תּחומים איז מער קיין אינטערעס ניט געווען. דאָ האָט מען געלעבט און געקעמפֿט.

דאָס וואָס איך בין אַרײַן אין דער יוניאָן, ווען זי איז געווען פֿאַרוויקלט אין אַ ברודערקאַמף, האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. כאָטש איך האָב ווייניק געקענט בײַשטײַערן, זײַענדיק נאָך אומגעניט, האָט עס דאָך אויפֿגעקאָכט מײַן יונג בלוט אין אַ חשק צו קעמפֿן, און קאַמף איז בײַ מיר געוואָרן אַ טוגנד, עס האָט אָפּגעשוואַכט אין מיר מײַן פֿריִערדיקע מידה פֿון „שׂמח בחלקו".

די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן איז געווען די איינציקע יוניאָן אין דרוקערפֿאַך אויף דער ייִדישער גאַס. ווען אַ דרוקער האָט באַשעפֿטיקט אַ יוניאָן־זעצער, איז שוין זײַן דרוק פֿאַררעכנט געווען פֿאַר אַ יוניאָן־שאַפּ און ער האָט זיך געפֿילט באַרעכטיקט פּאַטראָניזירט צו ווערן פֿון עלעמענטן, וועמעס סימ־פּאַטיעס ס'זײַנען מיט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אַחוץ זעצער ווערן אָבער נאָך אַרבעטער באַשעפֿטיקט אין דרוקערפֿאַך: פּרעסלײַט, פֿידערס, בוכבינדערס, עלעקטראָטײַפּערס און פֿאָטאָ־ענגרייווערס. יוניאָנס פֿון יענע פֿאַכן זײַנען אין יענער צײַט שוין לאַנג געווען אין ניו־יאָרק, אָבער מיטן ייִדישן דרוקערפֿאַך האָבן זיי זיך ניט אינטערעסירט און די ייִדישע געגנט אין גאַנצן פֿאַרנאַכלעסיקט. די אויפֿפֿאָדערונג פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן, אַז זיי זאָלן אָרגאַניזירן זייער פֿאַך, איז איגנאָרירט געוואָרן. האָבן זיך די ייִדישע פּרעסלײַט און פֿידערס פֿונעם ייִדישן געגנט אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער ייִדישער יוניאָן. אַז זייער מערכה איז געווען אַ שלעכטע, איז קיין ספֿק ניט געווען. האָבן זיי געשטעלט פֿאָדערונגען צו זייערע בעלי־בתּים און האָבן אַרויסגעשיקט קאָמיטעס די דאָזיקע פֿאָדערונגען דורכצוזעצן. זיי זײַנען אויך געווען אַנטשלאָסן צו סטרײַקן, אויב זיי וועלן באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד פֿון די בעלי־בתּים.

איך האָב דעמאָלט געאַרבעט בײַ מײַן פֿעטער אין דרוק, ווען די קאָמיטע פֿון דער נײַער פּרעסמען־יוניאָן האָט זיך צו אים געווענדט, אַז ער זאָל אונטער־שרײַבן זייער קאָנטראַקט און נאָכגעבן זייערע פֿאָדערונגען. מײַן פֿעטער האָט אויפֿן מאָמענט זיך אָפּגעזאָגט, און די מיטגלידער פֿון יענער יוניאָן זײַנען פֿון דער קאָמיטע אַרויסגערופֿן געוואָרן אין סטרײַק. עס האָט אָבער ניט געדויערט קיין האַלבע שעה, ווי איינער פֿון דער סטרײַק־קאָמיטע האָט זיך אומגעקערט



און זיך אָנגעבאָטן צו פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון דעם סטרײַקער. דאָס האָט מײַן פֿעטער אַזוי אויפֿגעבראַכט, אַז ער האָט דעם פֿאַררעטער אָנגענומען פֿאַרן קאָל־נער און אים פֿון דער דרוק פּשוט אַרויסגעוואָרפֿן. ער האָט מיך גלײַך געשיקט אין דער יוניאָן צוריקצורופֿן זײַנע אַרבעטער און אונטערגעשריבן דעם קאָנ־טראַקט מיט דער יוניאָן.

די סאָציאַליסטישע אידעע איז מיר זייער געפֿעלן געווען. אין דער גע־רעכטיקייט פֿון אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן און געמיינשאַפֿטלעך אויסקעמפֿן אַ בעסער לעבן האָב איך קיין שום חסרון ניט געקענט געפֿינען. איך האָב זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי אַפֿילו דער גרעסטער שׂונא פֿון אַרבעטער קען געפֿינען אַ באַרעכטיקונג פֿאַר אומבאַגרענעצטער עקספּלואַטאַציע. האָבן דאָך מענטשן אין יענער צײַט תּמיד סימפּאַטיזירט מיט יענעמס סטרײַקערס; בלויז ווען דער מיטל איז אָנגעווענדט געוואָרן קעגן זיי אַליין האָבן זיי עס באַטראַכט פֿאַן אַן עוולה. מיר אָבער האָט געפֿעלט דער מאַטעריאַל צוריקצוּוואַרפֿן די אַר־גומענטן פֿון די קעגנער.

איך פֿלעג אָפֿט דעבאַטירן מיט אַ געוויסן מ"ר בוכנער; ער איז געווען אַן אַלטער מאַן, פֿון די דײַטשע יהודים. ער פֿלעגט פֿאַבריצירן פֿליגן־פּאַפּיר (אין וואָס פֿאַר אַ זאַכן עס זאָל זיך ניט האָבן געפֿילט אַ דוחק בײַ אַן אימיגראַנט אין יענער צײַט, האָט ער זיך אויף אַ דוחק אין פֿליגן ניט געקענט באַקלאָגן. זיי פֿלעגן דערגיין די יאָרן). זײַן פֿאַבריק האָט ער געהאַט טאַקע בײַ זיך אין וווינונג אויף ברום סטריט. ער האָט באַשעפֿטיקט קליינע קינדער פֿון 8 און 10 יאָר, וועלכע פֿלעגן נאָך דער שולצײַט בײַ אים שמירן מיט אַ באַרשט אויף פּאַפּיר אַ זיסע, גיפֿטיקע קלעפּיקייט. כּדי מען זאָל וויסן ווער און ווּ דער פֿאַבריקאַנט געפֿינט זיך, פֿלעגט ער די פּאַפּירן פֿון דער צווייטער זײַט דרוקן בײַ אונדזער פֿירמע.

אָט דער דאָזיקער מאַגנאַט איז עס געווען אַ פֿאַרטיידיקער פֿון „פֿרײַער אַרבעט" און פֿלעגט פֿאַרדאַמען דעם דעספּאָטיזם פֿון די יוניאָנס, וועלכע שטערן מענטשן צו לעבן פֿרײַ לויט דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. עקאָנאָמיש — פֿלעגט ער מיר אויך באַווײַזן ווי נוצלאָז די יוניאָנס זײַנען. דורך זייערע העכערע ווײדזשעס שאַפֿן זיי אַ יקרות אויף פּראָדוקטן, די גרעסערע הכנסה ווערט פֿון די אַרבעטער אָפּגעווישט דורך דער גרעסערער הוצאה, און זיי זײַנען ווידער דאָרטן ווּ זיי האָבן אָנגעהויבן. איך האָב געפֿילט, אַז ער איז ניט גערעכט, אָבער קיין סטאַטיסטישן מאַטעריאַל האָב איך ניט געהאַט. איך פֿלעג זיך פֿילן אַנט־וואָפֿנט. מיר האָט געפֿעלט דער „ודע מה שתּשיבֿ לאַפּיקורס".

אין ניו־יאָרק האָט דעמאָלט עקסיסטירט די „עטיקל קאַלטשור סאָסײַעטי". איר גרינדער און פֿירער איז געווען ד"ר פֿעליקס אַדלער. יעדן זונטאָג פֿאַר מיטאָג פֿלעגט די סאָסײַעטי אָפּהאַלטן אירע אָפֿענע פֿאַרזאַמלונגען, צו וועלכע דער אַלגעמיינער עולם האָט אויך געקענט קומען. ד"ר אַדלער פֿלעגט דע־מאָלט לייענען לעקציעס וועגן עטישער קולטור און אויך איבער פּאָליטישע פּראָגעס.

מײַן פֿעטער פֿלעגט די דאָזיקע „לעקטשורס" בײַוווינען און מיך אויך מיטנעמען. כאָטש די הויכע ענגלישע שפּראַך איז מיר געווען שווער צו פֿאַרשטיין, האָט ער אָבער געהאַלטן, אַז איך וועל האָבן נוצן דערמיט וואָס איך וועל הערן ווי אַזוי די ווערטער ווערן אַרויסגערעדט. אַזוי פֿלעגן מיר יעדן זונטאָג אין דער פֿרי אַוועקשפּאַצירן פֿון גרענד סטריט, ווו מיר האָבן געוווינט, ביז טשיקערינג האָל, 14טע סטריט און 6טע עוועניו, און אַהין אָנקומען פֿאַר 10 אַ זייגער. די אַטמאָספֿער דאָרט איז געווען זייער אַ געהויבענע. כאָטש איך האָב ווייניק פֿאַרשטאַנען פֿון דער לעקציע, האָב איך אָבער תּמיד גענאָסן אַן עונג רוחני.

מײַן פֿעטער האָט מיר אויך געגעבן לייענען די ביכער פֿון ראָבערט אינגערסאָל, וואָס האָט געשריבן און געפּריידיקט קעגן רעליגיע, און איבער הויפּט געפֿירט אַ מלחמה קעגן גאָט און די, וואָס רעליגיע איז זייער פּראָפֿעסיע. איך האָב אויך זײַנע לעקציעס באַזוכט. ווען איך בין נאָך אויך אָנגערעגט געוואָרן פֿון סאָציאַליזם, וואָס אין זײַן פּראָגראַם האָט ער אויך אַרײַנגענומען דעם אַנטירעליגיעזן קאַמף, האָב איך שוין מיט גאָר אַנדערע אויגן אָנגעהויבן קוקן אויף מײַן רעליגיעזער פֿאַרגאַנגענהייט, ווי אַ מענטש וואָס האָט געבלאָנדזשעט מיט אַ פֿאַרשלייערט פּנים אָן דעם אמתן ציל. זעלבפֿאַרשטענדלעך, אַז איך בין אויך געוואָרן אַן אַפּיקורס.

די דאָזיקע טראַנספֿאָרמאַציע איז אין מיר פֿאָרגעקומען נאָך אײדער מײַנע עלטערן זײַנען נאָכגעקומען קיין אַמעריקע.

# דאָס „גרינע" אימיגראַנטן־לעבן

ווען מײַנע עלטערן מיט די קינדער — מײַן שוועסטער, 14 יאָר און מײַן ברודער 10 יאָר אַלט — זײַנען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אַ האַלב יאָר נאָך מיר, איז דער גורל פֿון אונדזער פֿאַמיליע ניט געווען פֿיל אַנדערש ווי דאָס לעבן פֿון אַנדערע ייִדישע אימיגראַנטן אין די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

דער צענטער פֿון ייִדישן אימיגראַנטן־לעבן איז געווען די איסטסײַד. אָט ווי אַזוי זי האָט אויסגעקוקט פֿון דרויסן:

רידזש־סטריט האָט זיך, אַזוי ווי שפּעטער אָרטשאַרד־סטריט, אַנטוויקלט אין אַ נאַטירלעכן מאַרק, וווהין עס האָט געצויגן די ייִדישע בעל־הביתטעס צו קומען זוכן מציאות. אַחוץ די סטאָרס איז די גאַס געווען פֿאַרשטעלט פֿון ביידע זײַטן מיט פּושקאַרטס. די סטאָרקיפּערס האָט עס ניט געאַרט. אַדרבא, צוליב דעם וואָס דעם עולם האָט אַהין געצויגן האָבן זיי אויך געטאָן גוטע ביזנעס, ווײַל ניט אַלץ וואָס מען דאַרף קען מען קריגן אויפֿן וועגעלע; גייט מען שוין אַרײַן אין אַ סטאָר און מען גיט דאָרט צו לייזן.

רידזש־סטריט ווידער האָט זיך ערשט אַנטוויקלט נאָך דער ירידה פֿון העסטער־סטריט. אין די נײַנציקער יאָרן האָט העסטער־סטריט געקיניגט אויף דער ייִדישער גאַס ווי אַ נאַטירלעכער מאַרק פֿאַר אַלערליי מציאות. די גאַס האָט אַפֿילו ניט געטראָגן קיין קיניגלעכן נאָמען. מען האָט זי גערופֿן דער „חזיר־מאַרק", כאָטש קיין אמתן חזיר האָט מען אַפֿילו אַ מײַל אַרום ניט געקענט קריגן, האָט אָבער די גאַס כּשר פֿאַרדינט איר שיינעם נאָמען. איך האָב נאָך אַזאַ שמוציקע און פֿאַרעיפּושטע גאַס, ווי זי איז דעמאָלט געווען, אויף מײַן לעבן ניט געזען. דורכגייענדיק די גאַס, איבער הויפּט פֿאַר נאַכט אָדער בײַ נאַכט, האָט מען זיך געמוזט צוהאַלטן פֿאַרן נאָז... אַלע איבערגעבליבענע פֿאַרפֿוילטע גרינסן, פֿרוכט אָדער פֿיש (פֿיש האָט מען דעמאָלט פֿאַרקויפֿט אויף פּושקאַרטס) האָט מען איבערגעלאָזט אין רינשטאָק. ווי אַזוי קיין עפּידעמישע קראַנקייטן האָבן זיך דערפֿון ניט פֿאַרשפּרייט איז פּשוט געווען אַ נס מן השמים — און אפֿשר האָט עס יאָ באַווירקט דאָס געזונט פֿון די שכנים?

אין די סטאָרס אויף ביידע זײַטן גאַס האָט מען געקענט קריגן פֿון כּל טובֿ, פֿון די ביליקסטע ביז די טײַערסטע חפֿצים. בעל־הביתטעס וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט אַרויפֿגעאַרבעט און שוין געוווינט אַפּטאַון אין האַרלעם פֿלעגן דאָנערשטאָג אַרונטערפֿאָרן אין העסטער־סטריט אײַנקויפֿן אויף שבת. אַזוי ווי די הײַנטיקע פֿרויען לויפֿן אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס.

דער ריח־ניחוח האָט זיך אָבער אויך פֿאַרטראָגן אין די נאָזלעכער פֿון די

רעפֿאָרמער און סאָשעל־וואָירקערס, און מען האָט אָנגעהויבן זוכן עצות ווי אַזוי פֿון דעם דאָזיקן „פּאַבליק ניוסענס" פּטור צו ווערן. און ביסלעכווײַז, טריט בײַ טריט, איז די פּראָבלעם געלייזט געוואָרן.

אַזאַ מאַרק האָט נאָר דעמאָלט געקענט האָבן אַ קיום, ווען ער זאָל זיך קענען ציִען כּסדר אָן איבעררײַס. גייט די בעל־הביתטע גאַנץ באַקוועם און קויפֿט זיך אַלץ אײַן. די שטאָט האָט אָבער אָפּגעקויפֿט גאַנצע בלאָקן אין מיטן און אויפֿגעבויט אויף זיי סקולס, בײַ וועלכע מען האָט קיין פּושקאַרטס ניט דערלויבט צו שטיין. מען האָט אַראָפּגעריסן עטלעכע בלאָקן מיט פֿאַרפּעסטעטע און פֿאַרוואָרעמטע הײַזער און אויף זייער אָרט אויסגעלייגט אַ פּאַרק (דעם סיואַרד־פּאַרק) און פֿאַרפֿלאַנצטביימער און גראָז. האָט עס דעם רייץ פֿונעם חזיר־מאַרק אין גאַנצן אַוועקגעהרגעט. עס זײַנען נאָך אַפֿילו עד היום פֿאַרבליבן עטלעכע „דאַי־האַרדס", וועלכע ווילן ניט אָפּטרעטן פֿון דאָרט, זיי האָבן אָבער אַ פּנים פֿון חוזק — ניטאָ מער דער אַמאָליקער גלאַנץ...

קיין בעסערן סוף ווי די מאַרקגאַס האָט אויך ניט געהאַט רידזש־סטריט, די יורשטע פֿון העסטער־סטריט. פֿריִער האָט זי דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון אַנטוויקלונג, אַזוי אַז מען האָט שוין פּשוט דאָרט ניט געקענט די גאַס דורכגיין צוליב די סטענדס און פּושקאַרטס. בעת אַ פֿײַער זײַנען די פֿײַערלײַט געשטערט געוואָרן, זיי האָבן צו דער שׂרפֿה גרינג ניט געקענט צוקומען. רענט אויף די סטאָרס איז אומגעהײַער הויך געשטיגן, די פֿײַער־פֿאַרזיכערונג איז געווען אומנאַטירלעך הויך, ווײַל די פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿטן האָבן יענעם געגנט באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסער ריזיקע מכּמה טעמים... דעמאָלט האָבן זיך די העסטער־סטריט־חכמים פֿאַרטראַכט אויך דעם דאָזיקן מאַרק פֿון דאָרט אַוועקצונעמען.

די געלעגנהייט האָט זיך געשאַפֿן, ווען מען האָט אויפֿגעבויט דעם וויליאַמס־בורג־בריק איבער דילענסי־סטריט. צו מאַכן פּלאַץ פֿאַרן בריק האָט מען צענדלינגער בלאָקן מיט הײַזער, פֿון דער בויערי ביזן איסט ריווער אַרונטערגעריסן. אונטערן בריק, צווישן דעם געבוי, איז געווען אַ סך ליידיק אָרט וואָס האָט באַלאַנגט צו דער שטאָט. האָט מען באַשלאָסן דאָס דאָזיקע ליידיקע אָרט צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿרײַען מאַרק פֿאַר די פּושקאַרטס פֿון רידזש־סטריט. די דאָזיקע גזירה איז קיינעם ניט געווען צום האַרצן — ניט די פּושקאַרט־פּעדלערס און ניט די סטאָרקיפּערס. די אָפּעראַציע איז אָבער געמאַכט געוואָרן און די גאַס איז אָפּגערייניקט געוואָרן פֿון די פּושקאַרטס.

אין אַ קורצער צײַט איז די גאַס אויך אָפּגערייניקט געוואָרן פֿון די קונים, און די קרעמער האָבן זיך ביסלעכווײַז פֿון דאָרט אַרויסגערוקט. ווען מיר איז מיט יאָרן שפּעטער אויסגעקומען די גאַס דורכצוגיין, האָט עס מיך דערמאָנט אין דעם „איכה ישבה בדד". עס האָט מיר פֿאַרקוועטשט בײַם האַרצן.

דער לעבנס־סטאַנדאַרד איז דעמאָלט אויך געווען זייער אַ נידעריקער. אָבער אַפֿילו אין דעם נידעריקן שטייגער זײַנען געווען מערערע מדרגות. ניט



אַלע זײַנען געווען גלײַכע קבצנים. ווען אַן אימיגראַנטן־פֿאַמיליע האָט זיך שוין געקענט פֿאַרגינען אַליין צו פֿאַרווינען אַ דירה פֿון צוויי אָדער דרײַ צימערן און ניט דאַרפֿן האַלטן אַ פּאָר באָרדערס אָדער באָרדערקעס, זײַנען זיי שוין באַטראַכט געוואָרן פֿאַר די גליקלעכערע. האַלטן באָרדערס איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, איבער הויפּט אין יענע יאָרן, ווען די מייִנסטע אימיגראַנטן זײַנען פֿריִער געקומען אָן זייערע פֿאַמיליעס. כאָטש ניט אַלע גרינע האָבן אַפֿילו די דאָזיקע פּריווילעגיע זיך געקענט פֿאַרגינען — צו זײַן אַ באָרדער.

אויף דער איסטסײַד אין ניו־יאָרק זײַנען די גאַסן יעדע נאַכט געווען פֿאַרשטעלט מיט „עקספּרעסן". דער בעל־עגלה פֿלעגט אויסשפּאַנען זײַנע פֿערד, זיי אַוועקפֿירן אין אַ „סטייבל" און דעם עקספּרעס לאָזן שטיין אין גאַס ביז אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען ער האָט זײַנע פֿערד ווידער אײַנגעשפּאַנט. און אָט די דאָזיקע עקספּרעסן האָבן עלנטע גרינע גענוצט פֿאַר אַ נאַכטלעגער. מיט פֿיל יאָרן שפּעטער, ווען טייל פֿון זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַרויפֿגעאַרבעט און האָבן געוואָלט באַרעכטיקן זייער עקספּלואַטאַציע פֿון די פֿרישע גרינע, פֿלעגן זיי אַליין דערציילן, אַז זיי זײַנען די ערשטע צײַט געשלאָפֿן אין אַן עקספּרעס.

צווישן די באָרדערס אַליין זײַנען אויך געווען פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס: אַ סטאַרבאָרדער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען צו שלאָפֿן אויף אַן אויפֿשטעלבעטל. דערפֿאַר אָבער האָב איך געקענט אַ דרוקער וועלכער האָט יעדע נאַכט געמוזט אָפּשרויפֿן אַ טיר און זי אַוועקלייגן אויף צוויי שטולן און דערפֿון מאַכן אַ בעט. ער האָט ניט געקענט צאָלן אַזוי פֿיל ווי דער פּריווילעגירטער.

אונדזער ערשטע דירה איז געווען אויף סאָפֿאָלק־סטריט, לעבן העסטער־סטריט. זי איז באַשטאַנען פֿון צוויי צימערן — אַ שטוב און אַן אַלקער. די שטוב האָט אונדז געדינט פֿאַר אַ קיך, עסצימער, אויפֿנעם־צימער און שלאָף־צימער פֿאַר די קינדער. דער „בעדרום", וואָס האָט מער ווי אַ בעט אין זיך ניט געקענט אַרײַננעמען, ער איז געווען אָן אַ פֿענצטער און האָט ליכט און לופֿט גענאַשט פֿון דער שטוב, איז פֿאַרנומען געווען פֿון אונדזערע עלטערן.

די באַקוועמלעכקייטן זײַנען באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין האָל איז געווען אַ סינק פֿאַר אַלע פֿיר שכנים אויף יעדן גאָרן, און וואַסער, וואָס מען האָט געדאַרפֿט פּאָמפּען אַרויפֿצוקריגן עס העכער פֿון דעם ערשטן גאָרן. דאָס האָט געשאַפֿן אַ רעגעלע קאַטאַסטראָפֿע יעדן פֿרימאָרגן, ווען אַלע האָבן זיך געדאַרפֿט וואַשן כּמעט אין איין צײַט. ווען איינער אויף אַן אייבערשטן גאָרן איז געשטאַנען אַן אָנגעזייפֿטער און געפּאָמפּעט דאָס וואַסער האָט אַן אונטערשטער זיך מיט דעם באַנוצט און אויבן איז שוין קיין וואַסער ניט געגאַנגען. טראַגעדיעס פֿלעגן זיך אויך אָפּשפּילן, ווען מען האָט עפּעס אַ געדיכטע זאַך אַרײַנגעוואָרפֿן אין סינק און די שמוציקע וואַסער האָט ניט געקענט אַרונטער, דער סינק איז איבערגעגאַנגען און אַרונטערגערונען צו די אונטערשטע פֿלאָרס.

אַזאַ צרה איז, אַ קורצע צײַט נאָך אונדזער אַרײַנמופֿן אין דערמאָנטן „פּאַלאַץ", אויך אויסגעגאַנגען צו אונדזער קאָפּ. פּלוצעם גיט זיך אַן עפֿן די

טיר און אַ באַרג מיט קישקעס פֿון טשיקנס פֿליט גלײַך אויף אונדזער דיל באַגלייט מיט אַ געשריי פֿון דזשעניטאָר אויף אונדזער מוטער, דער „גרינער חיה", פֿאַר וואַרפֿן קישקעס פֿון טשיקנס אין סינק און אים פֿאַרשטאָפּן. עס האָט ניט געהאָלפֿן מײַן מוטערס טענות, אַז זינט מיר האָבן פֿאַרלאָזן אַדעס האָבן מיר נאָך קיין טשיקן אין די אויגן ניט אָנגעזען; אַז מיר קומען פֿון אַ שטאָט, וווּ די הײַזער האָבן מאָדערנערע אײַנריכטונגען — אים האָט עס ניט געקענט איבערצײַגן, ווײַל אויף אַ „גרינער" איז אַלץ צו גלייבן.

די ערשטע צײַט האָט מען געלעבט אין גאַנצן פֿון מײַנע פֿאַרדינסטן. מײַן פֿאָטער האָט זיך געלערנט אַ מלאָכה — פרעסן (ביגלען) מענערעק. די צרה מיט פרעסן אָבער איז, וואָס מען דאַרף דערצו האָבן אַ הייס אײַזן, וואָס ווען מען איז נאָך ניט געניט, קען מען מיט דעם אויך פֿאַרסמאַליען דעם ראָק; און אַז מען פֿאַרסמאַליעט דעם ראָק, מוז מען ניט נאָר באַצאָלן פֿאַרן ראָק, נאָר מען קריגט נאָך אויך צוגעלייגט די ווּעסט מיט די הויזן פֿון אַנצוג. דעם שאָדן גוט צו מאַכן האָט מײַן פֿאָטער אָפֿט געדאַרפֿט אָפּאַרבעטן וואָכן. די איינציקע פֿרייַלעכע זײַט פֿון דער צרה איז געווען, וואָס אָפֿט איז דער אַנצוג געווען גוט אויף מיר אָדער אויף מײַן פֿאָטער — האָבן מיר כאָטש געהאַט מלבושים לרוב.

מײַן שוועסטער, זייער אַ פֿעיִקע און געראָטענע, האָט מיטגעבראַכט אַ דיפּלאָם פֿון אַ מיטלשול אין אַדעס, זי איז אַלט געווען 14 יאָר. האָב איך פֿאַרגעלייגט, אַז זי זאָל זיך ווײַטער לערנען. מײַן פֿעטער אָבער איז געווען קעגן דעם. אין אַמעריקע, האָט ער געזאָגט, דאַרפֿן אַלע אַרבעטן. אַרבעט איז ניט קיין דערנידערונג, אַפֿילו אַ פרעזידענטס טאָכטער אַרבעט... (ער האָט ניט געזאָגט צי אַ פרעזידענט פֿון אַ באַן צי אַ פרעזידענט פֿון חבֿרה בני דלפֿון). איז זי אַוועק נייען קנעפּלעך אין אַ שנײַדערשאַפּ פֿאַר 2 דאָלאַר אַ וואָך. זי האָט זיך אָבער אין שאַפּ ניט געקענט צופּאַסן, זי האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן די ווולגאַרע באַמערקונגען פֿון די אַרבעטער אויף איר חשבון. דעם בעל־הבית האָט זי אויך ניט געקענט צופֿרידנשטעלן. זי איז ניט געזעסן גענוג אײַנגעבויגן איבער דער אַרבעט. „מאַדעמואַזעל", פֿלעגט ער איר זאָגן סאַרקאַסטיש, „אַזוי ווי איר זיצט, לעזט מען אַ בוך, ניט מען נייט קנעפּלעך". ווען זי פֿלעגט אַהיימקומען און דאָס אונדז דערציילן, איז אונדזער אײַנשטימיקער ווערדיקט תּמיד געווען: „אַזעלכע סוואָלאָטשעס! גיי מער אַהין ניט אַרבעטן". אַזוי אַרום איז זי מער „ניט געגאַנגען", ווי יאָ.

ניט ווייניק שפּאַס האָבן מיר געהאַט עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געוווינט אויף קלינטאָן־סטריט. מיר האָבן שוין באַוווינט דרײַ צימערן אין אַ „ריר־האָום". אין פֿראָנטהויז האָט געוווינט דער לענדלאָרד, אַ דײַטש, וועלכער האָט געהאַלטן אַ בעקערײַ. אַלע איבערגעבליבענע קייקס און ראָלס פֿלעגט ער אונדז פֿאַרקויפֿן בחצי חינם. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן פֿילן אַן אַדעסער טעם — גוטע ווינער זעמל, געשמאַקע געבעקס — אָפּגעפֿרישט אין אויוון זײַנען זיי טעם גן־עדן.



מײַן פֿאָטער האָט שוין געהאַט אָפּגעזוכט אַן אַדעסער פֿאַראיין און האָט זיך אין אים אָנגעשלאָסן. דער פֿאַראיין האָט אויך געהאַט אַ געדונגענע שול. אייגנטלעך איז עס אַ גאַנצע וואָך געווען אַ חתונה־ און טאַנץ־זאַל, נאָר אויף שבת און יום־טובֿ פֿלעגט ער פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שול צום דאַווענען.

אין איינעם אַ שבת פֿאַר נאַכט, בין מנחה למעריבֿ, ווען די אַדעסער לאַנדסלײַט זײַנען געזעסן אין שול, זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן און געבענקט נאָך אַדעס, האָט מײַן פֿאָטער, אַדרבא, פֿאַרענטפֿערט קאָלאָמבוסן. פֿאַר אַ בײַשפּיל האָט ער אויך געבראַכט זײַן דײַטש, דעם בעקער, וועלכער פֿאַרקויפֿט אמתע אַדעסער „זדאָבניעס", „פֿראַנזעלעס" און „פּיראָזשנעס". זיי זײַנען אַפֿילו נעכטיקע, אָבער אַז מען פֿרישט זיי אָפּ אין אויוון, זײַנען זיי זייער גוט און קאָסטן אַ קלייניקייט.

— איר ווייסט, ברודער שיינפֿעלד, פֿאַר וואָס דאָס געבעקס בײַם דײַטש איז אַזוי געשמאַק? — רופֿט זיך אָן איינער פֿון די אַדעסער לאַנדסלײַט, — דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל עס איז געבאַקן אויף „לאַרד" (חזיר־שמאַלץ).

— וואָס? — האָט זיך מײַן פֿאָטער געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ, — און איך האָב עס נאָך געטונקען אין קאַווע — פֿליישיקס מיט מילכיקס!...

אונדזער ווײַטערדיק געבעקס איז שוין געקומען פֿון העסטער־סטריט.

דער פֿאַרלוסט פֿון מײַן ברודער איז בײַ אונדז קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן געוואָרן. מיר האָבן תּמיד געהאַט דאָס געפֿיל, אַז זײַן טויט איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פֿון דעם געדריקטן לעבן וואָס אימיגראַנטן האָבן אין יענע יאָרן געפֿירט. ווען איך דערמאָן זיך, וויפֿל קינדער און דערוואַקסענע ס'זײַנען פֿריי־צײַטיק אַוועק נאָר דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען נאַכלעסיק און אומסאַניטאַריש באַהאַנדלט געוואָרן אין יענע יאָרן, פֿאַרשטיי איך דעם ברויזנדיקן פֿײַער פֿון פּראָטעסט, וואָס האָט געשטורעמט אויף דער יִדישער גאַס אין יענער צײַט.

דער מלאך־המוות שעכט און בלײַבט גערעכט — דאָס איז קיין מאָל ניט אַזוי אמת געווען ווי אין דעם פֿאַל פֿון מײַן ברודער, וועמעס לעבן ס'איז אויסגעלאָשן געוואָרן צו 11 יאָר. פֿון אַן איינפֿאַכן צאָנווייטאָג האָט זיך בײַ אים אַנטוויקלט אַ געשווילעכץ אין מויל. אַ דאָקטאָר פֿון דער געגנט האָט, ניט פֿיל קלערנדיק, אַליין מיט אַ מעסער וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן לעדערנעם בײַטל, אויפֿגעהאַקט די מכּה אין מויל. עס האָט שוין ניט געהאָלפֿן ווען מ'האָט דערנאָך, אויף זײַן רעקאָמענדאַציע, דעם יִנגל אַוועקגענומען אין „מאַונט סאַינאַי־האָספּיטאַל". ער האָט געקראָגן אַ בלוט־פֿאַרגיפֿטונג און אויסגעהויכט זײַן נשמה. אונדזער מוטער האָט זיך איר גאַנץ לעבן ניט געקענט טרייסטן.

דער קריזיס פֿון 1893 האָט אונדז אויך געטראָפֿן. דאָס איז געווען מײַן צווייטער זומער אין אַמעריקע. זומער איז אַלע מאָל שוואַך די אַרבעט בײַ דרוקער. אין יענעם יאָר איז עס אָבער געווען ערגער ווי געוויינלעך. אין דער יוניאָן איז געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. ניט קענענדיק געפֿינען אַרבעט

בײַ מײַן פֿאַך האָב איך באַשלאָסן צו זוכן וועלכע ניט איז אַרבעט אַריבערצו־שטופּן די שלעכטע צײַט.

אַ שכן האָט מיר פֿאַרגעלייגט מיך מיטצונעמען אין אַ בלעכפֿאַבריק, ווו ער אַרבעט. דאָס וואָס איך בין ניט קיין בלעכער, וועט מיר ניט שטיין אין וועג, האָט ער געזאָגט. איך דאַרף זיך נאָר אָנגעבן פֿאַר אַ בלעכער, וועט מען פֿאַר מיר שוין געפֿינען אַרבעט. דער טאָג אַרבעט איז פֿון 7 אַ זייגער אין דער פֿרי ביז 7 אַ זייגער פֿאַר נאַכט מיט אַן איבערײַס פֿון 30 מינוט אויף עסן מיטאָג. די פֿאַבריק איז געווען אויף דער 34סטער סטריט און 10טער עוועניו — זייער אַ ווײַטער מהלך פֿון קלינטאָן־סטריט. אָבער שלעפּנדיק זיך אַ שעה מיט אַ פֿערד־טראַמווײַ איז מען אַהין בשלום אָנגעקומען.

דער פֿאָרמאַן וועלכער האָט גערעדט דײַטש האָט מיך צוגענומען און האָט מיר באַשטימט די שׂכירות פֿון 6 דאָלאַר אַ וואָך.

דעם ערשטן האַלבן טאָג האָב איך געבונדן פּעקלעך, צונויפֿגעבונדן בלעכענע קוימענס. דעם צווייטן האַלבן טאָג האָט מען מיך אַוועקגעשטעלט בײַ אַ האַק־מאַשין, ווו איך האָב באַדאַרפֿט, שטייענדיק אויף איין פֿוס, האַקן שטיקער בלעך, לויט אַן אָנגעצייכנטער ברייט, מיטן צווייטן פֿוס. איך האָב פֿלײַסיק געאַרבעט און געמאַכט גענוג שטיקער בלעך, אַז דער פֿאָרמאַן איז מיט מיר געווען צופֿרידן.

ווען איך בין אַהיימגעקומען און דערציילט די חכמה, ווי איך האָב דעם פֿאָרמאַן אָפּגענאַרט און אים געזאָגט, אַז איך בין אַ בלעכער, איז אַלעמען געפֿעלן מײַן אײַנפֿאַל.

איך בין פֿרי געגאַנגען שלאָפֿן, כּדי איך זאָל קענען אויפֿשטיין צו זײַן בײַ צײַטנס בײַ דער אַרבעט. איך האָב זיך אָבער אויף מאָרגן אין דער פֿרי ניט געקענט אויפֿהייבן. אַלע אבֿרים האָבן מיר שרעקלעך וויי געטאָן. איך בין שוין צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען.

ווען אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין יענער געגנט, איז מיר אײַנגעפֿאַלן צו פּרוּוון אײַנמאָנען דעם דאָלאַר פֿאַר דעם טאָג אַרבעט. וואָס קען איך אָנווערן, האָב איך געטראַכט, וועט מען מיר ניט וועלן באַצאָלן, ווײַל איך האָב ניט אויסגעאַרבעט די וואָך — איז ניט. צו מײַן גרויסער איבערראַשונג האָט מיך דער פֿאָרמאַן גאַנץ פֿרײַנדלעך באַגעגנט, נאָר ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט פֿאַר מיר גראָד קיין אַרבעט ניט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין ניט געקומען זוכן קיין אַרבעט, נאָר ער זאָל מיר באַצאָלן פֿאַרן טאָג אַרבעט וואָס מיר קומט, האָט ער מיר דערלאַנגט — ניט 1 דאָלאַר, נאָר $1.50 — ווײַזט אויס, איך בין נאָך אַלעמען געווען גאָר אַ בישקשהדיקער בלעכער...

# „די פֿריילעכע נײַנציקער"

די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ווערן פֿון די אַמערי־קאַנער באַצייכנט ווי די „גיי נײַנטיז" — די פֿריילעכע נײַנציקער — די אַמאָליקע גוטע צײַטן. אפֿשר איז יענע צײַט בײַ די אַמעריקאַנער טאַקע געווען אַ גוטע און אַ פֿריילעכע. די נײַנציקער יאָרן ווי איך האָב זיי אָבסערווירט אין אַמעריקע, ווען איך בין אַהערגעקומען, האָבן גיכער געקענט באַצייכנט ווערן ווי „די דאַרק איידזשעס" — דאָס פֿינצטערע מיטל־עלטער. עס קען זײַן, אַז ווען אַ בת־קול וואָלט געקענט אַראָפּקומען פֿון הימל, וואָלט עס אויסגעשריגן „אלו ואלו דבֿרי אלהים חיים" — ביידע זײַנען אמת. עס ווענדט זיך נאָר — פֿאַר וועמען.

פֿון דעם פֿריילעכן לעבן אין די נײַנציקער האָב איך ווייניק גענאָסן. אַחוץ דעם, וואָס איך האָב פֿון צײַט צו צײַט באַזוכט אַן ענגליש טעאַטער — אויף אַ „פּעס" — ווײַל אין דער דרוקערײַ ווו איך האָב געאַרבעט פֿלעגט איך אַרײַנפֿאַלן טעאַטער־אַרבעט. האָבן דאָך שוין זעצער אַ חזקה פֿון שנים קדמוניות אויף אַ פֿרײַען פּעס.

אַ ביליקע פֿאַרווײַלונג האָט מען אויך געקענט געפֿינען אין אַ מיוזיק־האָל. אויף דער בויערי זײַנען דעמאָלט געווען מיוזיק־האָלס ווו מען פֿלעגט געבן פֿרײַע וואָדעוויל־פֿאָרשטעלונגען. עס האָט זיך נאָר געפֿאָדערט, אַז מ׳זאָל קויפֿן אַ גלאָז ביר אָדער סאַרסאַפּאַרילאַ. כּל־זמן די גלאָז איז נאָך ניט געווען ליידיק האָט מען געקענט זיצן בײַם טישל און קלײַבן נחת פֿון די אונטערהאַלטער. אַזוי באַלד אָבער ווי מען האָט זיך מיט דער משקה פּאָסמאַקעוועט „ביזן לעצטן טראָפּן", איז גלײַך ווי פֿון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן דער קעלנער און אַוועקגעשטעלט אַן אַנדער גלאָז ביר און — געפּטרט נאָך אַ ניקל... איך האָב ניט איין מאָל באַמערקט, ווי באַזוכער קוקן מיט זשעדנע אויגן אויפֿן ביר וואָס ווערט אויסגעוועפּט, ס׳איז שוין ניט געבליבן קיין סימן פֿון שוים, און מ׳האָט עס מורא אויסצוטרינקען, ווײַל מ׳קען זיך ניט פֿאַרגינען דעם צווייטן ניקל — די גיי נײַנטיז!

מײַנע חבֿרים פֿון דרוקערײַ פֿלעגן געפֿינען פֿאַרווײַלונג אויך אין טאַנצזאָל. אויף מאָרגן פֿלעגן זיי מיר דערציילן, ווי זיי האָבן דאָרט אונטערגעהוליעט מיט די מיידלעך. מיך האָט עס אָבער אַהין ניט געצויגן. צי דערפֿאַר, וואָס איך האָב נאָך אין זיך געהאַט די שעמעוודיקייט פֿון דעם ישיבֿה־בחור, צי דערפֿאַר, ווײַל איך האָב זיך אינטערעסירט מיט העכערע זאַכן, צי ביידע צוזאַמען — נאָר איך האָב זיך אין יענע תּענוגים ניט באַטייליקט.

פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט אויסברעכן סקאַנדאַלן וועגן די טאַנצשולן, און די

פּרעסע און די רעפֿאָרמער פֿלעגן קלאַפּן טרעוואָגע, אַז די פֿלעצער זײַנען נעסטן פֿון ווײַסער שקלאַפֿערײַ. איסטסײַדער קינדער, יונגע מיידלעך, כּדי צו געניסן אַ ביסל פֿאַרווײַלונג כאַפּן זיך אַרײַן אין די טאַנצשולן אין אָוונט, אַן דעם וויסן פֿון זייערע עלטערן. קומענדיק אַן אַ העט, טשעקן זיי אַ פֿאַרטעך און באַצאָלן צען סענט. אין די דאָזיקע פֿלעצער געפֿינען זיך אַלפֿאָנסן, וועלכע לאָקערן אויף זייערע קרבנות. ניט איין מיידל פֿלעגט פּלוצעם פֿאַרפֿאַלן ווערן און מען האָט ניט געוווּסט, ווו איר געביין איז אַהינגעקומען.

מיך האָט איין מאָל שטאַרק פֿאַרחידושט, ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין אַ באַרבערשאַפּ און דאָרט געטראָפֿן פּראָפֿעסאָר לאָזינסקין „רײַבנדיק אַ מאָרדע" אַ קאָסטאָמער. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריִער האָב איך פֿאַר דעם „פּראָפֿעסאָר" אויפֿגעזעצט אַ צירקולאַר מיט זײַן בילד, אין וועלכן ער רעכנט אויס די שבֿחים פֿון זײַן „טאַנץ־אַקאַדעמיע". אויפֿן בילד האָט ער באמת אויסגעזען ווי אַ פּראָפֿעסאָר, און דאָ פּלוצעם איז ער גאָר אַ באַרבער בײַ טאָג און אַ פּראָפֿעסאָר בײַ נאַכט. ער איז אָבער ניט געווען קיין אויסנאַם. איך האָב אויסגעפֿונען, אַז אַמעריקע איז אַ פֿרײַ לאַנד. יעדער מעג זיך צו זײַן נאָמען צושטעפּן וואָס פֿאַר אַ טיטל אים געפֿעלט — דאָקטאָר אָדער פּראָפֿעסאָר אָדער רעווערענד. פֿאַרוואָס זשע טאָר עס אַ באַרבער ניט טאָן?

אַ קוואַל פֿון אימיגראַנטישער פֿאַרווײַלונג אין יענער צײַט איז אויך געווען די „שיצען־פֿאַראיינען". דאָס האָבן ייִדן אייגנטלעך איבערגענומען פֿון די דײַטשן. די דײַטשן האָבן, ווײַזט אויס, פֿון אייביק אָן זיך ליב געהאַט צו שפּילן אין סאָלדאַטן. האָבן זיי געגרינדעט שיצען־פֿאַראיינען, פֿלעגן טראָגן מיליטערישע אוניפֿאָרמען בײַ זייערע מיטינגען און פֿאַראַדירן איבער די גאַסן, ווען עס איז נאָר געווען אַ געלעגנהייט.

די ייִדן איז עס אַ פּנים זייער געפֿעלן געוואָרן. איבער הויפּט די יונגע־לײַט, וועלכע האָבן אָדער שוין געדינט „פּאָניען" אָדער „קירהן", אָדער אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך פֿון דער היים אָפּגעטראָגן, מחמת זיי האָבן אין אמתן מיליטער ניט געוואָלט דינען. דאָ אָבער, ווען עס איז „אין אונס" — מהיכא תיתי...

די ערשטע וועלכע האָבן די מיליטערישע פֿאַראיינען געגרינדעט זײַנען געווען די גאַליציאַנער לאַנדסלײַט, ווײַל — זײַנען זיי דאָך אויך שטיקלעך „דאַטשן", זיי באַלאַנגען דאָך צו עסטרײַך, אַ דײַטשע מדינה. איך האָב דעמאָלט געזעצט זייער קאָנסטיטוציע, געדענק איך דעם ערשטן פּאַראַגראַף וואָס האָט זיך געלייענט אַן ערך אַזוי:

„צו מיטגלידערשאַפֿט אין דעם דאָזיקן פֿאַראיין זײַנען באַרעכטיקט מענער, וועלכע האָבן געדינט אין עסטרײַכישן מיליטער.

„דער צוועק פֿונעם פֿאַראיין איז זיך רעגלמעסיק צו פֿאַרזאַמלען, טראָגן עסטרײַכיש־מיליטערישע אוניפֿאָרמען, און פֿאַראַדירן איבער די גאַסן פֿון דער איסטסײַד".

זייער אָנפֿירער איז געווען אַ הויכער ברייטער ייִד, מיט לאַנגע וואָנצעס, מיט אַ פּאַלערינע ווי אַ גענעראַל.



די געוועזענע רוסישע סאָלדאַטן האָבן זיך אָן זיי מתקנא געווען, זיי האָבן אויך געגרינדעט אַ מיליטערישן פֿאַראיין און פֿלעגן אויך מאַרשירן איבער גרענד־סטריט.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר. זיי האָבן דערפֿון שטאַרק הנאה געהאַט. ווער ווייס צו וואָס פֿאַר אַ פּראָפּאָרציעס עס וואָלט זיך מיט דער צײַט אַנטוויקלט — אפֿשר צו גאַנצע דיוויזיעס — האָט אָבער אַן אומגליק געטראָפֿן אומגע־ריכטערהייט און אויף אייביק פֿאַרזיגלט דעם גורל פֿון אָט דער ייִדישער אַרמיי...

אַמעריקע האָט דערקלערט קריג שפּאַניע. פּרעזידענט מעק־קינלי האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף צום אַמעריקאַנער פֿאָלק וועגן צוויי הונדערט טויזנט וואָלונטירן. אָפּגערופֿן האָבן זיך צוויי מאָל אַזוי פֿיל. צווישן די וואָלונטירן זײַנען אויך געווען פֿיל ייִדן, איינער פֿון מײַנע קרובֿים בתוכם. די גיבורי ישׂראל אָבער פֿון די שיצען־פֿאַראיינען האָבן עס געפֿונען פֿאַר פּראַקטישער זייערע מיליטערישע פֿאַראיינען פֿונאַנדערצולאָזן — און זיי זײַנען „שפּורלאָז פֿאַר־שוווּנדן"...

דאָס אויסלעבן זיך געזעלשאַפֿטלעך האָט אין די נײַנציקער יאָרן אָנגענומען אַ ברייטן פֿאַרנעם. די ייִדישע אימיגראַנטן האָבן זיך געפֿילט פֿרעמד און עלנט. זיי זײַנען עס שפּעטער געווען די יעניקע, וועלכע האָבן אַריבערגעבראַכט זייערע קרובֿים און דאָ געגרינדעט גאַנצע משפּחות. זיי אַליין אָבער האָבן בײַם אַריבערקומען ניט געפֿונען קיין קרובֿ אָדער גואל. האָט מען דעריבער געפֿילט אַ דראַנג זיך צוצוטוליען איינער צום אַנדערן. האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן פֿאַראיינען פֿון אַלערליי שאַטירונגען, וואָס האָבן באַפֿרידיקט פֿאַרשיידענע באַדערפֿענישן.

זייער פֿאַרלוירן האָט זיך געפֿילט אַן אימיגראַנט, ווען ס'האָט אים גע־טראָפֿן אַן אומגליק צוליב אַ טויטפֿאַל. פֿאַר אַ קראַנקייט איז דאָ אַ פֿרײַע דיספּענסערי אָדער אַ האָספּיטאַל. וואָס טוט מען אָבער בײַ אַ טויטפֿאַל? די הוצאה פֿון אַ לוויה און קרקע איז געווען אַ שווערע פּראָבלעם. אויך איז עס אָפֿט געווען אַ גרויסע קאַטאַסטראָפֿע, ווען מען האָט צוליב קראַנקייט אַ געוויסע צײַט ניט געקענט אַרבעטן. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט דער פֿאַמיליע אָפֿט אויס־קומען אונטערצוהונגערן. האָבן די פֿאַראיינען זיך דער עיקר געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע באַלד צו קויפֿן אַ סעמעטערי און פֿאַרזאָרגן זייערע ברידער מיט פֿרײַע לוויה־הוצאות; צו צאָלן אַ ברודער עטלעכע דאָלאַר אַ וואָך ווען ער ווערט חלילה קראַנק; אויך צו צאָלן אַ טויטן־בענעפֿיט דער אַלמנה אָדער אַלמן אין אַ טויטפֿאַל. דער טויטן־בענעפֿיט האָט באַטראָפֿן אַן ערך אַ דאָלאַר פֿון יעדן ברודער. די סומע האָט זיך שוין געווענדט אין דער צאָל מיטגלידער פֿון פֿאַראיין.

די דאָזיקע דרײַ הויפּטצוועקן האָבן געהאַט אַ גרויסע אַטראַקציע פֿאַר די אימיגראַנטן, און יעדער האָט געפֿילט פֿאַר אַ חובֿ צו זײַן פֿאַמיליע אין אַזאַ פֿאַראיין זיך אָנצושליסן.

מיט דער צײַט האָבן פֿיל פֿון די דאָזיקע פֿאַראײנען זיך צענטראַליזירט און זיך אָנגעשלאָסן אין אָרדנס. די דאָזיקע אָרדנס האָבן שוין צוגעזאָגט גרעסערע טויטן־בענעפֿיטן — פֿון 500 ביז 1,000 דאָלאַר. דער עולם איז געווען אַ יונגער, די טויטפֿאַלן זעלטענע, האָט מען מיט מעסיקע צאָלונגען געקענט דעקן די הוצאות.

באַלאַנגען צו מער ווי אײן פֿאַראײן אָדער לאָדזש האָט זעלבסטפֿאַרשטענדלעך קײן זינען ניט געהאַט. אָבער אַזוי ווי צו יעדן כּלל איז דאָ אַן אויסנאַם, איז עס אין דעם דאָזיקן פֿאַל אויך אַזוי געווען. דער אויסנאַם איז געווען דער דרוקער.

צו עפֿענען אַ דרוקערײַ אין יענע יאָרן איז ניט געווען קײן זײער שווערע זאַך. קײן גרויסן קאַפּיטאַל דערויף האָט זיך ניט געפֿאָדערט. קײן גרויסע הוצאות האָט מען ניט געהאַט: שׂכירות זײַנען געווען קלײנע, פֿאַר אַ קעלער, די דרוק אויסצושטאַטן, האָט מען קײן הויכן רענט ניט געדאַרפֿט צאָלן, און ווען די דרוקערײַ איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין אַ סטאָר, האָט דער דרוקער גאַנץ שײן געקענט וווינען אין די פּאָר צימערן הינטער דער סטאָר, וואָס עס האָט אים נאָך געגעבן אַ געלעגנהײט צו קענען אַרבעטן און זיך אָפּגעבן צום געשעפֿט גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת...

די אײנציקע פּראָבלעם פֿאַרן דרוקער איז געווען: צו קריגן אַרבעט און צו זײַן אין שטאַנד צו קאָנקורירן מיט די אַנדערע דרוקער דורך ביליקערע פּרײַזן.

כּדי צו קריגן אַ ברײטערע באַקאַנטשאַפֿט און פּראָספּעקטיווע קונדן אויף דרוקאַרבעט, פֿלעגן זיך די דרוקער אָנשליסן אין עטלעכע פֿאַראײנען און לאַדזשן. קודם־כּל האָבן זײ געהאַט די אַרבעט פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאָס האָט מער ווי באַצאָלט די עקסטרע הוצאה; אַחוץ דעם האָבן זײ דורך דעם געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט מיט געשעפֿטסלײַט, וועלכע האָבן גיכער פּאַטראָניזירט אַ „ברודער" אײדער אַ פֿרעמדן. דערפֿאַר אָבער פֿלעגט דעם דרוקער כּמעט יעדן אָוונט אויסקומען בײַצווווינען אַן אַנדער פֿאַרזאַמלונג און אין טײל אָרגאַניזאַציעס אויך אָנהאַלטן אַן אַמט.

די דרוקער פֿלעגן זיך באַקלאָגן אויף זײער מערכה, אויף זײער צוגעבונדנקײט צו אַזוי פֿיל פֿאַראײנען. דערפֿאַר אָבער, ווען אַ דרוקער איז אַ מאָל קראַנק געוואָרן, האָט דער „קראַנקן־בענעפֿיט" צו אים אײנפֿאַך געשטראָמט פֿון אַלע זײַטן. ווער שמועסט, ווען ס'האָט אים, חלילה, אַן אומגליק געטראָפֿן און ער האָט זײַן פֿרוי פֿאַרלוירן, איז ער מיט אַ מאָל אין גאַנצן אויפֿגעריכט געוואָרן.

די התחײַבֿות פֿון רבים צום יחיד, ווי ס'איז צו זען, האָט זיך אין יענע יאָרן באַגרענעצט אין די ראַמען פֿון בלויז אײגענע מיטגלידער פֿון די פֿאַראײנען — אַן אײגענעם „ברודער" האָט מען פּאַטראָניזירט, אים אַרויסגעהאָלפֿן פֿון דער פֿאַראײנס־קאַסע אין אַ נויטפֿאַל, געהאָלפֿן אין אַ קראַנקײט מיט



געלט און אויך מיט מעדיצינישער באַהאַנדלונג פֿונעם פֿון דעם פֿאַראײנס־דאָקטאָר אַז"ו. ווײַטער פֿון דעם פֿאַראײן אָדער לאָדזש איז עס ניט געגאַנגען. נאָך מער — כּדי ברידער מיט „פּוכקע לבֿבֿות" זאָלן ניט וועלן פֿאַרתּכלעווען די פֿאַראײנס־קאַסע אויף אַנדערע קהלשע הצטרכות, אַחוץ דעם פֿאַראײן, האָט מען זיך תּמיד באַוואָרנט מיט אַ פּאַראַגראַף אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט זיך געלײענט בערך אַזוי: „די געלטער פֿון דעם דאָזיקן פֿאַראײן זאָלן פֿאַרווענדט ווערן בלויז פֿאַר זײַנע מיטגלידער". (איך האָב אין יענע יאָרן אַזוי פֿיל קאָנסטיטוציעס געזעצט, אַז דער דאָזיקער פּונקט האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זכּרון.) די הוצאות פֿון אַלע פֿילאַנטראָפּישע און קולטורעלע אַנשטאַלטן זײַנען פֿרײַגעביק געדעקט געוואָרן פֿון די דײַטשע ייִדן, אָדער ווי זײ פֿלעגן ליב האָבן זיך צו רופֿן — יאַהודים.

די דײַטשע ייִדן זײַנען אין די נײַנציקער יאָרן שוין געווען אײַנגעוואָרצלטע בירגער און אין גוטע מאַטעריעלע אומשטאַנדן, זײ האָבן געגרינדעט און אויסגעהאַלטן האָספּיטעלער, בתּי־יתומים און אימיגראַנטן־הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס. זײ האָבן זיך באַטראַכט פֿאַר די אַפּוטרופּסים און ערבֿים פֿאַר די נײַ אָריבערגעקומענע ייִדישע אימיגראַנטן און געזען, אַז די דאָזיקע אימיגראַנטן זאָלן ניט ווערן קײן „פּאָבליק טשאַרדזש" — אַ יאָך אויף דער אַלגעמײנער געזעלשאַפֿט. נאַטירלעך האָט די מורא פֿאַרן „למה יאמרו הגויים" אויך מיטגעווירקט.

אַזוי האָט זיך אײַנגעבירגערט אין די מוחות פֿון די אימיגראַנטן, אַז די דײַטשע ייִדן זײַנען די אויסהאַלטער און זײ, די אימיגראַנטן, די אויסגעהאַלטענע. אין די פֿאַרעפֿנטלעכטע ליסטעס פֿון מנדבֿים אויף אַ פֿילאַנטראָפּישער אונטערנעמונג זײַנען זעלטן דערמאָנט געוואָרן נעמען פֿון רײַכע ייִדן ניט פֿון דײַטשער אָפּשטאַמונג.

# אָרגאַניזאַציעס

ווען איך בין אַלט געוואָרן 20 יאָר האָט מײַן פֿעטער דער דרוקער מיך פֿאָרגעשלאָגן אין איינעם פֿון זײַנע פֿאַראיינען, אַ פֿאַראיין פֿון פּראָגרעסיווע מענטשן: „די אַדלערס יאָנג מען אינדעפּענדענט אַסאָסיײשן נומער איינס". ווען איך האָב מײַן פֿעטער געפֿרעגט דעם טעם פֿון אַזאַ לאַנגן נאָמען, האָט ער מיר דערקלערט, אַז יעדעס וואָרט פֿון דעם נאָמען איז וויכטיק און האָט אַ טעם.

ערשטנס, ווען אַ טוץ יונגע־לײַט פֿון קאָוונע, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעגרינט, האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ פֿאַראיין איז די שווערסטע פּראָבלעם בײַ זיי געווען — דער נאָמען. קאָוונער פֿאַראיינען זײַנען שוין דאָ, סלאָבאָדקער אויך, ווי אַזוי זשע זאָלן זיי רופֿן זייער פֿאַראיין? אָנצושליסן זיך אין איינעם פֿון די שוין עקסיסטירנדיקע פֿאַראיינען איז זיי גאָרניט אײַנגעפֿאַלן, איז דער גורל געפֿאַלן אויף ד״ר אַדלער, דער טשיף־ראַבײַ פֿון לאָנדאָן. זייער אַ שיינער ייִד געווען, איז עס אַ כּבֿוד דעם פֿאַראיין צו רופֿן אויף זײַן נאָמען.

צווייטנס, אַזוי ווי דער פֿאַראיין האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אין קיין עקסיסטירנדיקן אָרדן, איז ער דעריבער — אינדעפּענדענט. אויך אַ שיין וואָרט, ענלעך אויף „דעקלאַריישן אָוו אינדעפּענדענס".

און פֿאַר וואָס הייסט דער פֿאַראיין נומער איינס, ווען עס איז גאָר ניטאָ קיין נומער צוויי? איז דער תּירוץ, דערפֿאַר וואָס יעדער פֿאַראיין האָט אַחוץ פּשוטע מיטגלידער אויך באַאַמטע, און ניט יעדער האָט דאָס מזל צו ווערן אַ באַאַמטער, פֿאָרמירן זיך פּרעטענדענטן אויפֿן טראָן און ווען ס׳געלינגט זיי ניט צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט, שפּאַלטן זיי זיך אָפּ און גרינדן אַן אַנדער פֿאַראיין מיטן זעלביקן נאָמען. כּדי דאָס צו באַוואָרענען, גיט מען זיך גלײַך פֿון אָנהייב אַ נאָמען „נומער איינס".

דער אַדלער־פֿאַראיין איז שוין אַלט געווען עטלעכע יאָר, ווען איך האָב זיך אין אים אָנגעשלאָסן. ער האָט שוין פֿאַרמאָגט אַרום 200 מיטגלידער. עס האָט זיך שוין אין אים קיין „גרינקייט" ניט געפֿילט. די מיטגלידער האָבן אויסגעזען ווי אַמעריקאַנער יונגע־לײַט. זיי זײַנען געקומען צו די פֿאַרזאַמלונגען אין ריינע, געפּרעסטע מלבושים און האָבן אויסגעזען ווי מאָדערנע מענטשן. מיר האָט די אַטמאָספֿער אימפּאָנירט. זי איז געווען אַ ראַפֿינירטע. וווּלגאַריטעט איז מיר תּמיד געווען דערווידער. ווי ווײַט די דאָזיקע קאָוונער יונגע־לײַט זײַנען טאַקע באמת געווען אינטעליגענט, וואָס פֿאַר אַ בילדונג זיי האָבן באַזעסן איז מיר ניט געווען באַקאַנט. דאָס האָט מיך אַ קורצע צײַט נאָך מײַן אָנשליסן זיך געשטעלט אין אַ פֿאַרלעגנהייט.





כּדי צו שאַפֿן פֿאָנדן, פֿלעגט דער פֿאַראיין צוויי מאָל אַ יאָר אַראַנזשירן אונטערנעמונגען. ווינטער — אַ מאַסקאַראַד־באַל און זומער — אַ פּיקניק. באַלד נאָך מײַן אָנשליסן זיך האָט מען באַשטימט אַן „אַראַנדזשמענטס־קאָמיטע" פֿאַרן פּיקניק, און איך בין אויך אַרײַן אין דער קאָמיטע. די קאָמיטע ווידער האָט מיך אויסגעקליבן פֿאַרן סעקרעטאַר. בכדי זיך ניט צו פֿאַרפּלאָנטערן אין די חשבונות האָב איך מיר פֿאַרשאַפֿט אַ קבלה־בוך און ווען אימעצער האָט בײַ מיר גענומען „טיקעטס" פֿאַרן פּיקניק האָט ער אונטערגעשריבן אַ „רעסיט".

ווי מיר זיצן אַזוי בײַם מיטינג קומט צו מיר צו אַ ברודער, הייסט זיך געבן עטלעכע טיקעטס. איך שרײַב אויס אַ רעסיט און הייס אים זיך אונטערשרײַבן. ער נעמט די טיקעטס, ענטפֿערט מיר ניט און נעמט אַוועקגיין. איך שעם זיך ניט, לויף אים נאָך, צי אים בײַם אַרבל, ער זאָל זיך אונטערשרײַבן. ער איגנאָרירט מיך און גייט זיך זײַן וועג. דאָס האָט מיך זייער אויפֿגעבראַכט. איך בין געווען גרייט צו מאַכן אַ סקאַנדאַל. ווען דער טשערמאַן פֿון דער קאָמיטע האָט עס באַמערקט, האָט ער זיך אונטערגעשריבן אויפֿן רעסיט. מיר האָט ער אײַנגערוימט אין אויער, אַז יענער קען ניט שרײַבן.

— וואָס? — האָב איך זיך געוווּנדערט — אָט דער דאָזיקער פֿראַנט מיט דעם שיינעם אַנצוג, געפּרעסטן העמד, מיט דער דימענטענער שפּילקע אין קראַוואַט און די רינגען אויף די פֿינגער, קען ניט שרײַבן?

— וואָס איז ער שולדיק, אַז זײַן טאַטע האָט אים ניט געלערנט? — האָט דער טשערמאַן מיר געענטפֿערט. איך האָב זיך ניט געקענט מוחל זײַן פֿאַר דעם שפֿיכת־דמים וואָס איך האָב דעם ברודער פֿאַרשאַפֿט.

דער געוויינלעכער עולם איז געווען זייער אָפּגעלאָזן מיט דער הלבשה אין די וואָכנטעג. אַ לײַטיש מלבוש, אַ ריין העמד און אַ געפּרעסטן ווײַסן קאָלנער האָט מען זיך נאָר פֿאַרגינען אין אַ שבת אָדער זונטאָג, ווען מען האָט ניט געאַרבעט. כאַראַקטעריסטיש איז געווען די געשיכטע וואָס דער בוכהאַלטער פֿון טאַגעבלאַט האָט דערציילט וועגן זייערס אַ רײַזנדן קאָלעקטאָר, וואָס צושטעלנדיק דעם חשבון פֿון זײַנע הוצאות אויפֿן וועג, האָט ער אויך אַרײַנגעגעבן אַ סומע פֿאַר וועש — איין העמד און צוועלף קעלנער...

דערפֿאַר אָבער האָבן אַ סך אימיגראַנטן געהאַט אַ שוואַכקייט צו צירונג. אַפֿילו דער אָרעמסטער האָט געשטרעבט צו באַזיצן עפּעס אַ שטיקל „דזשולרי". ווען מען האָט ניט געקענט באַצאָלן דערפֿאַר במזומן, האָט מען עס גענומען בײַ אַ פּעדלער אויף אויסצוצאָלן. דער תּירוץ איז געווען, אַז ס׳שאַט ניט צו האָבן עפּעס צו פֿאַרזעצן בײַם „פֿעטער" (לאָמבאַרד) ווען מען האָט ניט קיין אַרבעט. עס איז געווען אַ געוויינטלעכע זאַך צו קויפֿן בײַם פּעדלער אויף אויסצוצאָלן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ שווערער גאָלדענער קייט, דערמיט אַרומפּאַראַדירן צווישן די לאַנדסלײַט, זיך לאָזן פֿאָטאָגראַפֿירן און שיקן אַהיים, אין קליינעם שטעטל, זײַן „פּיקטשע" מיט דער גאָלדענער „וואַטש־און־טשיין", אין אַ האַרטן קאַפּעליוש, מען זאָל דאָרט זען און קלײַבן נחת פֿון אים. איבעריק צו

זאָגן, אַז די ווײַבערשע „וואַטש־און־טשיינס" זײַנען אויך ניט געבליבן הינ־טערשטעליק. עס האָט אָבער ניט זעלטן פּאַסירט, אַז די „דזשולרי" זאָל טאַקע סוף־כּל־סוף אַרײַנפֿאַלן צום „פּעטער" און אַ מאָל טאַקע דאָרט פֿאַרבלײַבן.

די אויפֿקלערונג צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן אין די נײַנציקער יאָרן איז געפֿירט געוואָרן פֿון די אַריבערגעקומענע אינטעליגענטן און ראַדיקאַלן.

די סאָציאַליסטן האָבן די פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר זייערע אידעען אָנגעפֿירט דורך צוויי מיטלען — דורך דעם געדרוקטן וואָרט: צײַטונגען, בראָשורן און צײַטשריפֿטן, און דעם גערעדטן וואָרט: דורך פֿאַרזאַמלונגען. אויך דורך פּאָלי־טישער אַקציע. זיי האָבן אָנטיילגענומען אין די וואַל־קאַמפּאַניעס. די רעדנער פֿלעגן אויפֿפֿאָדערן די בירגער אויסצוקלײַבן די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, כּדי די געזעץ־געבער זאָלן שאַפֿן גינסטיקע געזעצן פֿאַר די אַרבעטער און די סאָציאַליסטישע אַדמיניסטראַציע וועט זיי דורכפֿירן. עס האָט געקלונגען אַזוי לאָגיש, אַז איך האָב בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס מען פֿאָלגט זיי ניט.

די גאַסן־פֿאַרזאַמלונגען פֿאַר די וואַלן, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אָפּגע־האַלטן, זײַנען געווען זייער דערפֿאָלגרײַך. אַרום יעדן רעדנער זײַנען געשטאַ־נען פֿיל צוהערער, וועלכע האָבן אײַנפֿאַך געשלונגען יעדעס וואָרט. עס האָט ניט אויסגעמאַכט, צי דער רעדנער האָט באַהערשט די ענגלישע שפּראַך וואָס ער האָט גענוצט אין זײַן רעדע. עס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל מיט פּאַטאָס אויס־שרײַען: „וואַט דיד מעקינלי דיד פֿאַר יו, וואַט?", אַז ער זאָל קריגן אַ דונערדיקן אַפּלאָז און אַ „בו" אויפֿן חשבון פֿון פּרעזידענט מעק־קינלי.

מישפּטנדיק פֿון דעם טומל פֿון די וואַל־קאַמפּאַניעס וואָלט מען געקענט זיך ווענטן, אַז אַלע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן וועלן אַרײַן מיט אַ קנאַק. פֿאַר מיר און נאָך אַזעלכע ווי איך זײַנען די רעזולטאַטן אויף מאָרגן נאָך די וואַלן געווען אַ גרויסע אַנטוישונג. גראָד אַלע קאַנדידאַטן פֿון דער קאָרופּטער פּאָלי־טישער מאַשין — טעמעני האָל — זײַנען געוואָרן אויסגעקליבן, און די פֿײַנע, אידעלע און אידעאַליסטישע קאַנדידאַטן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זײַנען אײַנפֿאַך פֿאַרשאָטן געוואָרן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

אין אָבענד בלאַטט האָט געגאָסע פֿײַגענבוים, אַ ייִד אַ תּלמיד חכם, גערדייט מיטן גראָבן פֿינגער אויסצופּשטלען, אַז, אַדרבא, מיר האָבן געזיגט, אַז מיר וואָלטן זיכער אויסגעקליבן אַלע אונדזערע קאַנדידאַטן, ווײַל מיר האָבן געהאַט נאָך איבעריקע שטימען, נאָר וואָס דען? טעמעני־גנבֿ האָט די שטימען בײַ אונדז צוגעגנבֿעט בײַם ציילן. מיר האָבן ניט געהאַט גענוג „וואַטשערס" אין די וואַל־פּלעצער אָפּצוהיטן, אַז אונדזערע שטימען זאָלן געציילט ווערן.

אין גאַנצן אומגערעכט איז ער אַפֿילו ניט געווען. נאָר אַפֿילו אַ גנבֿ קען ניט גנבֿענען ווען ער האָט ניט וואָס...

פֿילנדיק, אַז עס טאָר ווײַטער אַזוי ניט אָנגיין, האָב איך שוין בײַ די וואַלן פֿון נאָענטסטן יאָר וואָלונטירט צו זײַן אַ „וואַטשער". צוליב דעם וואָס



איך האָב שוין גערעדט ענגליש האָט מען מיך באַשטימט צו אַ וואַלפּלאַץ פֿון כּמעט לויטער גויים, אין מענדזשען־סטריט, לעבן איסט ריווער. דאָס איז געווען אַן אײַרישער געגנט פֿון זייער אַ פּראָסטן עולם. פֿינף אַ זייגער אין דער פֿרי בין איך שוין געווען אויפֿן פּלאַץ אַנטשלאָסן צו גיין אַפֿילו ביז בלוט, אויב די גנבֿים וועלן בײַ מיר וועלן עפּעס גנבֿענען. איך האָב זיך אין דער היים פֿאָר־געשטעלט, וואָס פֿאַר אַ חבֿרה־לײַט די פּאָליטישנס מוזן עס זײַן.

איך בין אָבער אָנגענעם איבערראַשט געוואָרן פֿון זייער קבלת־פּנים. זיי האָבן מיך גוט־ברודעריש אַרײַנגענומען אין זייער חבֿרותא. ווען זיי האָבן אויסגעפֿונען, אַז איך בין נאָך ניכטער (ניט געגעסן), האָבן זיי מיר סערווירט הייסע קאַווע מיט סענדוויטשעס און אויך טראַקטירט מיט אַ ציגאַר. איך האָב זיך באַלד אָנגעהויבן פֿילן היימיש און אָנגעהויבן זיי צו באַווײַזן, וואָס פֿאַר אַ שיינע אידעע דער סאָציאַליזם איז און וואָס פֿאַר אַ פֿײַנער מאַן אַלעקסאַנדער יאָנאַס, דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט, איז. צו מײַן גרויסער איבערראַשונג האָבן זיי מיט מיר אין אַלץ מסכּים געווען, מיר געגעבן רעכט, עטלעכע האָבן אַפֿילו צוגעזאָגט אויף איבער אַ יאָר צו שטימען פֿאַר אַלעקסאַנדער יאָנאַס. נאָר וואָס דען? הײַנטיקס יאָר מוזן מיר אויסקלײַבן שולעמען, ער איז זייער אַ גוטער מענטש, האָט ליב אַ טובֿה צו טאָן און פֿאַרדינט כּשר, אַז מען זאָל שטימען פֿאַר אים. איך האָב זיך געמוזט צופֿרידנשטעלן, וואָס מײַן פּראָפּאַגאַנדע וועט כאָטש טראָגן פֿרוכט אין אַ יאָר אַרום...

ווען מ'איז באַקאַנט מיטן סטאַטוס פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן אין יענע יאָרן איז גאָר קיין וווּנדער ניט, פֿאַר וואָס די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז דורך די וואַלן ניט געקומען צום אויסדרוק. עס איז פּשוט ניט געווען ווער עס זאָל שטימען.

כּדי צו האָבן שטימרעכט דאַרף מען זײַן אַ בירגער. אַ בירגער קען מען ווערן, ווי באַוווּסט, ווען מען איז אין לאַנד ווייניקסטנס פֿינף יאָר. צו קריגן בירגער־פּאַפּירן דאַרף מען האָבן צוויי עדות און פֿאַרלירן אַרבעטצײַט אי פֿאַר זיך און אויך פֿאַר די עדות. חוץ די עטלעכע דאָלאַר וואָס די בירגער־פּאַפּירן קאָסטן קומט דעריבער אויך צו דער צײַטפֿאַרלוסט, וואָס ניט יעדער אימיגראַנט האָט עס געקענט באַהויפּטן. קיין „יצא הפּסדו בשׂכרו" האָט מען אויפֿן מאָ־מענט ניט געזען. די פֿראַגע האָט זיך דעריבער געשטעלט: וואָס וועל איך האָבן דערפֿון? דערצו איז איבער הויפּט די טבֿע פֿון מענטשן צו זײַן נאַכלעסיק (איך ווייס פֿון איינעם פֿון די גרעסטע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וועמען עס האָט געדויערט אפֿשר דרײַסיק יאָר איידער ער איז געוואָרן אַ בירגער). חוץ לזה איז אויך געווען די מורא, צי מען וועט קענען ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס וואָס דער ריכטער וועט פֿרעגן איידער ער פּסקנט, צי דער אַפּליקאַנט איז ראָוי צו ווערן אַ בירגער. די דאָזיקע אַלע סיבות האָבן גורם געווען, אַז גאָר אַ גרויסער טייל פֿון די אײַנוווינער פֿון דער ייִדישער געגנט האָט זיך אין די וואַלן ניט געקענט באַטייליקן.

דאָס מיינט אָבער בשום אופֿן ניט, אַז אויף דער ייִדישער גאַס זײַנען ניט געווען קיין בירגער. זיי זײַנען נאָר ניט געווען גענוג אין צאָל אין דער פּראָפּאָרציע צו דער צאָל אײַנוווינער, אין דער צײַט וואָס אין יעדן הויז באַוווינט פֿון אײַרישע איז כמעט ניט געווען קיין איין מאַן איבער 20 יאָר, וואָס זאָל ניט זײַן קיין בירגער, און דאָס קלענסטע הויז האָט צוגעשטעלט אַ היפּשע צאָל שטימען, אַ מאָל האָבן זיי נאָך געשטימט מער ווי איין מאָל („רעפּיטערס״), איז אין ייִדישע הײַזער פֿון 20 פֿאַמיליעס די צאָל בירגער געווען אַ גאַנץ קנאַפּע. צו אונדזער שאַנד זאָל עס אויך געזאָגט ווערן, אַז צווישן די שארית הפּליטה האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע וועלכע פֿלעגן פֿאַר אַ פּאָר דאָלאַר פֿאַרקויפֿן זייער שטים צו דער פּאַרטיי וואָס האָט זיי באַצאָלט.

איך געדענק אַ פֿאַל פֿון אַ מאַן וועלכער האָט געאַרבעט מיט מיר. ער פֿלעגט זיך באַרימען, אַז אים מוז מען באַצאָלן פֿאַר זײַן שטים. ער איז ניט קיין יאָלד. פֿלעגט ער וואַרטן ביז נאָך מיטאָג, ווען די פּאָליטישנס האָבן געזען, אַז אימעצער האָט נאָך ניט „געוווּט״, האָט מען אַריבערגעשיקט אַ שליח אים צו ברענגען, און, נאַטירלעך, האָט מען אים פֿאַרגיטיקט, כּדי ער זאָל שטימען פֿאַר געוויסע קאַנדידאַטן. איין מאָל ווען „ניט דער יאָלד״ האָט געזען, אַז ס׳איז שוין נאָך 4 אַ זייגער און קיינער איז צו אים ניט געקומען קויפֿן זײַן שטים, איז ער געוואָרן אין כּעס און באַשלאָסן מיט די פּאָליטישנס זיך אָפּצורעכענען און גיין שטימען פֿאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין וואַלפּלאַץ איז מען אויף אים אָנגעפֿאַלן: סטײַטש, דו ווילסט שטימען צוויי מאָל? דו האָסט דאָך שוין געשטימט! (ווען מען האָט געזען אַז ער קומט ניט, האָט מען אַרײַנגערופֿן אַן אייגענעם מענטש וועלכער האָט געשטימט אין זײַן נאָמען). ווען דער בחור האָט זיך גענומען אויסטענהן, האָט מען צוגערופֿן אַ פּאָליציאַנט און אים געלאָזט אַרעסטירן. דער פּאָליציאַנט האָט אים גענומען פֿירן אין חד־גדיא אַרײַן. אין מיטן וועג איז אונטערגעקומען אַ פּאָליטישן און האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אים און געבעטן אים פֿרײַצולאָזן. דער פּאָליציאַנט האָט דעם פּאָליטישן געטאָן די טובֿה, און דער „חכם״ איז געווען זייער דאַנקבאַר — ער איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון „גוייִשע הענט״...

# איך האָב חתונה

כאָטש קיין גרויסער הוליאַק בין איך ניט געווען און מיט פֿאַנגען פֿרויענהערצער האָב איך זיך ניט געקענט באַרימען, פֿון דעסט וועגן בין איך קיין אַלטער בחור ניט פֿאַרזעסן געוואָרן. צו 21 יאָר האָב איך זיך פֿאַרליבט אין אַ מיידל, מיט וועלכער איך האָב נאָך דעם חתונה געהאַט, און מיר זײַנען שוין זעקס און פֿערציק יאָר צוזאַמען. צו אירע פֿיל מעלות האָט זי אָבער געהאַט איין חסרון — זי איז געווען צו יונג, אין גאַנצן זעכצן יאָר אַלט. אָבער דער דאָזיקער חסרון האָט לאַנג ניט געקענט דויערן. איך האָב בלויז געדאַרפֿט צוּוואַרטן אַ פּאָר יאָר. כאָטש זי האָט זיך אין דער צײַט ווייניק געעלטערט, זי האָט נאָך אַלץ אויסגעזען ייִנגער פֿון אירע יאָרן. ווען איך בין געוואָרן 23 יאָר, און זי 18, האָבן מיר חתונה געהאַט.

שרעקן זיך פֿאַר חתונה האָבן און נעמען אויף זיך אַן עול פֿון אַ פֿאַמיליע האָב איך ניט געדאַרפֿט. כאָטש מײַנע פֿאַרדינסטן זײַנען דעמאָלט געווען צווישן 13 און 15 דאָלאַר אַ וואָך, איז עס אָבער לויט דעם דעמאָלטיקן סטאַנדאַרד געווען „הלוואַי אויף אַלע ייִדישע אַרבעטער געזאָגט געוואָרן״. אַלץ איז דאָך רעלאַטיוו. דער דורכשניט־פֿאַרדינסט אַפֿילו פֿון די בעסער באַצאָלטע אַרבעטער האָט דורכן יאָר, אין יענער צײַט (אַרום 1897), ניט באַטראָפֿן מער ווי 10 דאָלאַר אַ וואָך. אמת, די קלאָוקמאַכער פֿלעגן אין סעזאָן פֿאַרדינען גאָר הויכע שׂכירות, אָבער אין די בין־הזמנים, ווען עס איז גאָר קיין אַרבעט ניט געווען, פֿלעגן די מאָגערע קי אויפֿעסן די פֿעטע קי, און מען פֿלעגט נאָך בלײַבן גרויסע בעלי־חובֿות, אַפֿילו נאָך דעם ווי מען האָט שוין געהאַט פֿאַרזעצט די אייגענע און דעם ווײַבס צירונג.

זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די מיידלעך זײַנען געוואָרן „גרויסע פֿאַרדינערינס״ און זייערע פֿאָדערונגען פֿון די באַשערטע זײַנען געוואָרן אַזוי גרויס, גרייכט די הוצאה פֿון אײַנאָרדענען דאָס בעל־הבתּישקייט נאָך דער חתונה שווערע הונדערטער דאָלאַרן און „נאָך מיט אַ שמיץ״, וואָס דאָס וואַרפֿט פּשוט אָן אַן אימה אויף אַ יונגן בעל־הביתל. זע איך ערשט ווי גרינג איך בין דעמאָלט אָפּגעקומען. ממש מיט שיה פּיה...

כאָטש בײַ די אַריסטאָקראַטן אָדער בײַ די ראַדיקאַלן איז שוין דעמאָלט געווען די מאָדע צו מאַכן אַ חתונה „פּריוואַט״, אָן גרויסן טאַראַראַם, האָט עס אָבער דעם עלטערן דור בשום אופֿן ניט צופֿרידנגעשטעלט. מען האָט ניט געוואָלט דורכלאָזן אַ געלעגנהייט פֿון טאַנצן בײַ אַ קינד אויף דער חתונה. סײַ מײַנע און סײַ מײַן כּלהס עלטערן האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן אַזוי טראַדיציאָנעל ווי אין דער אַלטער היים. עס האָט מיר ניט באַנג געטאָן.

די אײנציקע זאַך וואָס איך האָב באַזאָרגט איז געווען אַ וווינונג פֿון דרײַ צימערן — דאָס איבעריקע איז שוין אָנגעפֿילט געוואָרן ממש פֿון זיך אַליין. דאָס גאַנצע בעל־הבתישקייט איז אונדז אָרײַנגעשיקט געוואָרן פֿון אונדזערע קרובֿים און פֿרײַנד ווי חתונה־מתּנות — די והותר. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך פֿריִער ניט צונויפֿגערעדט האָבן די דופּליקאַציעס אונדז פֿאַרשאַפֿט אַ סך שפּאַס. צום בײַשפּיל, איין טאָג האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט, אַז מיר האָבן זיבן טישן און בלויז דרײַ בענקלעך. פֿיר טישן, האָבן מיר גערעכנט, איז גענוג פֿאַר אונדז — צוויי קליינע טישלעך בײַ די פֿענצטער אין פֿאַרלאָר, איין פֿירעקיק טישל אין מיטן צימער אין פֿאַרלאָר (אויף אים דאַרף ליגן דער בילדער־אַלבום וואָס מען האָט אונדז געשיקט) און איין טיש אין קיך — דער אמתער טיש צום עסן. האָב איך די איבעריקע טישן אַוועקגעטראָגן אין מעבל־געשעפֿט און זיי אויסגעביטן אויף בענקלעך. — אַ ייִד אַ למדן גיט זיך אַן עצה...

# איך ווער אַ לאָנדרימאַן

איך ווייס ניט, צי דאָס איז בלויז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ייִדן צי אַלגעמיין מענטשלעך, נאָר לויט ווי איך פֿאַרשטיי האָט יעדער אימיגראַנט געלייגט פֿיל האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט. דאָס שווערע לעבן האָט מען באַטראַכט בלויז ווי אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, מיט דער האָפֿענונג מיט דער צײַט זיך צוצושלאָגן צו עפּעס בעסערס, זיכערערס. אַזעלכע געדאַנקען פֿלעגן זיך בײַ מיר אויך פּלאָנטערן אין קאָפּ, און ווען ס'האָט זיך געוויזן אַ געלעגנהייט האָב איך דורכגעמאַכט אַזאַ פֿאַל. איך בין בלויז 20 יאָר אַלט געווען דעמאָלט.

אַז ייִדן האָבן פֿיל געהאָלפֿן צו אַנטוויקלען די נאָדל־אינדוסטריע אין ניו־יאָרק און דערנאָך איבערן גאַנצן לאַנד איז אַ באַוווּסטע זאַך. אָבער אַז דורך דער איניציאַטיוו פֿון איין מענטשן, איז די וועט־וואַש־ און האַנד־לאָנדרי־אינדוסטריע כּמעט אַנטוויקלט און קאָנטראָלירט געוואָרן פֿון אַדעסער לאַנדסלײַט, איז נאָך ביז הײַנט פֿון קיינעם ניט באַמערקט געוואָרן, און דאָך איז עס אַ פֿאַקט. אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ נאָענטע שײַכות צו די באַטייליקטע, וועל איך אָנהייבן פֿון אַדעס.

איינע פֿון די פֿאַמיליעס אין אַדעס, וואָס איז אויך געטראָפֿן געוואָרן פֿון די גזירות אין 1891 און האָט געמוזט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, ווײַל דער מאַן איז געווען אַן אויסלענדישער ייִד (אַ רומענישער), האָט געפֿירט אין אַדעס אַ דערפֿאָלגרײַכע וועשערײַ. אויפֿן וועג קיין אַמעריקע האָט זיך אונדזער פֿאַמיליע מיט זיי באַקענט. זיי האָבן גערעכנט מיט דער פּרנסה זיך אויך אָפּגעבן אין אַמעריקע.

אַזוי ווי זיי האָבן שוין געהאַט צוויי ברידער פֿון פֿריִער אין ניו־יאָרק, איז דאָס אײַנאָרדענען זיך זיי ניט שווער אָנגעקומען. זיי האָבן געדונגען אַ סטאָר מיט רומס הינטערן סטאָר, אײַנגעפּיקסט די מכשירים און דאָס געשעפֿט איז פֿאַרטיק געווען. איבער הויפּט, ווען דער ייִנגערער 18יאָריקער ברודער וועלכער האָט מיט זיי געוווינט פֿלעגט זיך אָפּגעבן זיי צו פֿאַרשאַפֿן אַרבעט פֿון די שכנים אַרום.

פֿאַר דעם לאָנדרימאַן (קויפֿמאַן האָט ער געהייסן) איז עס אָבער געווען אַ גרויסע אַנטוישונג. מענטשן וועלכע האָבן אים געקענט פֿון דער היים ווי אַ פֿריילעכן לעבנסלוסטיקן מענטשן, זײַנען געווען פֿאַרחידושט אים צו זען אַזוי מוטלאָז און אָפּהענטיק.

עס איז אָבער געווען פֿאַרשטענדלעך. אין אַדעס האָט ער זײַן געשעפֿט געפֿירט אין אַ רײַכער, אַריסטאָקראַטישער געגנט, אַזוי אַז ער האָט דאָרט געהאַט פּרנסה בריווח און פֿײַנע קליענטן. דאָ אָבער אין לודלאָו־סטריט איז

אַלץ געווען אַזוי קבצניש און אָפּגעלאָזן, די אַטמאָספֿער אַזוי דערדריקנדיק און די קונדשאַפֿט אַזאַ דערשלאָגענע (ער אַליין איז געווען אַן אַנטוויקלטער און קולטורעלער מענטש), האָט עס אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ גרויסן יאוש.

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך אים געטראָפֿן, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין ניו־יאָרק.

דער ייִנגערער ברודער פֿון מר׳׳ס קויפֿמאַן האָט געהאַט אַ היפּשן קרײַז פֿרײַנד אַדעסער יונגע־לײַט, אויך גרינע און האַלב גרינע, וועלכע האָבן אָפֿט זיך באַנוצט מיט דער לאָנדרי פֿאַר אַן אָרט זיך צו באַגעגענען אין די אָוונטן, אָדער ווען זיי האָבן קיין אַרבעט ניט געהאַט. און ניט האָבן קיין אַרבעט איז בײַ זיי ניט געווען קיין נאָווינע. עטלעכע האָבן איבער הויפּט קיין פֿאַך ניט געהאַט און די אַפֿילו וועלכע האָבן שוין יאָ געהאַט אַ מלאָכה האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקע אַרבעט. די צווישנסעזאָנען, ווען מען אַרבעט ניט, זײַנען געווען לאַנג און מען האָט ניט פֿאַרדינט. דער „געלעבט ווי אין אַדעס׳׳ איז געווען אַ פֿאַרשוווּנדענער חלום. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט געבראַכט צו דער ווײַטער־דיקער געשעעניש.

די מאָדע איז דעמאָלט געווען אַז מענערהעמדער זאָלן זײַן מיט שטײַפֿע געפּרעסטע בוזעמס, קעלנער און מאַנזשעטן. ווען דער פֿאַבריקאַנט האָט די העמדער אויפֿגענייט, האָט ער זיי ערשט געשיקט אין אַ וועשערײַ צום פּרעסן. האָבן די אַדעסער יונגע־לײַט פֿאַרגעלייגט דעם פּראָפֿעסיאָנעלן לאָנדרימאַן אַוועקצוּוואַרפֿן די קבצנישע לאָנדרי און אײַנאָרדענען אַ שאַפּ צו פּרעסן העמ־דער פֿאַר פֿאַבריקאַנטן. קיין גרויסער קאַפּיטאַל האָט זיך דערצו ניט געפֿאָדערט. זיי האָבן זיך אַלע אַרויסגערופֿן אַז זיי וועלן אַרבעטן מיט אים, אויב ער וועט זיי אויסלערנען די מלאָכה.

דער שאַפּ איז געעפֿנט געוואָרן, און די גרופּע אַדעסער יונגע־לײַט וואָס האָט זיך אויסגעלערנט פּרעסן העמדער איז געוואַקסן ווי אויף הייוון.

האָבנדיק שוין עפּעס אַן אָנהאַלט אין אַ פֿאַך, פֿון וועלכן מען קען ציִען חיונה, זײַנען אַ סך פֿון זיי פֿאַרבליבן בײַ דער לאָנדרי־פּרנסה. עס איז געווען אַ געוויינטלעכע זאַך צו טרעפֿן אַדעסער לאַנדסלײַט ווי לאָנדרילײַט, אָדער ווי אַרבעטער בײַ יענעם אין לאָנדרי.

אונדזער טרעפֿן זיך מיט דער פֿאַמיליע קויפֿמאַן עטלעכע חדשים נאָך מײַנע עלטערנס קומען קיין אַמעריקע האָט געבראַכט צו וויכטיקע רעזולטאַטן. ווי נאָר מײַן 15יאָריקע שוועסטער, דינה, האָט דערזען דעם שיינעם ברודער פֿון מר׳׳ס קויפֿמאַן — איציק, און דער 18יאָריקער איציק האָט דערזען די שיינע דינה, איז געווען פֿאַרפֿאַלן — אַ זיווג מן השמים, הימלדיק. מען האָט געלעבט אין גאָלע רוחניות, ביז מען איז אַ ביסל עלטער געוואָרן און חתונה געהאַט.

מײַן שוואָגער איז פֿון פֿאַך געווען אַ יוּועליר. די מלאָכה האָט ער נאָך געלערנט אין אַדעס. די אַרבעט איז אָבער ניט געווען קיין שטענדיקע. דערבײַ זײַנען אויך געווען סעזאָנען. ער האָט זיך דעריבער אויך באַנוצט מיט זײַן שוואָגערס שאַפּ און זיך אויסגעלערנט פּרעסן העמדער. קיין גרויסע גליקן האָט



ער פֿון ביידע פּרנסות ניט געהאַט, אָבער אויף דעם יוּועליר־פֿאַך אַליין האָט ער זיך בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרלאָזן. אין סעזאָן האָט ער אַפֿילו פֿאַרדינט פֿינף און צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. עס האָט זיך אָבער געווענדט ווי לאַנג דער סעזאָן האָט געדויערט. מײַן שוועסטערס לאַגע איז ניט געווען קיין פֿריילעכע. זי האָט שוין געהאַט אַ קינד, און צום סעזאָן איז נאָך געווען ווײַט.

איך ווידער האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַן ענגלישער דרוקערײַ. איך בין שוין געווען אַ חתן, האָב די עלטערן שוין ניט געדאַרפֿט אַוועקגעבן מײַנע גאַנצע פֿאַרדינסטן. מײַן פֿאָטער האָט געאַרבעט און פֿאַרדינט. פֿלעג איך בלויז צאָלן פֿאַר מײַן „באָרד׳׳ און דאָס איבעריקע געזאַמלט אין באַנק פֿאַר אַ תּכלית.

בײַ דער דאָזיקער לאַגע האָט מײַן שוואָגערס אַן אַדעסער פֿרײַנד אים דערציילט, אַז ער אַרבעט אין פּאַרק־ראָו אין אַ לאָנדרי וועלכע איז פּשוט אַ שמאַלצגרוב און מען קען דאָרט מאַכן אַ שיין לעבן, נאָר די צרה איז, וואָס די בעלי־הבתּים טויגן זיך ניט צום געשעפֿט. און איינער וויל אין גאַנצן אַוועק־גיין און מען קען עס אָפּקויפֿן פֿאַר בלויז הונדערט דאָלאַר — אַ גרויסע מציאה. האָבן אַלע, ווי מען זאָגט, זייערע בליקן געווענדט צו מיר, דעם „געלטמענטש׳׳. מײַן שוואָגער האָט געמאָלן די מעגלעכקייטן וואָס קענען זיך אַרויסוויקלען דער־פֿון, האָט געבראַכט בײַשפּילן פֿון אַנדערע אַדעסער לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן זיך פֿון אַזאַ לאָנדרי אַרויפֿגעאַרבעט אַזש צו אַ „סטים־לאָנדרי׳׳, און לויטן חשבון וואָלט עס געווען אַ קוואַל פֿון פּרנסה פֿאַר ביידן, ווען איך זאָל אויפֿגעבן מײַן שטעלע און אָפּקויפֿן די לאָנדרי און מיר זאָלן ווערן שותּפֿים. די מלאָכה וועט ער מיך שוין אויסלערנען. ס׳דאַרף לאַנג ניט געדויערן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מײַן שוועסטער... און געזאָגט: יאָ.

די לאָנדרי האָבן מיר געהאַלטן דרײַ חדשים. דאָס זײַנען געווען די פֿאַר־וואָגלטסטע דרײַ חדשים אין מײַן לעבן. ערגער ווי מײַן בלעכערדזשאַב. דאָרט ווייניקסטנס בין איך אין איין טאָג פֿאַרטיק געוואָרן — זיך אויף מאָרגן ניט געקענט אויפֿהייבן פֿון בעט, און פּטור. דאָ אָבער בין איך פֿאַרשוואַרצט געוואָרן דרײַ חדשים. זיבן טעג אַ וואָך, פֿון פֿינף אַ זייגער אין דער פֿרי ביז צען בײַ נאַכט. איך האָב זיך פֿאַרלאָזט אַ באָרד (ניט געהאַט קיין צײַט צו ראַזירן זיך). אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ, נאָר ווען מען האָט ענדע וואָך אַרונטערגע־רעכנט אַלע הוצאות, איז אין טישקעסטל ניט געבליבן מער ווי אַרום זיבן אָדער אַכט דאָלאַר. איך האָב עס נאַטירלעך געהייסן מײַן שוואָגער אַהיימטראָגן צו זײַן ווײַב און קינד. פֿאַר מײַן קעסט האָב איך געהייסן מײַן מוטער פֿירן אַ חשבון. איך וועל איר שפּעטער באַצאָלן, לכשירחיבֿ...

איך ווייס ניט, ווי לאַנג נאָך איך וואָלט זיך אַזוי געדאַרפֿט פּלאָגן, ווען דערווײַל וואָלט זיך שוין ניט אונטערגערוקט דער סעזאָן פֿון מײַן שוואָגערס יוּועליר־אַרבעט און יעדער טאָג איז פֿאַר אים פּשוט געווען אַ חסרון־כּיס. איין טאָג אָבער האָט ער געבראַכט צוויי כינעזער, וועלכע האָבן בײַ אונדז די לאָנדרי אָפּגעקויפֿט פֿאַר הונדערט דאָלאַר. איך האָב מײַן געלט צוריקגעקראָגן און בין ווידער געוואָרן אַ דרוקער.

אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט געאַרבעט בלויז אין ענגלישע שעפּער, האָבן מײַנע פרײַנד אין גאַנצן ניט געוווּסט פון מײַן אַוואַנטורע. מײַנע „דיוס״ אין דער יוניאָן האָב איך פּינקטלעך געצאָלט די גאַנצע צײַט, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען אַ לאָנדרי־יוניאָן.

# אַ ייִדישער דרוקער

אין די ערשטע עטלעכע יאָר אין די נײַנציקער האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ טעגלעכע ייִדישע פּרעסע. אַנשטאָט די איינציקע טעגלעכע צײַטונג, ייִדישעס טאַגעבלאַט (וואָס פלעגט פון אָנהייב אָגבֿ אַרויסקומען בלויז דרײַ מאָל אַ וואָך), זײַנען צוגעקומען דער יודישער העראָלד, דער נאָכפאָלגער פון וועכנטלעכן פאָלקס־אַדוואָקאַט, און די סאָציאַליסטישע טעג־לעכע אָבענד בלאַטט, אַ צוזאַץ צו דער וועכנטלעכער אַרבייטער צײַטונג. קורץ נאָך דעם איז צוליב אַ שפּאַלטונג אין אַבענד בלאַטט אויך צוגעקומען דער פאָרווערטס. צו אַרבעטן אין אַ צײַטונג האָט דעמאָלט די זעצער ניט זייער געצויגן. כאָטש עס האָט געגעבן שטענדיקע באַשעפטיקונג, זײַנען אָבער די צײַטונגען געווען אַזוי אָרעם, אַז מען האָט אָפט געדאַרפט אַהיימגיין אָן שכירות. ניט איין מאָל איז פאַר די אַרבעטער אַוועקגעשטעלט געוואָרן די ברירה אָפּ־צושטעלן די צײַטונג אָדער וואַרטן מיט די שכירות, און זיי האָבן די צײַטונג קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט. פון דעסט וועגן, ווען מען האָט מיר אין 1897 אָנ־געבאָטן צו גיין אַרבעטן אין אַבענד בלאַטט ווי אַן אַדווערטײַזמענט־זעצער, האָב איך עס אָנגענומען. איך האָב געפילט, אַז דאָ האָב איך אַ געלעגנהייט צו זײַן נאָענט צו מײַנע רביים און שעפּן זייער השפּעה פון דער ערשטער האַנט. איך וועל זײַן פּנים־אל־פּנים מיט דעם גרויסן כופר פײַגענבוים וועלכער האָט מיר מײַנע אויגן געעפנט. הײַנט קראַנץ און די אַנדערע. דאָס איז דאָך אַ זאַך וואָס לאַו כל אָדם זוכה.

ביזן אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זײַנען אין ייִדישן דרוקערפאַך נאָך קיין ייִדישע זעצמאַשינען ניט געווען, כאָטש די לײַנאָטײַפּ־זעצמאַשינען זײַ־נען שוין עטלעכע צענדליגג יאָר געווען אין געברויך אין די ענגלישע און דײַטשע צײַטונגען. די סיבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס די מערגענטאַלער־לײַנאָטײַפּ־קאָמפּאַניע, די פאַבריקאַנטן פון די זעצמאַשינען, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שנײַדן ייִדישע אותיות סײַדן זיי וועלן באַקומען אַ באַשטעלונג פון ניט ווייניקער ווי זעקס מאַשינען. אַזוי ווי אָבער דער מקח פון זעצמאַשינען איז געווען הויך האָבן די אַרויסגעבער פון די ייִדישע צײַטונגען דאָס ניט געקענט באַהויפּטן.

ענדלעך האָבן זיך די צוויי גרעסערע ייִדישע צײַטונגען אין יענער צײַט, ייִדישעס טאַגעבלאַט און דער אַבענד בלאַטט, ווו איך האָב געאַרבעט, אין איינעם געמאַכט די דאָזיקע באַשטעלונג — צו דרײַ זעצמאַשינען פאַר יעדער צײַטונג. דער געווינס פאַר די אַרויסגעבער פון די דאָזיקע צײַטונגען איז געווען אַ דרײַ־פאַכער: ערשטנס, איז די פּראָדוקציע פון איין מאַן בײַ דער מאַשין עטלעכע מאָל אַזוי גרויס ווי האַנטזאַץ און דאָס פאַרקלענערט שטאַרק די הוצאה פון זאַץ;

צווייטנס, פֿאַרשפּאָרט עס אין גאַנצן די הוצאה פֿון שריפֿט, און דריטנס, דאָס כּסדרדיקע גיסן נײַע אותיות איז גורם, אַז דאָס געדרוקטע וואָרט קומט תּמיד אַרויס אַזוי קלאָר ווי געזעצט פֿון נײַעם שריפֿט.

דער מעכאַניזם פֿון דער זעצמאַשין איז אָבער זייער אַ קאָמפּליצירטער. כאָטש לויטן שׂכל הישר וואָלט אַ זעצמאַשין געדאַרפֿט אויסגעפֿינען ווערן פֿון אַ דרוקער וועלכער איז באַקאַנט מיט דער דרוקטעכניק, איז אָבער דער דערפֿינדער פֿון דער לײַנאָטײַפּ־זעצמאַשין גאָר געווען אַ זייגער־מאַכער — מערגענטאַלער האָט ער געהייסן. ער האָט דעריבער אָנגעווענדט אין איר קאָנסטרוקציע די זייגער־פּרינציפּן. זי פֿאַרנעמט לערך אַ קליינעם שטח און, אַזוי ווי אין אַ זייגער, ווערן מיט איין איבערדריי פֿון דער מאַשין דורכגעפֿירט מערערע פֿאַרשידענע פֿונקציעס. נאָך אַ וויכטיקע מעלה האָט זי, וואָס אַפֿילו די קלענסטע אומאָרדענונג אין איר מעכאַניזם שטעלט אַלץ אָפּ מאָמענטאַל — די מאַשין רירט זיך ניט ביז די סיבה איז עלימינירט. עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז אַחוץ מענטשן צו אָפּערירן די זעצמאַשין איז אויך נייטיק צו האָבן אַ מאַשיניסט צו האַלטן די מאַשינען אין אָרדענונג און אויף זיי אויפֿפּאַסן.

אָט אַזאַ מאַשיניסט צו זײַן — אָדער צו ווערן — איז אויף מיר געפֿאַלן דער גורל. אַ צײַטונג וואָס ווערט געזעצט אויף מאַשינען, קען אַרויסגעגעבן ווערן מיט ווייניקער מענטשן. דער פּועל־יוצא איז נאַטירלעך, אַז ווי נאָר די מאַשין־אָפּערייטאָרס וועלן זיך פֿאַרפּולקומען, וועלן שוין זײַן צו פֿיל זעצער אין דער צײַטונג און די איבעריקע וועלן דאַרפֿן זוכן באַשעפֿטיקונג אין אַנדערע דרוקערײַען. לויט די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער יוניאָן ווערן איבעריק יענע זעצער וואָס זײַנען צום לעצטן אָנגעשטעלט געוואָרן. אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע האָב איך זיך אויך געפֿונען — איך בין געווען דער לעצטער.

צוליב דעם וואָס איך בין געווען דער איינציקער אַנאָנסן־זעצער אין דער צײַטונג האָט די געשעפֿטס־פֿאַרוואַלטונג פֿון אַבענד בלאַטט געזוכט תּחבולות מיך ניט צו פֿאַרלירן. האָבן זיי באַשלאָסן פֿון מיר צו מאַכן אויך אַ מאַשיניסט. ווי באַלד אַזוי, וועט מען זיך שוין אָן מיר ניט קענען באַגיין. זיי האָבן מיך אויף זייערע הוצאות אַוועקגעשיקט אין דער לײַנאָטײַפּ־פֿאַבריק צו לערנען די קאָנסטרוקציע פֿון דער קאָמפּליצירטער מאַשין, כּדי איך זאָל זײַן בכּוח אויפֿצופּאַסן אויף די מאַשינען ווען זיי וועלן אין עטלעכע חדשים אַרום אײַנגעשטעלט ווערן אין זייער צײַטונג.

איך קען ניט זאָגן, אַז אין די עטלעכע חדשים האָב איך אויסגעלערנט תּורה כּולה על רגל אַחת, נאָר אַ נישקשהדיקן באַגריף האָב איך באַקומען, אַזוי אַז ווען די מאַשינען זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן, בין איך געווען בכּוח צו לערנען די האַנטזעצער צו אָפּערירן די מאַשינען און אויף זיי געהעריק אויפֿפּאַסן.

בײַם זײַן אַ לערער בין איך גוט פֿאַרשוואַרצט געוואָרן. אַחוץ דעם האָב איך נאָך געדאַרפֿט זעצן די אַנאָנסן פֿאַר דער צײַטונג. איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז עס האָט זיך געלוינט די אָנשטרענגונג, ווײַל עס האָט גאַראַנטירט מײַן שטעלע אין דער צײַטונג.



די דאָזיקע לאַגע האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט די יוניאָן מיר פֿאַרבאָטן צו פֿאַרטרעטן צוויי פֿונקציעס — אי צו זעצן אַנאָנסן און אי אויפֿצופּאַסן אויף די מאַשינען. מיר איז געגעבן געוואָרן די ברירה צו בלײַבן אָדער אַ זעצער אָדער אַ מאַשיניסט. איך האָב נאַטירלעך אויסגעקליבן דאָס וואָס איך בין זיכער יאָ געווען — אַ זעצער, און דאָס מאַשיניסטערײַ האָב איך אַוועקגעלייגט אין אַרכיוו.

איך האָב דאָרט געאַרבעט דרײַ יאָר. אין דער דאָזיקער צײַט בין איך אַ היפּש ביסל אַנטוישט געוואָרן. אָבער, דאָס, מיין איך, איז געווען מער מײַן שולד. איך האָב איבערגעשאַצט די מענטשלעכע נאַטור. איך האָב געזען, אַז מענטשן קענען פֿריידיקן צו באַפֿרײַען די גאַנצע מענטשהייט און אײַנפֿירן אַ געזעלשאַפֿט, ווו עס זאָל הערשן „פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט“ און אַפֿילו זיך דערהייבן ביז מסירת נפֿש, און אין דער זעלבער צײַט זאָלן זיי פֿילן אַ באַהאַלטענע שׂינאה צו די אַרבעטער און זייער יוניאָן, ווען עס איז באַשערט צו זײַן אָנגעוויזן אויף זיי מיט זייער פּרנסה. וואָס מער איך האָב זיך פֿון דער נאָענט צוגעקוקט, מיט וואָסערע אומעטישע מיטלען מען באַנוצט זיך צו באַקעמפֿן אידעאָלאָגישע קעגנער, אַלץ מער בין איך אַנטוישט געוואָרן.

די אַטמאָספֿער אין אַבענד בלאַטט איז וואָס ווײַטער מיר געוואָרן מער דריקנדיק. דער מאַטעריעלער מצבֿ פֿון דער צײַטונג איז, צוליב די נײַע אינעווייניקסטע מחלוקות, געוואָרן ערגער. אַ נײַע שפּאַלטונג איז פֿאָרגעקומען, וואָס האָט דער צײַטונג פֿיל געשאַט און אונטערגעגראָבן איר עקסיסטענץ. אָנכאַפּנדיק זיך אין דער לעצטער שטרוי, האָבן די אַרויסגעבער אָנגעהויבן שטילערהייט אויסלערנען זייערע אָנהענגער די אַרבעט, כּדי זיי זאָלן קענען מיט דער קלענסטער הוצאה ווײַטער אַרויסגעבן די צײַטונג.

זײַענדיק אַ „רואה את הנולד“, האָב איך זיך באַנוצט מיט אַן אָנבאָט וואָס איז מיר געמאַכט געוואָרן פֿון יעקבֿ סאַפּירשטיין, דער אַרויסגעבער פֿון אַבענדפּאָסט.

די טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען זײַנען אַלע אַרויסגעקומען בײַ טאָג. איז סאַפּירשטיינען אײַנגעפֿאַלן אַ חוץ זײַן נאָכמיטאָג־צײַטונג אויך אַרויסגעבן אַ מאָרגן־צײַטונג, דעם מאָרגען זשורנאַל. ווען דער אָנבאָט איז מיר געמאַכט געוואָרן, האָב איך זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט. די דאָזיקע שטעלע גיט מיר פּרנסה בכּבֿוד שוין העכער 42 יאָר.

עס וואָלט בפֿירוש געווען אַ גרויסער פֿאַרזען פֿון מײַן זײַט ווען איך זאָל ניט שילדערן, לויט מײַנע אײַנדרוקן די פּערזענלעכקייט פֿון יעקבֿ סאַפּירשטיין, דעם אַרויסגעבער פֿון אַבענדפּאָסט און שפּעטער פֿון מאָרגען זשורנאַל.

כאָטש עס זײַנען שוין, ווי פֿריִער געזאָגט, אַרויסגעגאַנגען עטלעכע טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען, איז אָבער זייער צאָל לייענער געווען נישטיק אין פֿאַרגלײַך מיט דער ייִדישער אימיגראַנטישער באַפֿעלקערונג. זייער אַ סך האָבן זיך גאַנץ שיין געקענט באַגיין אָן אַ צײַטונג. אָט דעם דאָזיקן עלעמענט צו פֿאַראינטערעסירן האָט זיך סאַפּירשטיין געשטעלט פֿאַר זײַן ציל. ער האָט

עס נאַטירלעך ניט געטאָן לשם מיצווה. ווי אַ היימישער מוכר־ספֿרים האָט ער געהאַט אַ חוש פֿאַר דעם גאָר פּראָסטן עולם און געוווּסט, מיט וואָס מען קען אים נעמען. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייער אַ לאַנגן, אינטערעסאַנטן ראָמאַן, די געהיימניסע פֿון רוסישן קייזערלעכן הויף אין וועכנטלעכע 16־זײַטיקע העפֿטן. דער דאָזיקער ראָמאַן האָט פּשוט פֿאַרכאַפּט די פֿאַנטאַזיע פֿון די גרינע אימיגראַנטן. אַ קלייניקייט — מען דערציילט אַלע סודות פֿון דעם רוסישן צאַר פֿראַנק און פֿרײַ! מען האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויפֿן ווײַטערדיקן העפֿט. דער דערפֿאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויך אַנדערע האָבן זיך גענומען צו דעם אײַנפֿאַל און אין אַ פּאָר יאָר איז פּשוט געוואָרן אַן עפּידעמיע פֿון די העפֿטן. דער עולם איז אויפֿגעוועקט געוואָרן און אָנגעהויבן לייענען. און ווען סאַפּירשטיין האָט שוין אויפֿגעגעבן די העפֿטן און אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צײַטונג — דעם אָבענדפּאָסט, האָט ער אין איר געדרוקט דרײַ געהיימניספֿולע ראָמאַנען צו פֿינף קאָלומס יעדן ראָמאַן. דער העפֿטן־עלעמענט האָט זיך מיט גרויס חשק אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן אַבענדפּאָסט, און צוליב די ראָמאַנען מיט דער צײַט זיך אויך פֿאַראינטערעסירט אין אַ ייִדישער צײַטונג.

ווען מען זעט הײַנט ווי די ייִדישע צײַטונגען גיבן אָפּ אַזוי פֿיל פּלאַץ יעדן טאָג אויף עטלעכע „שפּאַנענדע“ ראָמאַנען, איז עס דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן אויך אײַנגעזען, אַז דער ראָמאַן איז המשכים איז איינער פֿון די מיטלען וואָס האַלטן דעם לייענער צוגעבונדן צו דער צײַטונג, ער זאָל זי קויפֿן יעדן טאָג.

ווי אַ מענטש, איז יעקבֿ סאַפּירשטיין געווען איינער פֿון די יחידי־סגולה, אַן אַריסטאָקראַטישע פּערזענלעכקייט מיט זייער אַ ברייט האַרץ. אים צו האָבן פֿאַר אַ בעל־הבית איז פּשוט געווען אַ מחיה. פֿון דרויסן כּלומרשט שטרענג, זיך געבייזערט, האָבן אַלע אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז ניט מן הלבֿ, נאָר מן הגרון. פֿאַר זײַנעם אַ „מענטשן“ איז אים קיין זאַך ניט צו שווער געווען. פֿאַר זייער ווייל האָט ער זיך געזאָרגט. איך וויל דאָ שילדערן איין פּערזענלעכן פֿאַל וואָס וועט בולט אַרויסברענגען זײַן כאַראַקטער.

ווען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין מאָרגען זשורנאַל בין איך אַלט געווען 26 יאָר. מײַן אַרבעטצײַט איז געווען אין אָוונט. ניט זײַענדיק קיין גרויסער „פּעפּער“ האָב איך געהאַט אַ סך פֿרײַע צײַט בײַ טאָג. האָב איך זיך געוואָלט דערמיט באַנוצן צו לערנען אַ פֿרײַע פּראָפֿעסיע. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, מיט מײַן אַלטער התמדה, אויף עטלעכע חדשים, האָב דורכגעמאַכט די שטודיעס וואָס האָבן זיך געפֿאָדערט ווי אַ פֿאָרבאַדינג אַרײַנצוקומען אין קאַלעדזש, און אין אָקטאָבער פֿון דעם זעלבן יאָר (1902) בין איך אָנגעקומען אין דעם „ניו־יאָרק קאַלעדזש אָוו דענטיסטרי“. די לאַנגע שעהען אָבער וואָס איך האָב געמוזט פֿאַרברענגען אין קאַלעדזש, פֿון 9 אַ זייגער אין דער פֿרי ביז 5 פֿאַרנאַכט, האָבן אַפֿילו אויף מיר געהאַט זייער ווירקונג. גאַנץ אָפֿט, אין אָוונט, ווען איך האָב גראָד אַ קורצע צײַט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, פֿלעג איך כאַפּן אַ דרעמל



שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אויפֿן טישל פֿון פּיידזש. עס האָט געמעגט געדויערן בלויז אַ פּאָר מינוט, האָט עס מיך אָבער דערפֿרישט. איין מאָל, ווען איך בין געשטאַנען אין דער דערמאָנטער פּאָזע איז סאַפּירשטיין אַרײַנגעקומען מיר צו געבן אַרבעט. זעענדיק אַז איך שלאָף האָט ער זיך אַוועקגעקערט און די אַרבעט געגעבן אַן אַנדערן, אָנזאָגנדיק אים, אַז ער זאָל מיך ניט וועקן (ער האָט געוווּסט, אַז איך שטודיר). אָט אַזאַ מענטש איז סאַפּירשטיין געווען.

וועגן מײַן שטודיום וועל איך באַלד דערציילן מער באַריכות.

ווי אַן אונטערנעמער און אַרויסגעבער, האָב איך ניט באַגעגנט קיין צווייטן צו סאַפּירשטיינען. ער האָט געעפֿנט אַ ביכער־פֿאַרלאַג, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן פֿיל ביכער, בײַ וועלכע אַ סך שרײַבער זײַנען געווען באַשעפֿטיקט. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן גאָר גרויס. ער האָט פֿאַר דעם צוועק צוגעגרייט אַ פֿינפֿשטאָקיקע געביידע און האָט עס גענומען אויסשטאַטן. זײַן פּלוצעמדיקער טויט האָט אָבער די גאַנצע אונטערנעמונג צעשטערט.

איך האָב די אינסטרוקציעס אָנגענומען אין פֿולער ערנצטקייט און אָנגעהויבן זוכן אַ קאָנסטיטוציע. איך האָב געוווּסט, אַז מײַנער אַ קאָלעגע, וועלכער אַרבעט מיט מיר אין מאָרגען זשורנאַל בײַ נאַכט, לערנט זיך בײַ טאָג אין אַ „פּריפּערעטאָרי סקול״, זיך צוצוגרייטן צום דענטיסטן־קאָלעדזש. איך האָב זיך צו אים געווענדט און ער האָט מיר אַנטליִען די געשיכטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. בײַם ענדע פֿון יענעם בוך איז אויך געדרוקט די קאָנסטיטוציע.

מײַן פֿעטער, וועלכער איז צו יענער צײַט בײַ מיר געווען אַן אָפֿטער גאַסט צוליב זײַנע קינדער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט ווי אַזוי דער בוך איז געקומען צו מיר, האָט ער מיט מיר אָנגעהויבן צו קנעלן, פֿאַר וואָס איך זאָל אויך ניט פֿאַרנוצן מײַן פֿרײַע צײַט בײַ טאָג אויף אַ תּכלית, אַזוי ווי מײַן פֿרײַנד. איך האָב זיך געפּרוּווט ווערן, אָנווײַזנדיק, אַז די אומשטאַנדן זײַנען פֿאַרשיידן. ער איז נאָך אַ בחור מיט קליינע התחײַבֿותן און מיט גענוג אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל; איך בין שוין אַ פֿאַמיליע־מאַן מיט אַ פֿרוי און אַ קינד (דרײַ קינדער, צו יענער צײַט — צוויי דעם פֿעטערס), וועט מיר דעריבער שווער זײַן דאָס דורכצופֿירן. עס ווײַזט אָבער אויס, אַז ער האָט געהאַט מער צוטרוי צו מײַן אונטערנעמונגסגײַסט ווי איך — און ער האָט אויסגעפֿירט.

זײַן בליק אויפֿן לעבן, ווײַזט אויס, האָט זיך געביטן אין די לעצטע צען יאָר. ווען איך האָב געוואָלט שיקן מײַן פֿעיִקע שוועסטער ווײַטער שטודירן בײַ אונדזער אָנקומען קיין אַמעריקע, איז ער געווען קעגן. זײַן טענה איז געווען, אַז אין אַמעריקע דאַרפֿן אַלע אַרבעטן. אַצונד האָט ער מיך געשטופּט צו ווערן אַ פּראָפֿעסיאָנאַל.

איך בין אין יוני 1902 געוואָרן אַ בירגער, און אין אָקטאָבער בין איך אָנגעקומען אין קאָלעדזש. איך האָב זיך אויך אין דעם זעלבן חודש רעגיסטרירט אָפּצוגעבן דאָס ערשטע מאָל מײַן שטים אין די נאָוועמבער־וואַלן. דאָס געזעץ שרײַבט פֿאָר, אַז די ערשטע רעגיסטראַציע דאַרף אויסגעפֿאָרשט ווערן. ווען אַ דעטעקטיוו איז געקומען אין הויז זיך נאָכפֿרעגן אויף מיר, האָט מײַן פֿרוי אים געזאָגט, אַז איך בין איבערן וועג אין קאָלעדזש. „וואָס איז ער דאָרט, דער דזשעניטאָר?״ האָט דער דעטעקטיוו געפֿרעגט. אַז אַ פֿאַמיליע־מאַן זאָל גאָר גיין שטודירן, איז בײַ אים געווען פֿלאַי־פֿלאָים...

צו פֿיל רעזערוו־קאַפּיטאַל האָב איך ניט געהאַט, כּדי דורכצומאַכן דעם קורס אָן קאָפּווייטאָג. איך האָב אויסגעחשבונט, אַז מיט דעם ביסל געלט וואָס איך האָב געהאַט און מיט דעם וואָס איך וועל צופֿאַרדינען, וועל איך זיך דורכשלאָגן. ווען איך האָב זיך אָבער באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט דערווירקלעכקייט, האָט עס ניט אין גאַנצן געשטימט. נאָך דעם ווי איך האָב געמאַכט די אײַנצאָלונג אין קאָלעדזש און אײַנגעקויפֿט די אינסטרומענטן וואָס פֿאָדערן זיך אין די פּראַקטישע קלאַסן, איז מיר ווייניק געלט געבליבן אויף די טעקסטביכער. איבער הויפּט איז שווער געווען מיט די ביכער וואָס מען איז געצוווּנגען צו קויפֿן בלויז אין קאָלעדזש פֿאַר זייער אַ הויכן פּרײַז. איך בין אָבער די דאָזיקע שוועריקייט אויך



בײַגעקומען. ווען איך האָב באַדאַרפֿט דורכגיין לימודים פֿון יענע ביכער פֿלעג איך זיך צונויפֿקומען מיט דער גרופּע, מיט וועמען איך האָב אין איינעם אויפֿגענומען דאָס שטודיום; לערנענדיק מיט זיי — בתּורת חבֿר — האָב איך דורך מײַן הסברה זיי געהאָלפֿן און אין דער זעלבער צײַט אויך אין זיך אײַנגעזאַפּט די תּורה.

איך האָב דאָ דערמאָנט „די גרופּע״. איך רעכן, אַז עס וועט זײַן אינטערעסאַנט מיט די מענטשן זיך צו באַקענען און אויך מיט די סיבות, וואָס האָבן זיי באַוויגן צו וועלן ווערן אַ דאָקטאָר — זאָל זײַן אַ דענטיסט, אַבי אַ דאָקטאָר.

איך וועל אָנהייבן פֿון מײַנעם אַ פֿרײַנד, אַ לאַנדסמאַן, וועלכער האָט מיט מיר געאַרבעט. ער איז געווען פֿון אָרעמע עלטערן, און דעם שריפֿטזעצער־פֿאַך האָט ער נאָך געלערנט אין אַדעס. הייסט עס, קיין קליינשטעטלדיקער כניאָק איז ער ניט געווען. ער איז געווען אינטעליגענט און האָט זיך דאָ באַמיט אינטעלעקטועל צו אַנטוויקלען. ער איז געווען „ראַדיקאַל געזאָנען״, כאָטש מיט „רעזערוויישאָנס״, ווי מען זאָגט. ער האָט זיך באַטראַכט פֿאַר אַ פּראַקטישן מענטשן און געשטרעבט צו אַ „דערפֿאָלגרײַכער צוקונפֿט״ — ניט געוואָלט בלײַבן קיין „אָרעמער אַרבעטער״. יאָרן זײַנען פֿאַרלאָפֿן, און ער האָט זיך נאָך אַלץ געזען ווײַט פֿון אַ ציל. אמת, ער האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, אָבער דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס זײַן הוצאה איז ניט געווען גרויס. חתונה האָבן מיט אַן אָרעם מיידל האָט פֿאַר אים קיין זינען ניט געהאַט, ווידער נעמען אַ רײַכע כּלה, מיט נדן, האָט זיך אויך עפּעס ניט געגראָמט. מיידלעך מיט געלט זײַנען געווען צווייערליי: אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן שוין יאָרן לאַנג געאַרבעט און אָפּגעשפּאָרט אַ נדן — האָט אים צו אַזעלכע ניט געצויגן, זיי זײַנען שוין געווען אָפּגעלעבטע. ווידער אַ יונג שיין מיידל פֿון רײַכע עלטערן האָט ניט געקענט אײַנזען, ווי אַזוי ער וועט געהעריק קענען ענטפֿערן אויפֿן „מה נאכל״. האָט ער דעריבער געוואַרט און געוואַרט ביז ס'איז אים אײַנגעפֿאַלן דער געניאַלער געדאַנק פֿון „ווערן אַ דאָקטאָר״: דאָס וועט זײַן סטאַטוס דערהייבן און פֿאַרענטפֿערן אַלע האַרבע קשיות. געזאָגט און געטאָן — ער האָט זיך פֿאַרשריבן אין אַ „פּריפּערעטאָרי סקול״ און נאָך אַ פּאָר יאָר צוגרייטונג איז ער אַרײַן אין קאָלעדזש. דעם קורס האָט ער אין עטלעכע יאָר פֿאַרענדיקט, באַקומען זײַן דאָקטאָרגראַד, געעפֿנט אַן אָפֿיס — חתונה געהאַט — און זײַן ציל דערגרייכט.

נאָך מער מזלדיק פֿון אים איז געווען זײַנער אַ פֿרײַנד, אויך אַ יונגער־מאַן ניט גאָר יונג, אַ וווילער מענטש. ער האָט געהאַט אַ נישקשהדיק געשעפֿט אין דזשוירזי סיטי — אַ צײַטונגסטענד. ער האָט געוווינט בײַ זײַנער אַ חתונה־געהאַטער שוועסטער; איר מאַן איז געווען אַ קליינער פֿאַרדינער, און ער האָט זיי געדאַרפֿט מיטהעלפֿן. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע טויזנט דאָלאַר. ער האָט אָבער פֿאַר זיך קיין צוקונפֿט ניט געזען. ער האָט גראָד יאָ געוואָלט חתונה האָבן. קיין דאגות פּרנסה וואָלט ער ניט געהאַט. דער חסרון איז אָבער געווען דאָס, וואָס דעם מיידל וואָס ער האָט ליב געהאַט איז ניט געפֿעלן געווען אַ חתן וואָס פֿאַרקויפֿט צײַטונגען. דער יונגער־מאַן איז געווען פֿאַרצווייפֿלט. האָט אים זײַן פֿרײַנד דער שריפֿטזעצער געראָטן, אַז ער זאָל זיך אויך צוגרייטן און

# איך ווער אַ בירגער און פֿאַרקריך אין קאַלעדזש

קיין פֿאַרבנרײַך לעבן, ווי איך האָב עס געזען בײַ אַנדערע, האָב איך ניט דורכגעמאַכט. ווען ניט דער פֿאַקט, וואָס איך האָב מײַן גאַנץ דערוואַקסן לעבן פֿאַרבראַכט אין אַזאַ וועלטשטאָט ווי ניו־יאָרק וואָס מוז באַאײַנפֿלוסן דאָס לעבן פֿון יעדן מענטשן, וואָלט איך מסתמא דורכגעגאַנגען מײַן לעבנסשפּאַן ווי יעדער „באַביט“ פֿון „מיין־סטריט“, אָן שום אינטערעסאַנטקייט. „דור הולך ודור באָ והאָרץ לעולם עומדת“. אָבער ווען אַפֿילו ניט זייער אינטערעסאַנט, וועל איך דאָך שילדערן, ווי מיר האָט זיך געלעבט אין אַמעריקע.

דורך אויפֿכאַפּן עפּיזאָדן דאָ און דאָרט, האָט זיך געשאַפֿן אַ בילד פֿון מײַן לעבן אין די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. געענדיקט האָט זיך בײַ מיר דאָס יאָרהונדערט מיט דעם געבורט פֿון מײַן טאָכטער — ליבי, דעם 2טן נאָוועמבער 1899. זי איז געבוירן געוואָרן אין — איר האָט געטראָפֿן — אין טשערי־סטריט.

איין פּאַסירונג אין צוזאַמענהאַנג מיט איר געבורט איז ווערט צו פֿאַר־צייכענען.

איין וואָך איידער מײַן פֿרוי איז געגאַנגען צו קינד. אַלץ איז געווען צוגע־גרייט — אַ דאָקטאָר, אַ וואַרטפֿרוי (גיין אין אַ האָספּיטאַל אַנטבונדן צו ווערן איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אין דער מאָדע), קומט מײַן פֿרוי אַרײַן פֿון גאַס מיט עטלעכע פּעקלעך און לייגט זיי אַוועק אויפֿן טיש אין קיך. אַליין גייט זי אַרײַן אין צווייטן צימער זיך איבערטאָן. פּלוצעם דערהערט זי אַ פֿאַרצווייפֿלטן געשריי: גוואַלד! ראַטעוועט! דאָס קול איז געקומען פֿון קיך. זי לויפֿט אַרײַן און טרעפֿט די שכנה (די „נעקסט־דאָריקע“) מיט אַן אָפֿן מויל אונטערן קראַן, זיך שווענקענדיק דאָס מויל און קרעכצנדיק פֿון ווייטאָג. וואָס האָט פּאַסירט? גאָרניט. ווען מײַן פֿרוי איז געווען אין צווייטן צימער איז די שכנה אַרײַנגע־קומען. באַטראַכטנדיק די פּעקלעך, האָט זי באַמערקט אַ פֿלאַש מיט אַ פֿליסי־קייט, וואָס מען טוט אַרײַן אין וועש, עס זאָל ווערן קלאָרער (קיין „וועט־וואַש־לאָנדריס“ זײַנען נאָך דעמאָלט ניט געווען און יעדע בעל־הביתטע האָט אַליין געוואַשן איר וועש). די שכנה האָט דערציילט, אַז זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז קאָניאַק, וואָס מײַן פֿרוי האָט מסתמא געקויפֿט זיך צו „פּאָפּראַווען“ נאָך דער קימפּעט, האָט זי עס געוואָלט פֿאַרזוכן. האָט זי געעפֿנט די פֿלאַש און פֿון דעם אַ זופּ געטאָן, האָט עס איר אָנגעהויבן ברענען, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד. דאָס אַלץ — ווײַטער גאָרניט.

ווען איך האָב זיך דערפֿון דערוווּסט, האָב איך דערפֿילט, אַז איך מוז זיך צום גיכסטן פֿון דעם הויז אַרויסראַטעווען, איידער מײַן פֿרוי ווערט גע־





לעגן. איך האָב באַלד געדונגען אַ וווינונג גלײַך איבערן וועג און די ערשטע זאַך אַריבערגעטראָגן דאָס בעט מיטן בעטגעוואַנט — מאַלע ווי אַ זאַך מאַכט זיך — דערנאָך ערשט געדונגען טרעגער אַריבערצופּעקלען מײַן בעל־הבתּיש־קייט.

ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן און אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען — זייער גערעָטן — האָבן מיר זיך פֿאַרטראַכט וועגן איר דערציִונג. סײַ איך און סײַ מײַן פֿרוי האָבן גערעדט ענגליש; האָבן מיר אָבער באַשלאָסן פֿון איצט אָן צווישן זיך רעדן בלויז ייִדיש, כּדי דאָס קינד זאָל די ייִדישע שפּראַך גוט קענען. מיר האָבן געוווּסט, אַז ענגליש וועט זי שוין זיכער קענען. מיר האָבן אָבער געזען, ווי די אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער רעדן אַ טאָטערישן ייִדיש, ווען זיי קומט אויס זיך צונויפֿצורעדן מיט די באָבעס און זיידעס וועלכע וועלן שוין קיין ענגליש ניט קענען. מיר האָבן צווישן זיך און מיטן קינד גערעדט נאָר ייִדיש. און וווּנדער איבער וווּנדער — דאָס קינד האָט גערעדט אַ זאַפֿטיקן אוקראַיִנער ייִדיש. און זי רעדט עס נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אָן אַן אַקצענט.

שפּאַס האָבן מיר געהאַט, ווען זי איז שוין אַלט געווען דרײַ יאָר. ווי איך האָב בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט, האָב איך דעמאָלט שטודירט דענטיסטיק. כּדי ניט צו דאַרפֿן פֿאַרלירן קיין איבעריקע צײַט, האָבן מיר זיך אַרײַנגעצויגן איבערן וועג פֿון קאַלעדזש. דאָס איז געווען אַ געגנט באַוווינט פֿון קריסטן. אין דעם הויז האָט אויך געוווינט אַ פֿאַמיליע מיט אַ פֿיריאָריק מיידעלע. פֿלעגן די קינדער זיך שפּילן. מײַן קינד האָט גערעדט ייִדיש און דאָס אַנדערע — ענגליש. זיי זײַנען אָבער, ווײַזט אויס, גאַנץ גוט אויסגעקומען. איין מאָל לויפֿט צו דאָס קריסטלעכע קינד צו איר מוטער און זאָגט איר: „מאָדער, ליבי ספּיקס פֿרענטש“ — אַז דאָס איז ייִדיש איז איר גאָרניט אײַנגעפֿאַלן...

אָנהייב 1902 בין איך שוין געווען צען יאָר אין אַמעריקע, אָבער קיין בירגער בין איך נאָך ניט געווען. דאָס איז אָבער ניט געווען צוליב מײַן אָפּגע־לאָזנקייט אָדער ווײַל איך האָב ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די פּריווילעגיע פֿון בירגערשאַפֿט. קומענדיק קיין אַמעריקע אונטער 18 יאָר האָב איך לויטן געזעץ ניט געדאַרפֿט אַרויסנעמען קיין ערשטע פּאַפּירן. ווען איך בין שוין נאָך פֿינף יאָר געווען באַרעכטיקט צו בירגערשאַפֿט, איז מײַן עדות, מײַן פֿעטער, געווען צו באַשעפֿטיקט. דערנאָך איז ער אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ שטיק צײַט קיין קעמ־דען. דערפֿאַר אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון קעמדען איז ער מיט מיר געגאַנגען אין סופֿרים קאָורט און איך האָב אויסגעפֿילט אַן אַפּליקאַ־ציע פֿאַר מײַנע בירגער־פּאַפּירן. דער קלוירק האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל דאַרפֿן וואַרטן דרײַ חדשים ביז די פּאַפּירן וועלן מיר געגעבן ווערן; אין דער צווישנצײַט וועט מײַן נאָמען זײַן אויפֿן בולעטין־ברעט. ער האָט מיר געגעבן אַן עצה אַז איך זאָל דורכשטודירן די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, כּדי איך זאָל אינטעליגענט קענען ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס וואָס דער ריכטער וועט מיר שטעלן בײַם אײַנשווערן.

ווערן אַ דאָקטאָר, וועט ער זײַן ציל דערגרייכן און זײַן גליקלעך מיט דעם מיידל, אין וועמען ער איז פֿאַרליבט.

דער יונגער־מאַן האָט דעם קרבן געבראַכט, זיך אָנגעפּלאָגט און אויך אַרײַן אין קאַלעדזש. דאָס געשעפֿט האָט ער איבערגעגעבן זײַן שוואָגער מיטן תּנאַי, ער זאָל קריגן מזונות די גאַנצע צײַט וואָס ער וועט זײַן פֿאַרנומען. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז אַלע האָבן געכאַפּט אַ מציאה. אין דרײַ חדשים אַרום איז די פּראָבלעם פֿאַרענטפֿערט געוואָרן:

ווי נאָר דאָס מיידל האָט דערזען, אַז דער יונגער־מאַן איז אַ „קאַלעדזשמאַן" און מען רופֿט אים שוין „דאַק", איז ער אין אירע אויגן גאָר הויך געשטיגן און זי איז מרוצה געוואָרן מיט אים חתונה צו האָבן.

ער אַליין האָט זיך דערפֿילט דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. ער דאַרף די דענטיסטיק אויף טויזנט כּפּרות. ער האָט חתונה געהאַט און געעפֿנט אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר אין דזשוירזי סיטי. די אָרעמע שוועסטער האָט שוין געהאַט פּרנסה בריווח בײַ דעם צײַטונגסטענד און אײַנגעשפּאָרט עטלעכע יאָר מזונות דעם ברודער.

דער דריטער פֿון דער גרופּע איז געווען אַ רומענישער יונגער־מאַן, וועלכער האָט די טעכנישע טייל פֿון דענטיסטיק געקענט נאָך איידער ער איז אָנגעקומען אין קאַלעדזש. זײַן פֿאָטער האָט פּראַקטיצירט נאָך אין רומעניע. דאָ אָבער האָט ער געמעגט טאָן נאָר די טעכנישע אַרבעט. דער זון זײַנער האָט דעם קורס געמוזט דורכמאַכן כּדי צו באַקומען אַ דיפּלאָם און דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן.

די דאָזיקע גרופּע איז מכּמה טעמים זיך קעגנזײַטיק באַהילפֿיק געווען.

ווי עס האָט זיך לײַדער אַרויסגעוויזן, איז פּלאַנעווען אויף אַ לענגערער צײַט אַ גרויסע ריזיקע. נאָך דעם ווי איך האָב געענדיקט דאָס ערשטע יאָר פֿון מײַן שטודיום און באַקומען אַלע קרעדיטן פֿאַרן יאָר, האָבן סיבות וועלכע איך האָב ניט געקענט פֿאָרויסזען קאַליע געמאַכט מײַנע פּלענער.

איך בין ניט געווען דער איינציקער וואָס איז געווען גענאַרט אין חשבון. מײַן בעל־הבית וועלכער האָט צום אַבענדפּאָסט צוגעגעבן דעם מאָרגען זשורנאַל האָט אויך שלעכט אויסגערעכנט. ער האָט גערעכנט, אַז פֿון צוויי צײַטונגען, אין דער פֿרי און בײַ טאָג, וועט זײַן אַ טאָפּלטע מזל־ברכה. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז כאָטש די הוצאה האָט זיך כּמעט פֿאַרטאָפּלט איז די הכנסה געבליבן הינטערשטעליק. טייל פֿירמעס האָבן זייערע אַנאָנסן אַרײַנגעגעבן איןביידע צײַטונגען ברצופֿין — אַ טאָג איבער אַ טאָג. דער אַרויסגעבער האָט זיך גע־כאַפּט, אַז ער מוז פֿון איין צײַטונג פּטור ווערן, כּדי צו ראַטעווען די צווייטע. דער גורל איז געפֿאַלן אויף דער אַבענדפּאָסט, ווײַל זי איז געווען די שוואַכערע.

די דאָזיקע פּאַסירונג האָט גורם געווען, אַז די אַרבעטער פֿון דער עלטערער צײַטונג זײַנען אַריבערגעגאַנגען צום מאָרגען זשורנאַל. איך האָב דעריבער מײַן נאַכטאַרבעט פֿאַרלוירן.

קיין דאגות־פּרנסה האָט עס מיר ניט געבראַכט, ווײַל איך האָב באַלד באַקו־



מען אַן אַנדער שטעלע. די נײַע אַרבעט איז אָבער געווען בײַ טאָג. דאָס האָט מײַן שטודיום געמוזט אָפּשטעלן.

ווען אַכט חדשים שפּעטער בין איך ווידער אָנגעקומען אַרבעטן אין מאָרגען זשורנאַל, האָב איך שוין ווײַטערפֿירן מײַן שטודיום מער קיין השגה ניט געהאַט, כאָטש דער קרעדיט פֿאַר מײַן יאָר איז נאָך גוט געווען.

# אונדזער שריפֿטזעצער־יוניאָן

די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן האָט זיך ניט געקענט באַגרענעצן, ווי די אַנדערע ייִדישע יוניאָנס אין יענער צײַט, מיט שאַפֿן אַ קאָנטאַקט בלויז מיט ייִדישע יוניאָנס, דורך די „פֿאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן". ווי אַ שריפֿטזעצער־יוניאָן פֿון ניו־יאָרק געוואָרן אַ שם־דבֿר איבערן גאַנצן לאַנד. בײַ בוכדרוקער פֿון לאַנד. מײַנע עטלעכע יאָר ווי „קאָרעספּאָנדינג סעקרעטערי" פֿון דער יוניאָן האָב איך אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן קאָנטאַקט צו שאַפֿן און פֿאַרברייטערן. מיט דער צײַט איז דער נאָמען און פּרעסטיזש פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן פֿון ניו־יאָרק געוואָרן אַ שם־דבֿר איבערן גאַנצן לאַנד. בײַ יעדן צוזאַמענקום און קאָנווענשאָנס האָט מען דערציילט די וווּנדער וואָס ייִדישע אימיגראַנטן־דרוקער האָבן אויפֿגעטאָן פֿאַר זייערע מיטגלידער. אין מער ווי איין פֿאַרהאַנדלונג מיט די בעלי־בתּים וועגן אַרבעט־באַדינגונגען פֿלעגט די ייִדישע יוניאָן אַרויסגעשטעלט ווערן ווי אַ מוסטער.

אין די יאָרן ווען די אַמעריקאַנער פֿרויען האָבן אָנגעהויבן פֿאָדערן גלײַכע פּאָליטישע רעכט מיט די מענער (די „סאָפֿרעדזש"־באַוועגונג), איז די באַוועגונג דאָמינירט געווען פֿון די העכערע קלאַסן פֿרויען — די אינטעליגענץ און די פֿאַרמעגלעכע. די פּשוטע הויזפֿרוי און די אַרבעטנדיקע פֿרויען האָבן קיין אינטערעס אין דעם ניט אַרויסגעוויזן. די „סאָפֿרעדזשעטס" האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז כּדי די באַוועגונג זאָל האָבן אַ פּעולה דאַרפֿן זיי זיך אַרונטערלאָזן צום פֿאָלק און צווישן די אײנפֿאַכע פֿרויען פּראָפּאַגאַנדירן זייער אידעע. כּדי די דאָזיקע דערנענטערונג צו שאַפֿן האָבן זיי זיך שוין אויך פֿאַראינטערעסירט אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די אַרבעטנדיקע פֿרויען און מיידלעך. אַ מיטל דערצו איז געווען די „ווימענס טרייד יוניאָן ליג" פֿון ניו־יאָרק.

אַ יוניאָן וואָס איז אין איר גרויסער מערהייט באַשטאַנען פֿון פֿרויען איז געווען די „לײדיז ווייסט מייקערז יוניאָן" אין ניו־יאָרק. די סאָפֿרעדזשעטס האָבן זיך מיט דער דאָזיקער יוניאָן פֿאַראינטערעסירט, זי געשטיצט אין איר גרויסן סטרײַק אי פֿינאַנציעל, אי מאָראַליש. די אַריסטאָקראַטישע פֿרויען זײַנען פֿאַר די סטרײַקערס געגאַנגען אויף דער פּיקעט־ליניע, ווען די פּאָליציי האָט די יוניאָן־פּיקעטן געשטערט. ווען די יוניאָן איז אַרויס מיט אַ זיג פֿונעם סטרײַק, האָט מען אָנגעשטעלט עטלעכע אַרבעטער־פֿירער אויפֿצופּאַסן, אַז מען זאָל אויף די געוווּנענע באַדינגונגען ניט עובֿר זײַן.

די ייִדישע אימיגראַנטן האָבן אין יענע יאָרן, די ערשטע צענדלינגער פֿונעם נײַעם יאָרהונדערט, דורכגעמאַכט אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד. דער איבערגאַנג פֿון „עבֿד כּי ימלוך", אַזוי צו זאָגן. אַ גאַנץ היפּשע צאָל פֿון די ניט־דערצויגענע,





אָרעמע אימיגראַנטן האָבן זיך מיט דער צײַט מאַטעריעל אַרויפֿגעאַרבעט און האָבן מיט זייער וווּלגאַרער גבֿירישאַפֿט זיך אַלעמען געוואָרפֿן אין די אויגן. אַבֿרהם קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פֿון פֿאָרווערטס, האָט זיי געראָטן כאַראַקטעריזירט דורך אַ נײַעם וואָרט וואָס ער האָט געשאַפֿן — ער האָט זיי אַ נאָמען געגעבן אָלרײַטניקעס. דער דאָזיקער טיפּ האָט זיך שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן ייִדן. מיט זייער שרײַענדיקער דרויסנדיקייט האָבן זיי געוואָלט מאַכן אַן אײַנדרוק אויף די ווייניקער דערפֿאָלגרײַכע. ווי עס ווײַזט אויס, האָט עס דעם געווינטלעכן עולם טאַקע באַווירקט.

עטלעכע ייִדישע אַרבעטער־פֿירער האָבן אויך געהאַלטן, אַז מען קען מאַכן אַ שטאַרקערן אײַנדרוק סײַ אויף די בעלי־בתּים און סײַ אויף די אַרבעטער, ווען מען איז ענלעכער אויף אַן אָלרײַטניק ווי אויף אַ פּראָסטן בעל־מלאָכה. זיי פֿלעגן זיך קליידן אין שרײַענדיקע מלבושים, זיך פּוצן מיט ברייטע רינגען אויף די פֿינגער און דימענטענע שפּילקעס אין די קראַוואַטן. אויף די אינטעליגענטע און אַריסטאָקראַטישע דאַמען פֿון די סאָפֿרעדזשעטס האָט עס געהאַט אַ פֿאַרקערטע ווירקונג — זיי האָבן עס ניט געקענט פֿאַרטראָגן. אפֿשר זײַנען געווען נאָך אַנדערע סיבות פֿאַר זייער אומצופֿרידנקייט, — יעדן פֿאַלס געזאָגט האָבן זיי, אַז וווּלגאַריטעט האָט זיי באַוויגן זיך צו ווענדן צו די ייִדישע דרוקער נאָך פֿירער.

בײַ אַ מיטינג פֿון דעם „ניו־יאָרק יוניאָן לייבל קאַונסיל", אין וועלכן אַלע יוניאָנס וואָס האָבן לייבלס זײַנען אָנגעשלאָסן, האָבן די דעלעגאַטקעס פֿון דער „ווימענס טרייד יוניאָן ליג" זיך געווענדט צום פּרעזידענט פֿון „אַלײַד פּרינטינג טריידס קאַונסיל" מיט אַ בקשה: היות די ייִדישע דרוקער זײַנען גוט אָרגאַניזירט אונטער פֿעיִקער פֿירערשאַפֿט, זאָל ער זיי רעקאָמענדירן פֿירער פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן פֿאַר דער „לײדיז ווייסט מייקערז יוניאָן". וועגן שׂכירות איז קיין מניעה ניטאָ.

דאָס איז געווען אין יאָר 1913.

ווען דער פּרעזידענט פֿונעם קאַונסיל האָט עס מיר פֿאָרגעלייגט (איך בין דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן) האָב איך עס איבערגערעדט מיט עטלעכע טוער פֿון דער יוניאָן. מיר זײַנען אָבער געקומען צו דער מסקנא, אַז לויט די דעמאָלטיקע קאָנטאַקטן פֿון די ייִדישע יוניאָנס, וועלן די אינטערעסן פֿון דער לײדיז ווייסט מייקערז יוניאָן מער געשיצט ווערן, ווען קיין שינויים וועלן ניט געמאַכט ווערן. מיר האָבן זיי דאָס באַוויזן און זיי האָבן עס ריכטיק אויפֿגעפּאַסט.

דער אַמעריקאַנער האָט אַ שפּריכוואָרט „טײַם איז מאָני", פֿון דעסט וועגן ווען די אַמעריקאַנער דרוקער זײַנען געשטאַנען בײַ דער ברירה געלט אָדער צײַט, האָבן זיי בעסער אויסגעקליבן געלט. די ייִדן אָבער האָבן קורצע אַרבעטסצײַט באַטראַכט פֿאַר אַ גרעסערן געווינס.

איך וועל דאָס קלאָר מאַכן דורך עטלעכע אילוסטראַציעס:

ווען די זעצמאַשין איז אויסגעפֿונען געוואָרן, האָט עס אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די שריפֿטזעצער. איין מאַשין האָט געזאָלט טאָן די אַרבעט פֿון עטלעכע האַנטזעצער; וועלן דאָך די אַרויסגעפֿאַלענע בלײַבן אַרבעטסלאָז.

די ענגלישע יוניאָן האָט אויסגערעכנט, אַז צוליב דער גרויסער פּראָדוקציע פֿון דער מאַשין, דאַרף דער מאַן וועלכער אָפּערירט די מאַשין פֿאַרדינען מער, און זיי האָבן געהעכערט די שׂכירות פֿון די אָפּערייטאָרס. פֿאַר די זעצער וועלכע זײַנען צוליב דער מאַשין געבליבן אַרבעטסלאָז האָט מען געזוכט מיטלען צו העלפֿן. מען האָט זיי געגעבן שטיצע, אַנדערע האָט מען באַזעצט אויף פֿאַרמס ביז די צײַטן וועלן זיך בעסערן. עס האָט געדויערט אפֿשר צען יאָר ביז, טאַקע צוליב דער מאַשין, האָט זיך דער דרוקערפֿאַך אַזוי אַנטוויקלט אַז די אַרויסגעפֿאַלענע אַרבעטער זײַנען ווידער אַבסאָרבירט געוואָרן.

ווען די זעצמאַשינען זײַנען אָבער אײַנגעשטעלט געוואָרן אין די ייִדישע צײַטונגען איז דער צוגאַנג געווען אַ גאַנץ אַנדערער. די ערשטע זאַך האָט מען זיך פֿאַרטראַכט וואָס צו טאָן מיט די וועלכע וועלן פֿון דער אַרבעט אַרויספֿאַלן. האָט די יוניאָן אײַנגעטיילט דעם אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג צווישן צוויי מענטשן, יעדערער זאָל אַרבעטן בלויז פֿיר שעה, כּדי מער מענטשן זאָלן האָבן פּרנסה. די שׂכירות זײַנען נאַטירלעך געווען נאָר אַ העלפֿט, דערפֿאַר אָבער האָבן ווייניקער געליטן פֿון דעם נײַעם אויסגעפֿינס.

שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, נאָך די פּאָגראָמען פֿון 1906, ווען אַ גרויסע ייִדישע אימיגראַציע האָט גורם געווען אַ סך שפֿע אין די ייִדישע צײַטונגען און די אַרבעט האָט זיך צוליב דעם פֿאַרמערט, האָט מען אײַנגעפֿירט אַ זעקס־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. דאָס האָט געבראַכט מער פֿאַרדינסט דורך דער פֿאַרלענגערטער צײַט.

די אַרבעט בײַ נאַכט ווערט אָבער, און מיט רעכט, באַטראַכט פֿאַר אַ גרע־סערער אָנשטרענגונג. די פֿראַגע איז דעריבער, אין וואָס זאָל די קאָמפּענסאַציע באַשטיין. דער צוגאַנג צו דער דאָזיקער פּראָבלעם איז אויך געווען פֿאַרשיידן.

די ענגלישע יוניאָן האָט פּשוט געהייסן באַצאָלן העכערע שׂכירות פֿאַר נאַכטאַרבעט. די ייִדישע יוניאָן אָבער האָט זיך בעסער געהייסן פֿאַרגיטיקן מיט קירצערער צײַט אַנשטאָט מער געלט.

וואָס קירצערע אַרבעטסצײַט האָט געמיינט פֿאַר ייִדישע שריפֿטזעצער, ווי אַזוי דאָס האָט באַווירקט זייער פֿיזישן און גײַסטיקן צושטאַנד, קען מען גיכער אָפּשאַצן ווען מען באַטראַכט זייער מצבֿ אין די ערשטע יאָרן און דעם גראַדנווײַזן פּראָגרעס אין זייערע דערגרייכונגען.

ווען איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער ייִדישער יוניאָן אין 1892, זײַנען אין אַ מיטגלידערשאַפֿט פֿון עטלעכע און דרײַסיק שוין געווען עטלעכע וואָס זײַנען געווען אָנגעשטעקט מיט דער „ווײַסער פּעסט”. איינציקווײַז האָבן זיי יונגערהייט פֿאַרענדיקט זייער לעבן. יעדער שריפֿטזעצער איז באַטראַכט



געוואָרן ווי אַ פּאָטענציעלער קאַנדידאַט פֿאַר לונגען־קראַנקייט. דער דורכ־שניט־עלטער פֿון אַ דרוקער איז לויט סטאַטיסטיק געווען ניט לענגער ווי פֿערציק יאָר. די קירצערע אַרבעטסצײַט האָט אָבער זײַן לעבן פֿאַרלענגערט ביז 64 יאָר.

איך ווייס ניט, צי יעדערער האָט די פֿרײַע צײַט פֿאַרנוצט זיך צו אַנט־וויקלען אי פֿיזיש אי גײַסטיק. איך ווייס אָבער, אַז גאָר פֿיל האָבן אויס־גענוצט די געלעגנהייט אויפֿן ריכטיקן שטייגער.

דער ייִדישער צוגאַנג איז געווען דער בעסערער.

# יוניאָן־לייבל

אין 1913 האָט זיך אַ גרופּע ייִדישע שריפֿטזעצער אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון אהרן גאָטעסמאַן, אַ פּראָמינענטער טוער פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן, זיך פֿאַרטראַכט וועגן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פֿאַרשפּרייטן יוניאָן־פּראָדוקטן צווישן יוניאָן־אַרבעטער.

עס קען קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַז מען זאָל גאָר דאַרפֿן אויסאַרבעטן פּלענער צו באַוועגן יוניאָן־אַרבעטער זיי זאָלן בעסער קויפֿן יוניאָן־פּראָדוקטן. לײַדער איז אַ פֿאַקט, אַז יעדן יוניאָנמאַן ווילט זיך שטאַרק, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן פֿאַרלאַנגען יוניאָן־פּראָדוקטן פֿון זײַן פֿאַך. ער איז אָבער אין דער זעלביקער צײַט ניט אַזוי שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין טראַכטן וועגן די פּראָדוקטן פֿון אַנדערע יוניאָנלײַט.

מיט דעם פֿולן גלויבן אין דעם יושר־געפֿיל פֿון אָרגאַניזירטע אַרבעטער, האָבן מיר געזוכט די סיבות פֿון דער דאָזיקער אָפּגעלאָזנקייט. מיר זײַנען געקומען צום באַשלוס, אַז שולדיק אין דעם איז ערשטנס דאָס, וואָס קיין אויפֿקלערונגס־קאַמפּאַניע איז וועגן דעם ענין קיין מאָל ניט געפֿירט געוואָרן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. צווייטנס, צוליב דעם וואָס יוניאָן־פּראָדוקטן קאָסטן אַ ביסל טײַערער ווי געוויינלעכע סחורות, איז ניט גרינג בײַצושטיין דעם נסיון פֿון כאַפּן מציאות. האָט זיך די גרופּע, ואַני בתוכם, אונטערגענומען אָנצופֿירן אַ דערציִערישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יוניאָנלײַט אויף אַ רעאַליסטישן אופֿן: וועקן אין זיי דעם סאָלידאַריטעט־געפֿיל און עלימינירן דעם תּירוץ פֿון העכערן קאָסט פֿון יוניאָן־פּראָדוקטן.

מיר האָבן געגרינדעט אַ געשעפֿט אונטער דעם נאָמען „יוניאָן לייבל פּראָדוקטס טריידינג אַסאָסיִיישאָן". דער טשאַרטער וואָס דער שטאַט האָט אונדז אַרויסגעגעבן האָט אויסדריקלעך געזאָגט אַז בלויז אַזעלכע יוניאָן־פּראָדוקטן וואָס טראָגן אויף זיך דעם יוניאָן־לייבל פֿון זייער פֿאַך מעגן פֿון דעם געשעפֿט פֿאַרקויפֿט ווערן.

כּדי די אונטערנעמונג צו פֿינאַנצירן, האָבן מיר אַרויסגעלאָזט „שערס" צו צען דאָלאַר, וועלכע זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן צו יוניאָנלײַט און זייערע פֿרײַנד. איינע פֿון די תּקנות איז געווען, אַז מער ווי פֿופֿצן שערס קען קיינער ניט אײַנהאַנדלען. דאָס איז געווען אַ באַוואָרעניש, אַז דאָס געשעפֿט, אויב ס'וועט גוט גיין, זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן אין פּריוואַטע הענט.

דער אָפּרוף איז געווען זייער אַ גוטער. דעם ערשטן שער האָט געקויפֿט סאַמיועל גאָמפּערס, דער באַרימטער פּרעזידענט פֿון דער אַמעריקען פֿעדערײשן אָוו לייבאָר. ער איז פּשוט געווען באַגײַסטערט פֿון אונדזער אונטערנעמונג. ער איז אָבער ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט אונדז צוגעגעבן





מוט. ווען מיר האָבן זיך געווענדט צו דער טעלעפֿאָן־קאָמפּאַניע, האָט זי אונדז געגעבן אַזאַ גרינגן נומער, וואָס דעם גרעסטן יחסן איז שווער דאָס צו באַווײַזן. דער טעלעפֿאָן־נומער איז געווען ביקמאַן 200, אַ נומער וואָס ס'איז זייער גרינג צו געדענקען. דער פֿאַרוואַלטער האָט אונדז בפֿירוש געזאָגט, אַז ער טוט דאָס ווײַל ער איז באַגײַסטערט פֿאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

כּדי צו באַשיצן די אינטערעסן פֿון די שערהאָלדערס, אַז רעקעטירן מכּל המינים זאָלן זיך ניט באַהאַלטן כּלומרשט אונטער אַ הייליקן צוועק און באַשווינדלען דאָס פּובליקום וואָס האָט זיי דעם קאַפּיטאַל אָנגעטרויט, — פֿאָדערט דאָס געזעץ אַ שטרענגן קאָנטראָל פֿון דער רעגירונג. האָבן מיר געמוזט האָבן אַ לאָיער, ער זאָל אונדז די געזעצלעכע זײַט באַזאָרגן. האָט גאָטעסמאַן אונדז געבראַכט אַ באַוווּסטן קאָרפּאָראַציע־לאָיער, פֿון וואָל־סטריט, אַ געוועזענער קאָנגרעסמאַן, רײַט האָט ער געהייסן, זייער אַ ליבעראַלער מענטש. אים איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן דער אויפֿטו פֿון פּשוטע אַרבעטער, אַז ער האָט זיך אָנגעבאָטן די גאַנצע געזעצלעכע אַרבעט צו טאָן פֿאַר אַ קלייניקייט — פֿאַר עטלעכע שערס.

דעם קאַפּיטאַל האָבן מיר אין אַ גאַנץ קורצער צײַט געשאַפֿן. דער לאָיער האָט אונדז אָרגאַניזירט. דער פֿאַרוואַלטונגס־ראַט איז באַשטאַנען פֿון דער גרופּע איניציאַטאָרס, פֿון וועלכע יעדער האָט געקויפֿט צו פֿופֿצן שערס. דער פּרעזידענט איז געווען גאָטעסמאַן; דער ווײַס־פּרעזידענט — שטיין, אַ ייִדישער נאָמען, אָבער אַ קריסט, דער איינציקער קריסט אין דער גרופּע. ער איז געווען דער „אָרגאַנײַזער" פֿון דער ענגלישער שריפֿטזעצער־יוניאָן נומער 6 פֿון ניו־יאָרק. דער טרעזשורער — יאָזעפֿסאָן. די איבעריקע דירעקטאָרן זײַנען געווען: ראָזענבלום, ליבערמאַן, מישקין, שקלאַרין, פֿריד און שיינפֿעלד — אַלע מיטגלידער פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן נומער 83, פֿון ניו־יאָרק.

מיר האָבן געדונגען אַ גרויסן פּלאַץ אין דער „וואָרלד־בילדינג", לעבן דער ברוקלין־בריק. דאָרט איז דעמאָלט געווען דער צענטראַלער פּונקט פֿון די צײַטונגען און דרוקערײַען אין שטאָט. גאָטעסמאַן האָט זיך געווענדט צו די פֿאַרשיידענע פֿאַבריקאַנטן וואָס פּראָדוצירן יוניאָן־לייבל־סחורות. מיט זייער הילף און אויך מיט דער הילף פֿון פֿרײַנדלעכע סוחרים וועלכע האָבן אונדז געהאָלפֿן מאַכן דעם ריכטיקן אויסוואַל, איז דער פּלאַץ באַזאָרגט געוואָרן מיט סחורות מכּל המינים. ס'איז פּשוט ניט געווען קיין געברויך־אַרטיקל וואָס מען האָט דאָרט ניט געקענט קריגן.

די פּרײַזן זײַנען אַזוי באַשטימט געוואָרן, אַז זיי זאָלן אין קיין פֿאַל ניט זײַן העכער ווי מען דאַרף צאָלן פֿאַר ניט־יוניאָן־סחורות, כאָטש דער הורט־פּרײַז איז, נאַטירלעך, יאָ געווען העכער. דאָס איז מעגלעך געווען צוליב דעם, וואָס די הוצאות זײַנען געווען קליינע. די דערמאָנטע איניציאַטאָרס האָבן זייער צײַט אָפּגעגעבן אומזיסט. דער איינציקער באַצאָלטער מענטש איז געווען דער בוכהאַלטער וועלכער האָט געדאַרפֿט זײַן גאַנצע צײַט אָפּגעבן דעם געשעפֿט. די אַנדערע אַרבעט איז פֿון דער גרופּע אַזוי אײַנגעטיילט געוואָרן, אַז די וועלכע

האָבן פֿאַר זייער פּרנסה געאַרבעט בײַ נאַכט, האָבן אין זייער פֿרײַער צײַט בײַ טאָג זיך געפֿונען אין געשעפֿט און געטאָן יעדע אַרבעט וואָס ס'האָט זיך געפֿאָדערט. די אַנדערע וועלכע האָבן געאַרבעט בײַ טאָג פֿלעגן אין די אָוונטן אַדרעסירן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און צווישן זיי פּראָפּאַגאַנדירן די יוניאָן־לייבל־אידעע.

מיר האָבן אויך געהאַט די שטיצע פֿון דער ענגלישער און דײַטשישער אַרבעטער־פּרעסע און פֿון די לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע דרוקער־אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן אונדז אַרײַנגעשיקט די נעמען און אַדרעסן פֿון זייערע מיטגלידער איבערן לאַנד. אַזוי אַרום האָבן מיר באַקומען צענדליגער טויזנטער אַדרעסן פֿון יוניאָנלײַט, וועמען מיר האָבן געקענט שיקן אונדזער קאַטאַלאָג. מיר האָבן זיך נאַטירלעך פֿון אָנהייב ניט געקענט באַנוצן מיט אַלע אַדרעסן, ווײַל דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. דער פֿאַקט אָבער, אַז אונדז זײַנען די אַדרעסן צוגעשטעלט געוואָרן פֿון די אָרגאַניזאַציעס ווי אַ מתּנה, אין דער צײַט וואָס געשעפֿטסלײַט צאָלן דערפֿאַר אַוועק גרויסע סומעס, איז נאָך אַ באַווײַז, אַז אונדזער אויפֿטו האָט בײַ אַלעמען אויסגענומען.

דער ענטוזיאַזם פֿון די גרינדער איז געוואָקסן מיט יעדן טאָג, זעענדיק ווי אַרבעטער רופֿן זיך אָפּ, קומען אַליין און מיט זייערע פֿרויען אײַנקויפֿן און זײַנען באַגײַסטערט פֿאַר אונדזער אַרבעט. באַשטעלונגען פֿלעגן אויך אָנקומען פֿון יוניאָנלײַט פֿון אַנדערע שטעט. דער אָפּרוף איז אָבער געקומען מערסטנס פֿון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. די ייִדישע יוניאָנלײַט האָבן „געשײַנט מיט זייער אָפּוועזנהייט", ווי דאָס ווערטל גייט. צי דערפֿאַר וואָס דער סטאָר איז געווען אַרויס פֿון דער ייִדישער געגנט, האָבן זיי זיך ניט געוואָלט מטריח זײַן, צי זיי זײַנען נאָך ניט געווען גענוג דערצויגן. מיט דער צײַט וואָלטן מיר זיי אפֿשר אויך באַווירקט. די צרה איז אָבער געקומען גראָד פֿון דער זײַט פֿון די אַמעריקאַנער יוניאָנס.

דער אָפּרוף פֿון די אַרבעטער איז געווען אַ גרויסער — איז דאָך גוט? האָט עס אָבער מיט דער צײַט אַרויסגערופֿן די קינאה פֿון זייערע פֿירער. „זעט נאָר, האָבן זיי געטענהט: וואָס ייִדן קען אײַנפֿאַלן? זיי ווילן דאָך מיט דער צײַט דערפֿון נתעשר ווערן. אונדז איז אַזאַ זאַך גאָרניט אײַנגעפֿאַלן". און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו שעדיקן די אונטערנעמונג צווישן זייערע מיטגלידער; זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שם־רע אויף די סחורות. מיר האָבן זיך דערפֿון דערוווּסט ניט נאָר פֿון די וועלכע האָבן עס אונדז דערציילט, נאָר מיר האָבן עס אָנגעהויבן פֿילן בפּועל ממש — מען האָט אויפֿגעהערט צו קומען קויפֿן.

נאָך צוויי יאָר הצלחה האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז די שכינה האָט זיך פֿון אונדז אָפּגעטאָן.

כּדי קיינער זאָל ניט דאַרפֿן לײַדן קיין היזק, האָבן מיר דאָס געשעפֿט ליקווידירט. מיט דעם מזומן האָבן מיר באַצאָלט די חובֿות און יעדער שער־האָלדער האָט באַקומען סחורה פֿאַר זײַן געלט. מיר האָבן זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס מיר זײַנען אפֿשר געבוירן געוואָרן מיט אַ פּאָר דורות צו פֿרי.

# עולם־הזה אויף אַ דרוקער־צוזאַמענפֿאָר

די קאָנווענשאָנס פֿון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן זײַנען אַ שם דבֿר אין דעם לעבן פֿון די יוניאָן־טוער אין דרוקערפֿאַך. בײַצוווינען אַ קאָנווענשאָן ווי אַ דעלעגאַט פֿון אַ שריפֿטזעצער־יוניאָן ווערט ניט נאָר באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד וואָס ווערט צוגעטיילט פֿאַר גוטע פֿאַרדינסטן, נאָר אויך פֿאַר אַ שטיק עולם־הזה. דאָס פֿאַרגעניגן וואָס מען זאַפּט אין זיך אַרײַן אין די פּאָר וואָכן בלײַבט אין זכּרון אויף אַ לאַנגער צײַט.

אין די ערשטע 10—15 יאָר פֿון דער עקסיסטענץ פֿון דער ייִדישער שריפֿט־זעצער־יוניאָן האָט מען זעלטן אָנטיילגענומען אין די קאָנווענשאָנס פֿון דער אינטערנעשאָנאַל, פּשוט צוליב דעם קליינעם אינטערעס וואָס אַ ייִדישע יוניאָן האָט דעמאָלט געפֿילט אין דעם אַלגעמיינעם גורל פֿון דער אַמעריקאַנער אַר־בעטערשאַפֿט. די טעטיקייט פֿון די ייִדישע יוניאָנס האָט זיך באַגרענעצט מיט דער ייִדישער ספֿערע. די גרענעצן פֿון אַמעריקע, ווי געזאָגט, האָבן זיך געפֿונען אויף הויסטאָן־סטריט, פֿון צפֿון־זײַט, און טשערי־סטריט, פֿון דרום־זײַט; די בויערי פֿון מערבֿ־זײַט און דער איסט ריווער פֿון מיזרח־זײַט. ווײַטער פֿון די דאָזיקע גרענעצן איז שוין ניט געווען קיין ייִדישע אַמעריקע. אין דעם דאָזיקן תּחום האָבן די יוניאָנס געקעמפֿט, געשאַפֿן און זיך אויסגעלעבט געזעלשאַפֿטלעך.

ווען די יוניאָן פֿלעגט שוין יאָ אַ מאָל שיקן אַ דעלעגאַט צו אַ קאָנווענשאָן פֿון דער אינטערנעשאָנאַל, איז עס כּמעט אַלע מאָל געווען הײַמאַן ראָזענסאָן. ער איז אין די ערשטע פּאָר צענדליגער יאָר געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון די טעטיקע און קעמפֿנדיקע טוער. עס איז געווען אַ גליק, וואָס די פֿירערשאַפֿט איז אים אָפּט אָנגעטרויט געוואָרן. ראָזענסאָן מיט זײַן קלוגער, אימפּאָזאַנטער פּערזענלעכקייט און ערלעכקייט האָט אַלעמען באַווירקט, און די ייִנגערע טוער, ואַני בתוכם, האָבן אַרויפֿגעקוקט צו אים און פֿון זײַן פּראַקטיק פֿיל גענאָסן. איך געדענק, אַז ווען די יוניאָן האָט געפֿײַערט איר 25יאָריקן יובֿל, האָט דער גרויסער קונדס, אַ פּאָפּולער וואָכנבלאַט, כאַראַקטעריזירט די שטאַרקייט פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן דורך אַ קאַרטון פֿון ראָזענסאָנען, כאָטש דער פּרעזידענט בין איך דעמאָלט געווען.

ראָזענסאָן ווידער האָט די אַרבעט ליב געהאַט, אַ סימן — ער האָט זיך תּמיד געריסן צו דער פּרעזידענטשאַפֿט. מאַטעריעל האָט עס אים וויניק אַרײַנגעבראַכט, ווײַל די יוניאָן האָט קיין שׂכירות, אַחוץ הוצאות וואָס קומען מיטן אַמט, קיין מאָל ניט געצאָלט. כּדי צו מאַכן אַ לעבן, האָט ער געדאַרפֿט אַלע טאָג קומען אין שאַפּ אַרבעטן, ווי אַלע אַנדערע זעצער. דערפֿאַר אָבער,

אַז ער האָט געמערקט, אַז אַן אַנדער טוער האָט חשק צו ווערן פּרעזידענט, פֿלעגט ער זיך צוריקציִען און אַ צווייטן געבן אַ געלעגנהייט.

ערשט ווען די יוניאָן האָט שוין געהאַט דאָס רעכט צוליב דער פֿאַרגרעסערטער מיטגלידערשאַפֿט, צו שיקן צוויי דעלעגאַטן און איז שוין אויך געווען ביכולת צו דעקן די הוצאות, האָט מען זיך דערוווּסט, וואָס פֿאַר אַ יום־טובֿ די דעלעגאַטנשאַפֿט איז. דעמאָלט האָבן שוין אויך אַנדערע אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדידאַטור.

צום ערשטן מאָל האָב איך אויך פֿון דעם דאָזיקן עולם־הזה פֿאַרזוכט אין יאָר 1916, ווען די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַלטימאָר. איך האָב אין יענעם יאָר, ווי דער פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן, געהאָלפֿן צוגעבן נאָך אַן אָפּטיילונג פֿון דרוקערפֿאַך צום רשות פֿון דער יוניאָן — קאָרעקטור („פּרופֿ־רידינג״); ביז דעמאָלט האָט זיך דער יוניאָנס רשות באַגרענעצט בלויז אויף דעם „בחור הזעצער״. דעם „בעל־מגיה״ האָט מען גענומען מייסטנס פֿון דער שרײַבער־פּראָפֿעסיע, און אָן דער שוץ פֿון אַ יוניאָן איז ער זייער עקספּלואַטירט געוואָרן. די ענגלישע שריפֿטזעצער־יוניאָנס איבערן לאַנד האָבן געהאַט יוריסדיקציע אויך אויף קאָרעקטור, האָט די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן אויך איבערגענומען דעם דאָזיקן דעפּאַרטעמענט אונטער איר רשות און דערמיט פֿיל געהויבן די מערכה פֿון בעל־מגיה. אַזוי ווי אָבער דאָס איז גרינג ניט אָנגעקומען און עס האָט די יוניאָן שיִער ניט פֿאַרוויקלט אין אַ קאַמף מיט די צײַטונגען, האָב איך עס באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסן אויפֿטו פֿון מײַן זײַט.

איך האָב מיר דעריבער געוואָלט פֿאַרגינען אַ ביסל עולם־הזה, און זיך געלאָזט אויסקלײַבן פֿאַר דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן פֿון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן אין 1916.

וואָס די דאָזיקע געשעעניש האָט פֿאַר מיר געמיינט, קען מען ריכטיק אָפּשאַצן נאָר ווען מען ווייסט, אין וועלכן פּרט די אַמעריקאַנער שריפֿטזעצער שיידן זיך אונטער פֿון אַנדערע אַרבעטער אין לאַנד. בײַ די אַמעריקאַנער שריפֿטזעצער איז די „וואַנדערלוסט״ געווען אַנטוויקלט אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז אַ געענדיקטער זעצער ווערט אָפֿיציעל באַצייכנט „דזשורנימאַן״, דאָס הייסט רײַזנדער. שריפֿטזעצער פֿלעגן אַרומוואַנדערן איבערן לאַנד לאָרכּה ולרחבה, און אין וועלכן פּלאַץ זיי זײַנען געקומען איז פֿאַר זיי תּמיד געווען אָנגעגרייט אַ קאַסטן מיט שריפֿט און אַרבעט אויף ווי לאַנג זיי האָבן זיך נאָר געוואָלט אָפּשטעלן. זיי האָבן עס אָבער ניט געוואָלט. ווי נאָר אַ זעצער האָט פֿאַרדינט אַ ביסל געלט, איז ער שוין אויסגעווען די צײַט — געפֿאָרן ווײַטער. די פּראָווינציעלע צײַטשריפֿטן האָבן פֿיל געוווּנען פֿון די דאָזיקע וואַנדערער. דער זעצער פֿלעגט מיטברענגען מיט זיך מאָדערנע אידעעס און טעכנישע פֿאַרבעסערונגען אין די צוריקגעשטאַנענע דרוקערײַען. אין אַ סך פֿאַלן אויך ברייטערע פּראַקטיק. די רעדאַקטאָרן האָבן דערפֿון אין אַ גרויסער מאָס פּראָפֿיטירט. דערפֿאַר זײַנען די זעצער תּמיד געווען אָנגעלייגטע געסט.



צו אַ קאָנווענשאָן פֿון דער אינטערנעשאָנאַל האָט אַלעמען געצויגן. ציִ מען איז געקומען ווי אַ דעלעגאַט ציִ ווי אַ וויזיטאָר, האָט ניט אויסגעמאַכט. דאָרט האָט מען זיך געטראָפֿן מיט פֿאַרשיידענע טיפּן אַמעריקאַנער דרוקער. אַזאַ פֿאַרבנרײַכער צוזאַמענפֿאָר איז אַפֿילו אין אַמעריקע אַ זעלטנהייט: זעצער פֿון פּאַציפֿישן ברעג כאַפּן זיך אַרום מיט זעצער פֿון אַטלאַנטישן ברעג און טיילן זיך מיט זייערע זכרונות, ווען זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן ערגעץ אין מיטן לאַנד אין זייערע וואַנדערונגען. אַלטע באַקאַנטשאַפֿטן ווערן אָפּגעפֿרישט און נײַע ווערן געשלאָסן בײַ אַ ביסל משקה, וואָס זי מאַכט די שטימונג נאָך געהויבענער.

די יוניאָן, אין וועמעס שטאָט די קאָנווענשאָן ווערט אָפּגעהאַלטן, איז גוואַלדיק פֿאַרטאָן אין דער מידה פֿון הכנסת־אורחים. זי גרייט זיך צו דער געשעעניש אַ גאַנץ יאָר. אירע מיטגלידער באַשטײַערן זיך מיט היפּשע סומעס, כּדי די דעלעגאַטן און געסט זאָלן זיי האָבן אַ לאַנגע צײַט צו געדענקען. צו פֿאָרן צו אַ קאָנווענשאָן הייסט דעריבער פֿאָרן צו אַ הוליאַנקע אויף אַ גאַנצער וואָך.

דאָס שטערט אָבער בשום אופֿן ניט דעם הויפּטצוועק פֿון דער קאָנווענשאָן, — די פּראַקטישע אַרבעט, צוליב וועלכער מען קומט זיך צונויף איין מאָל אַ יאָר. די אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן איז די דעמאָקראַטישסטע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. כּמעט יעדעס יאָר ווערט די קאָנסטיטוציע רעווידירט, כּדי זי צוצופּאַסן צו נײַ געשאַפֿענע אומשטאַנדן. יעדער דעלעגאַט באַטראַכט פֿאַר זײַן חובֿ פֿאָרצולייגן עטלעכע אויסבעסערונגען. די אַלע פֿאָרשלאָגן ווערן אָפּגעדרוקט, פֿאַרשפּרייט צווישן די דעלעגאַטן און איבערגעגעבן צו אַ „קאָמיטע״. די פֿאָרשלאָגן וועלכע ווערן געשטיצט פֿון דער קאָמיטע און אָנגענומען פֿון די דעלעגאַטן ווערן ערשט דערנאָך געשיקט צו אַ רעפֿערענדום פֿון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפֿט, און ווען זיי באַקומען אַ מערהייט, ווערן זיי אַ טייל פֿון דער קאָנסטיטוציע. מיר איז ניט באַקאַנט קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע, וווּ דער ווילן פֿון די מיטגלידער קומט אַזוי בולט צום אויסדרוק ווי בײַ די שריפֿטזעצער.

די פּראָגראַם פֿון דער קאָנווענשאָן האָט זיך אָבער ניט אָנגעהויבן אין באַלטימאָר. מען האָט מיר מודיע געווען, אַז אין ניו־יאָרק האָט זיך געשאַפֿן אַ קלוב וועלכער באַשטייט פֿון די דעלעגאַטן פֿון אַלע שריפֿטזעצער־יוניאָנס פֿון דער שטאָט — ענגלישע, דײַטשישע, אונגערישע, גריכישע, טשעכישע, עקספּעדיטאָרן־יוניאָן און געסט. די ייִדישע דעלעגאַציע ווערט פֿאַרבעטן צוצושטיין. דער אָרקעסטער פֿון דער ענגלישער יוניאָן (ביג סיקס) וועט אויך מיטפֿאָרן. די ייִדישע יוניאָן האָט געהאַט צוויי דעלעגאַטן — יאָזעפֿסאָן און איך — און דרײַ וויזיטאָרס — בלום, אייבעלס און וואָלפֿערט. זיי זײַנען געפֿאָרן אויף זייערע אייגענע הוצאות דאָרט צו פֿאַרברענגען זייער וואַקאַציע. מיר זײַנען צוגעשטאַנען צו דער אַלגעמיינער גרופּע. עס האָט אונדז ניט באַנג געטאָן.

דאָס פֿאָרן אַליין איז שוין געווען אַ „פּלעזשורטריפּ". מען איז ניט גע־פֿאָרן מיט דער באַן וואָס ברענגט קיין באַלטימאָר אין וועלכע זעקס שעה — און שוין. נאָר מען האָט געדונגען אַ שיף און מען איז אַרויסגעפֿאָרן אין מיטן ים, און געפֿאָרן איז מען ניט קיין באַלטימאָר, נאָר קיין נאָרפֿאָלק, ווירדזשיניע, אויף אַ פֿאַרבעטונג פֿון דער דאָרטיקער יוניאָן. די רײַזע אויפֿן ים איז געווען אַ פֿרייליכע און אַ פֿאַרגעניגנדיקע, ווי נאָר ניו־יאָרקער דרוקער מיט אַן אייגענעם „בענד" פֿון אַרום פֿופֿציק מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און מיט גענוג סטימולאַנטן קענען עס מאַכן.

אין נאָרפֿאָלק איז די שריפֿטזעצער־יוניאָן אונדז געקומען מקבל־פּנים זײַן, אונדז געבראַכט צו אַ פֿאַרגעניגנס־ברעג, וווּ דער טשעמבער אָוו קאָמוירז פֿון דער שטאָט האָט פֿאַר אונדז געהאַט צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה פֿון ים־מאכלים. נאָך דעם ווי די דעלעגאַטן זײַנען זיך דורכגעשווומען, האָבן זיך אַלע געזעצט אַרום די טישן און סאַרווערס האָבן געהאַלטן אין איין דערלאַנגען.

דעם נאָכמיטאָג האָט די יוניאָן פֿון נאָרפֿאָלק אײַנגעאָרדנט אַ פּיקניק אין אַ פּאַרק, אין וועלכן אַלע מיטגלידער מיט זייערע פֿאַמיליעס האָבן זיך באַ־טייליקט, און נאָך אַ צובײַס וואָס מען האָט סערווירט פֿאַר די געסט אין פּאַרק האָבן מיר, צוזאַמען מיט די אַנדערע דעלעגאַציעס פֿון ווירדזשיניע, זיך ווידער אויפֿגעזעצט אויף אַ שיף און געפֿאָרן אויפֿן טשעסאַפּיק בעי — אַ שיינע לבֿנה־שײַן־עקסקורסיע אויף אַ גאַנצער נאַכט. אין דער פֿרי זײַנען מיר אָנגעקומען קיין באַלטימאָר.

די אמתע חתונה האָט זיך ערשט אָפּגעשפּילט אין באַלטימאָר. די יוניאָן, פֿון אַ מיטגלידערשאַפֿט פֿון העכער 500, האָט געשאַפֿן אַ פֿאָנד, צו וועלכן יעדער מיטגליד האָט בײַגעשטײַערט צען דאָלאַר, כּדי צו פֿאַרווײַלן די דעלעגאַטן און געסט אין דער צײַט פֿון דער קאָנווענשאָן. אויפֿן פֿערטן טאָג האָב איך געפֿילט אַז איך האָב שוין געהאַט גענוג עולם־הזה — און בין געגאַנגען פֿאַר פֿרי שלאָפֿן.

די וואַשינגטאָנער שריפֿטזעצער־יוניאָן (וואַשינגטאָן איז בלויז איין שעה רײַזע פֿון באַלטימאָר), האָט פֿאַרבעטן די דעלעגאַטן און געסט צו זיך אויף אַ טאָג, אָנצוקוקן וואַשינגטאָן הבירה. ספּעציעלע צוגן האָבן אונדז אַלעמען אַהינגעבראַכט. נאָך דעם ווי מען האָט אונדז אַרומגעפֿירט אויף „סײַטסיִינג־קאַרס" און אונדז געוויזן אַלץ וואָס איז ווערט צו זען אין דער הויפּטשטאָט, האָט מען אונדז געווײַלט אַ גאַנצן אָוונט אויפֿן דאַך פֿון דעם מאַסאָניק טעמפּל און דערנאָך צוריקגעפֿירט קיין באַלטימאָר.

„בינד מיך אויף אַלע פֿיר, אַבי וואַרף מיך צווישן אייגענע" איז אַן אַלט ייִדיש ווערטל. דער אמת דערפֿון האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אין באַלטימאָר. ווי נאָר מיר זײַנען אָנגעקומען און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, זײַנען אונדז געקומען מקבל־פּנים זײַן דער מנין ייִדישע זעצער פֿון דער באַלטימאָרער שריפֿטזעצער־יוניאָן. מיר האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן פֿילן אין אַ היימישער סבֿיבֿה. זיי אַליין האָבן אויך דערזען פֿאַר זיך אַ גרופּע וועלכע וועט מיט איר



פּרעסטיזש אויך אויף זיי קענען משפּיע זײַן. זיי האָבן די גאַנצע צײַט פֿון דער קאָנווענשאָן זיך צו אונדז געטוליעט און אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפֿן, אַז מיר זאָלן זיך פֿילן היימיש און מיר זאָלן פֿון אַלע תּענוגים געניסן מיט אַ פֿולער האַנט.

# אונדזער משפחה אין אַמעריקע

דאָס וואַקסן פֿון אונדזער משפחה אין אַמעריקע אַחוץ אונדזער נאָענטער פֿאַמיליע, ד״ה מײַן פֿעטער און זײַן הויזגעזינט, מײַן שוועסטער און אירע קינדער און די שוועסטערקינדער אין פֿילאַדעלפֿיע נאָך פֿון דער עם־עולם־עפּאָכע, האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע יאָרן פֿונעם איצטיקן יאָרהונדערט. באַלד אין אָנהייב פֿון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה איז דער ערשטער קרובֿ אַריבערגעקומען פֿון אַדעס. ער איז געווען אַ רעזערוויסט, האָט ער גענומען זײַן פֿאַמיליע און איז בעסער געפֿאָרן קיין אַמעריקע. ער איז געווען אַ שריפֿטזעצער און איז געקומען צו זײַן ברודער, אַן עם־עולמניק, קיין קעמדען, ניו־דזשוירזי. ער האָט זיך אָבער אין דער פּראָווינץ בײַ זײַן פֿאַך ניט געקענט אײַנאָרדענען. איך האָב זיך מיט אים פֿאַראינטערעסירט, אים פֿאַרגעלייגט אין דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן און מיט דער צײַט איז ער אָנגעקומען אַרבעטן אין פֿאָרווערטס. ער האָט אָפּגעאַרבעט אין פֿאָרווערטס עטלעכע און דרײַסיק יאָר און אין דער צײַט דערצויגן אַ שיינע פֿאַמיליע פֿון גראָטענע קינדער. נאָך דעם האָט ער זיך צוריקגעצויגן פֿון דער אַרבעט אויף אַ פּענסיע פֿון דער יוניאָן און פֿאָרווערטס, באַקומענדיק דערצו אויך „סאָשל־סעקיוריטי״־צאָלונגען, איז ער מיט פּרנסה פֿאַרזאָרגט אויף די עלטערע יאָרן. ער איז בטבֿע אַ צוריקגעצויגענער מענטש. ער פֿאַרברענגט אַ סך צײַט אין די ביבליאָטעקן און דאָס לייענען פֿילט אים ניט באָר אויס זײַן פֿרײַע צײַט, נאָר עס פֿאַרשאַפֿט אים אויך דערצו אַ גײַסטיקן תּענוג.

שילדערנדיק די מערכה פֿון די ייִדישע דרוקער־בעלי־בתּים אין די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם י״ה, האָב איך אויך אָנגעוויזן אויף די לאַנגע אַרבעט־שעהען און די אַנדערע אַרבעטן וואָס די דאָזיקע פּרנסה האָט פֿון זיי געפֿאָדערט. אַז אַזאַ שטייגער לעבן איז מײַן פֿעטער דעם דרוקער ניט זייער געווען צום האַרצן איז קלאָר פֿון זיך אַליין. ווען עס האָט זיך אים געשאַפֿן אַ גינציקע געלעגנהייט אַריבערצוגיין צו אַן אַנדער פּרנסה, מיט אַ בעסערן אויסקוק, האָט ער באַשלאָסן עס אויסצופּרוּוון.

אַ געוויסער טייל פֿון די אַרבעטן וואָס ווערן געמאַכט אין אַ דרוקערײַ איז דאָס דרוקן קאָנווערטן פֿאַר אָרגאַניזאַציעס און געשעפֿטסלײַט. די דאָזיקע סחורה פֿלעגן די דרוקער קויפֿן אין די פּאַפּיר־געשעפֿטן און בײַ ניו־יאָרקער קאָנווערטן־פֿאַבריקאַנטן.

איין מאָל האָט זיך צו מײַן פֿעטער געווענדט אַ פֿאַרטרעטער פֿון אַ קאָנווערטן־פֿאַבריק אין מאַסאַטשוסעטס און אים אָנגעבאָטן זײַן סחורה אַ היפּש ביסל ביליקער, אויב ער וועט עס קויפֿן אין גרעסערע סכומען (קייס־לאָטס).





דער אָנבאָט איז מײַן פֿעטער געפֿעלן געוואָרן. ער האָט אין דעם דערשפּירט אַ געלעגנהייט אַרײַנצוגיין אין דעם מיסחר. ער וועט קענען די סחורה פֿאַרקויפֿן צו די אַנדערע דרוקער אין דער געגנט ביליקער ווי זיי דאַרפֿן צאָלן די ניו־יאָרקער פֿאַבריקאַנטן און עס וועט נאָך בלײַבן אַ היפּשער ריווח פֿאַר זיך. ער האָט אָפּגעדרוקט קאַטאַלאָגן און עס אַרויסגעשיקט צו די דרוקער. און דער אָפּרוף איז געווען בעסער ווי ער האָט זיך גערעכט.

ער האָט זיך דעמאָלט געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט נאָך אַנדערע פֿאַבריקאַנטן אין שטאַט קאָנעטיקאָט, האָט אויך אײַנגעהאַנדלט זייער סחורה, און די אונטערנעמונג איז געוואָקסן. האָט ער זיך פֿאַרנומען נאָך גרעסער, געדונגען אַ גרויסן לאָפֿט אין דעם ענגלישן דרוקער־צענטער (דאַון־טאַון) און די קאַטאַלאָגן אויך געשיקט צו די ענגלישע דרוקער. ער האָט אויך אַרײַנגעגעבן אַנאָנסן אין די דרוקערשע צײַטשריפֿטן איבערן לאַנד. די ביליקע פּרײַזן האָבן געלאָקט און דאָס געשעפֿט איז געוואָקסן בעסער ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. דעמאָלט האָט ער די דרוקערײַ אויפֿגעגעבן און זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט דעם קאָנווערטן־געשעפֿט. אַצונד האָט ער אין גאַנצן אויפֿגעלעבט. ניט נאָר ווײַל עס האָט מער געטראָגן (ער האָט געפֿילט אַז ער וואַקסט אַ גבֿיר), נאָר מער צוליב דעם וואָס ער איז באַפֿרײַט געוואָרן פֿון די זייער לאַנגע אַרבעט־שעהען און האָט באַקומען פֿאַר זיך פֿרײַע צײַט צום לעבן.

דאָס האָט געדויערט אַרום דרײַ יאָר — אפֿשר די גליקלעכסטע אין זײַן לעבן.

אין יענער צײַט אָבער, סוף 19טן י״ה, האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אַן ענדערונג אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון לאַנד. ווען עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע, נאָך דעם עקאָנאָמישן קריזיס פֿון 1893, האָבן זיך פֿיל אינדוסטריעס, אומגעשטערט פֿון דער רעגירונג, אָנגעהויבן פֿאַראייניקן אין גרויסע קאָרפּאָראַציעס, כּדי אָפּצושאַפֿן די קאָנקורענץ צווישן זיך און צו רעגולירן די פּראָדוקציע. זיי האָבן עלימינירט דעם פֿאַרמיטלער און בלית ברירה, האָט מען געמוזט אָנקומען צו זיי. סײַ די פֿאַרמיטלער און סײַ די קאָנסומענטן האָבן אָנגעהויבן פֿילן דעם אומברחמנותדיקן דרוק פֿון די „טראָסטן״, ווי זיי האָבן זיך גערופֿן — אַ שיין קלינגענדיקער נאָמען, אַ מין מיתה בנשיקה...

די קאָנווערטן־פֿאַבריקאַנטן האָבן נאָכגעטאָן די אַנדערע אינדוסטריעס און האָבן זיך אויך פֿאַראייניקט אין אַ טראָסט. דער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען — מײַן פֿעטער איז ליקווידירט געוואָרן.

אויף דער עצה פֿון אונדזערן אַ שוועסטערקינד אין קעמדען, ניו־דזשוירזי, האָט ער געראַטעוועט וויפֿל ער האָט געקענט און מיט זײַן פֿאַמיליע זיך אַריבערגעצויגן קיין קעמדען און דאָרט זיך אײַנגעאָרדנט. דאָס שלעכטע מזל האָט אים אָבער שוין אויך אַהין נאָכגעיאָגט. זײַן פֿרוי איז קראַנק געוואָרן. נאָך דעם ווי ער האָט אַלץ פֿאַרצערט זי צו ראַטעווען, איז ער נאָך איר טויט געבליבן מיט פֿינף קינדער ווי אויפֿן וואַסער פֿאַרלוירן — דאָס עלטסטע קינד 12 יאָר און דאָס ייִנגסטע עטלעכע חדשים.

מײַן פֿעטער איז געקומען קיין ניו־יאָרק זיך אָן עצה צו האַלטן. אַ פֿאַמי־ליען־ראָט איז באַלד אָפּגעהאַלטן געוואָרן פֿון מײַן מוטער, מײַן שוועסטער און מײַן פֿרוי. זיי האָבן באַשלאָסן צוצונעמען בײַ אים די קינדער ביז ער וועט זיך ווידער שטעלן אויף די פֿיס.

מײַן מוטער וועלכע פֿלעגט אויך מײַן פֿאָטער מיטהעלפֿן אין דער פּרנסה האָט אַרײַנגענומען צו זיך איין קינד; מײַן שוועסטער, וואָס זי האָט שוין געהאַט אירע אייגענע צוויי קינדער, האָט אַרײַנגענומען איין קינד; מײַן פֿרוי אָבער, וועלכע האָט געהאַט בלויז איין קינד, האָט אַרײַנגענומען צוויי קינדער, און די בייבי האָט מען אַוועקגעגעבן צו אַן אַם צום האָדעווען. אַזוי איז אַוועק אַ גאַנץ יאָר. מײַן פֿעטער האָט זיך געוואָרפֿן פֿון איין באַשעפֿטיקונג צו אַ צווייטער אָבער אָן אַ באַשטימטער פּרנסה, ביז ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַרן גע־שעפֿטס־פֿאַרוואַלטער פֿון פֿאָרווערטס. צו דער שטעלע איז ער געווען פֿול־שטענדיק צוגעפּאַסט צוליב זײַנע פֿריִערדיקע דערפֿאַרונגען אי ווי אַן אַרויס־געבער פֿון אַ צײַטונג אי שפּעטער ווי אַ דרוקער. זײַן לאַגע האָט זיך דעמאָלט שוין אַזוי סטאַביליזירט, אַז ער האָט שוין געקענט אײַנאָרדענען אַ היים און צונעמען אַ פֿרוי אויפֿצופּאַסן אויף דעם הויז, און די פֿאַמיליע איז ווידער פֿאַראייניקט געוואָרן.

נאָך דעם ווי עטלעכע דערוואַקסענע קינדער פֿון מײַן פֿאָטערס משפּחה זײַנען אַריבערגעבראַכט געוואָרן פֿון אוקראַיִנע, האָבן זיי שוין דערנאָך געשיקט נאָך זייערע עלטערן און דער גאַנצער פֿאַמיליע. אַזוי ווי מיר האָבן זיך ניט גערעכנט אויף קיין שום שוועריקייטן, בין איך דעמאָלט ניט געווען אין שטאָט. איך האָב פֿאַרבראַכט אויף מײַן וואַקאַציע. פּלוצעם באַקום איך אַ טעלעגראַם, אַז איך זאָל באַלד קומען קיין ניו־יאָרק, ווײַל מען האָט דעם פֿעטער מיט דער פֿאַמיליע פֿאַרמישפּט צוריקצושיקן: מען האָט אין אים געפֿונען עפּעס אַ חסרון.

איך בין באַלד אַהיימגעפֿאָרן און זיך געווענדט צום בעל־הבית פֿון מאָרגן זשורנאַל יעקבֿ סאַפּירשטיין נאָך אַן עצה.

— וואָס מיר עצה? — רופֿט זיך אָן סאַפּירשטיין. — איך פֿאָר מיט אײַך גלײַך צום קאָמישאָנער אָוו אימיגריישאָן אויף עליס־אײַלאַנד, און מיר וועלן זיי באַפֿרײַען.

ווען מיר זײַנען געקומען אויפֿן אינדזל און אַרײַנגעשיקט זײַן קאַרטע צום קאָמישאָנער האָט ער אונדז באַגעגנט בײַ דער טיר און געזאָגט:

— מ״ר סאַפּירשטיין, פֿאַר וואָס האָט איר זיך מטריח געווען אַהער? איר האָט מיך פּשוט געקענט אָפּרופֿן אויפֿן טעלעפֿאָן און די זאַך וואָלט אָפּגעטאָן געוואָרן, נאָר לפּנים וועגן וועט איר דאַרפֿן אײַנלייגן אַ באָנד אויף טויזנט דאָלאַר צו פֿאַרזיכערן, אַז די קינדער פֿון שולעלטער וועלן געשיקט ווערן אין סקול לערנען. די גרינע האָבן אַ טבֿע די קלײנע קינדער אַרויסצושיקן אין די גאַסן צו פֿאַרקויפֿן צײַטונגען.



מײַן בעל־הבית האָט אײַנגעלייגט אַ באָנד, און מײַן פֿעטער מיט זײַן פֿאַמיליע זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן.

דער „אַל תשליכנו לעת זקנה״ האָט איין מאָל אויך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון מײַן פֿרויס מומע. עס האָט אַזוי פּאַסירט, אַז זי איז אויף דער עלטער געבליבן הילפֿלאָז און דאָס אייניציקע פּלאַץ, ווו זי וואָלט געקענט רויִק אויס־לעבן אירע עלטערע יאָרן האָט געקענט זײַן נאָר אין אַ „האָם״ — אַ מושבֿ זקנים. ווי אין אַלע אַנדערע פֿאַלן האָט מען זיך געווענדט צו מיר עס צו באַזאָרגן. מײַנע פּערזענלעכע בײַשטײַערונגען צו די דאָזיקע אינסטיטוציעס וואָלטן מסתּמא ניט געקענט באַאײַנפֿלוסן זייערע דירעקטאָרן אַרײַנצונעמען אונדזער מומע, האָב איך זיך ווידער אַ מאָל באַנוצט מיטן אײַנפֿלוס פֿון מאָרגן זשורנאַל דאָס צו דערגרייכן.

איך האָב זיך געווענדט צו מ״ר אַרטור מאַלקענסאָן, דעם אַרויסגעבער. ער האָט עס פֿאַר מיר מיט פֿאַרגעניגן געטאָן. אונדזער מומע האָט מען אַרײַנ־גענומען אין דעם שענסטן און בעסטן מושבֿ־זקנים אין ניו־יאָרק — „די האָם אָוו די דאָטערס אָוו דזשייקאָב״. זי איז דאָרט מוטערלעך באַהאַנדלט געוואָרן אַכט יאָר, ביז זי האָט פֿאַרענדיקט איר לעבן צו 80 יאָר.

אַרום יאָר 1928 האָט אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער סטרײַק פֿון די אַרבע־טער אין די אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן (ריילראָד־שאַפּס). דער סטרײַק איז פֿון די בעלי־בתּים שטאַרק באַקעמפֿט געוואָרן און איז דורכגעפֿאַלן. סטרײַק־ברעכער האָבן פֿאַרנומען די פּלעצער און די געוועזענע אַרבעטער האָט מען געשטעלט אויף אַ שוואַרצער ליסטע (בלעק ליסט), אַזוי אַז זיי האָבן שוין אין ערגעץ ניט געקענט באַקומען קיין אַרבעט.

איינער פֿון די געוועזענע סטרײַקער וועלכער האָט געהאַט חתונה געהאַט מיט מײַן פֿרויס קוזינע האָט געוווינט אין פֿאָרט וויין, אינדיאַנאַ. אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען אַרבעטסלאָז און האָט געהונגערט מיט זײַן פֿאַמיליע — אַ פֿרוי מיט פֿיר קינדער. דאָס האָט אויף אים אַזוי פֿאַטאַל געווירקט, אַז ער איז געווירט געוואָרן פֿון זינען. ווען מען האָט דער פֿרוי פֿאַרזיכערט, אַז ער איז אַ פֿאַרפֿאַלענער, איז זי מיט די קינדער געקומען קיין ניו־יאָרק צו דער משפּחה. די לאַגע איז געווען האַרצרײַסנדיק און, ווי אַלע מאָל, איז מען געקומען צום הכּל יכול אַרויסצוהעלפֿן פֿון דער צרה.

קודם־כּל האָבן מיר זיך צונויפֿגעלייגט און פֿאַר איר געדונגען אַ דירה, און זי מיט די קינדער פֿאַרזאָרגט מיט לעבנס־מיטל. דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צו מײַן מעלקנדיקער קו — דעם מאָרגן זשורנאַל.

דאָס מאָל האָב איך זיך שוין געווענדט צו די רעדאַקטאָרן. איך האָב געטראָפֿן פּיטער וויערניק, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר, און יעקבֿ פֿישמאַן, דעם פֿאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, אין זייער חדר־מיוחד. איך האָב פֿאַר זיי געשיל־

דערט די טראַגישע לאַגע פֿון דער פֿאַמיליע. זיי האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט. דורך זייער באַמיִונג זײַנען די קינדער אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער „נעשאַנאַל אָרפֿאַן האָם“, וווּ זיי האָבן באַקומען אַ גוטע דערציִונג, און די פֿרוי האָט באַקומען אַרבעט און האָט זיך דערנערט.

אין דרײַ יאָר אַרום איז דער מאַן אין גאַנצן געזונט געוואָרן. ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק, אַרויסגענומען די קינדער פֿון דעם יתומים־אַנשטאַלט און איז אין איינעם מיט זײַן פֿרוי און קינדער צוריקגעפֿאָרן קיין פֿאָרט ווין. דאָרט האָט ער זיך גענומען צו מיסחר, און די פֿאַמיליע איז ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן.

די פּאָגראָמען וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין אוקראַיִנע אין 1906 האָבן ייִדן שוין ניט געלאָזן אַזוי הילפֿלאָז ווי אין די אַכציקער יאָרן. ייִדן האָבן שוין געהאַט אין אַמעריקע קרובֿים און פֿרײַנד זיי אַריבערצוברענגען אין געבענטשטן לאַנד.

אונדזער פֿאַמיליע דאָ האָט אָבער ניט געוואַרט ביז מען וועט זיך צו אונדז ווענדן נאָך הילף. מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצוברענגען קיין אַמעריקע איינעם פֿון יעדער פֿאַמיליע, מיטן געדאַנק, אַז מיט דער צײַט וועלן זיי שוין אַליין קענען העלפֿן די נאָך דאָרט געבליבענע זיך אויך אַהער אַריבערצוראַטעווען.

מיר האָבן אַרויסגעשיקט זעקס שיפֿסקאַרטעס מיט הוצאות־הדרך: דרײַ שיפֿסקאַרטעס קיין אַדעס, צו מײַן מוטערס משפּחה, און דרײַ שיפֿסקאַרטעס קיין פּראָמפּאָל, אוקראַיִנע, צו מײַן פֿאָטערס משפּחה. באַנוצט האָבן זיך אָבער דערמיט בלויז די קרובֿים פֿון מײַן פֿאָטערס צד. די דרײַ שיפֿסקאַרטעס מיטן געלט, וואָס מיר האָבן געשיקט קיין אַדעס, זײַנען אונדז, מיט דאַנק, צוריקגעשיקט געוואָרן. כאָטש זיי האָבן פֿון פּאָגראָם שטאַרק געליטן, גלוסט זיך זיי ניט אויסגעוואָרצלט צו ווערן פֿון זייער היים, האָבן זיי געשריבן. הלוואַי וואָלטן זיי זיך מיט אונדזער ברייטהאַרציקייט דעמאָלט יאָ געווען באַנוצט, וואָלטן זיי פֿאַרשפּאָרט דורכצולעבן די ערשטע וועלט־מלחמה און וואָס עס איז געקומען נאָך דעם. אונדז דאָ האָבן זיי ווייניק אײַנגעבראַכט מיטן צוריק אָפּשיקן דאָס געלט מיט די שיפֿסקאַרטעס. ווען מען זאָל צונויפֿרעכענען וואָס עס האָבן אונדז אָפּגעקאָסט די שפּײַזפּעקלעך און די מלבושים וואָס מיר האָבן זיי אין די הונגעריאָרן אַריבערגעשיקט און אויך אַ לאַנגע צײַט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און סוף־כּל־סוף האָט מען זיי דאָך געדאַרפֿט אַריבערברענגען קיין אַמעריקע, — איז עס געווען אַ סך מער ווי יצא שכרו בהפסדו.

אין יענער צײַט אָבער האָבן מיר זיך געפֿילט שטאָלץ מיט אונדזער משפּחה וועלכע האָט, כאָטש געליטענע פֿון פּאָגראָם, ניט פֿאַרנוצט אונדזער געלט. איבער הויפּט האָט עס זיך מער אַרויסגעוויזן אין קאָנטראַסט צו די געוויינטלעכע טענות וואָס פֿלעגן צירקולירן אין יענער צײַט, אַז די קרובֿים אין דער היים זוכן אַרויסצושלעפּן וואָס מער געלט פֿון זייערע אַמעריקאַנער קרובֿים, צי זיי האָבן עס יאָ געדאַרפֿט צי ניט. מײַן אײַנדרוק איז געווען, אַז די קלאַנגען



האָבן בלויז געדינט ווי תּירוצים צו באַרויִקן דעם אייגענעם געוויסן פֿאַר ניט טאָן די מענטשלעכע פֿליכט צו אייגן בלוט־און־פֿלייש.

איין כאַראַקטעריסטישן פֿאַל פֿון זוכן תּירוצים האָב איך בײַגעוווינט איין טאָג בײַ דער אַרבעט אין מאָרגן זשורנאַל.

די פֿרוי פֿון דעם סעקרעטאַר פֿון דער יוניאָן, וועלכע איז געווען טעטיק אין אַ בית־יתומים, איז געקומען פֿאַרקויפֿן טיקעטס פֿאַר אַן אונטערנעמונג פֿון דער אינסטיטוציע. כּמעט אַלע האָבן גענומען בילעטן אַחוץ דרײַ האַרטלײַביקע מענטשן. איינער האָט איר געזאָגט, אַז בײַ דער אַרבעט טוט ער ניט קיין צדקה; דער צווייטער האָט איר געהייסן אַריבערפֿאָרן צו אים אַהיים, וועט זי דאָרט געפֿינען צוויי טיקעטס; און דער דריטער האָט גאָר פּשוט געזאָגט „נאָ“, און פּטור. די פֿרוי איז פֿון זיי אַוועק אַ פֿאַרשעמטע. דאָס שענסטע אָבער איז געווען, אַז נאָך דעם ווען זי איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי זיך אויפֿגעהויבן פֿון די מאַשינען און אָפּגעהאַלטן אַן „אינדיגניישן מיטינג“: „נאָר מען רײַסט געלט, רײַסט מען!“...

פֿון מײַן פֿאָטערס משפּחה זײַנען איינציקווײַז אַריבערגעקומען די קינדער פֿון זײַנע ברידער און שוועסטער — יונגע מענטשן, פֿול מיט לעבן, ווילִיק צו טאָן וואָס נאָר נייטיק, אַבי וואָס גיכער צו גרייכן זייער הויפּטציל: זייערע משפּחות אַריבערצוברענגען.

מחמת דעם וואָס אַרבעטנדיק בײַ נאַכט האָב איך געהאַט גענוג פֿרײַע צײַט בײַ טאָג, איז אויף מיר תּמיד געפֿאַלן דער גורל אַרונטערצונעמען די קרובֿים פֿון עליס־אײַלאַנד. עס האָט זיך דעריבער אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז יעדער קרובֿ וועלכער איז אין יענע יאָרן אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע האָט די ערשטע סטאַנציע געהאַט אין מײַן הויז. נאָך די ערשטע פּאָר וואָכן אויסרוען זיך, איז עס תּמיד געווען מײַן אויפֿגאַבע אויסצוזוכן פֿאַר דעם קרובֿ אָדער דער קרובֿה אַ פּאַסיקע באַשעפֿטיקונג, און ווען זיי האָבן שוין אַליין געקענט פֿאַרדינען אויף זייער הוצאה, פֿלעג איך זיי טראַנספֿערירן, ווי באָרדערס, צו אונדזערע באַקאַנטע. מיר האָבן קיין מאָל קיין באָרדערס ניט געהאַלטן.

כאָטש די באַציִונגען צווישן אונדזערע קרובֿים זײַנען בדרך־כּלל געווען זייער נאָענטע, זײַנען אָבער געווען אויסנאַמען אויך. וועגן איין אַזאַ אינטערעסאַנטן פֿאַל וויל איך דאָ דערציילן.

מײַן מוטער האָט געהאַט צוויי ברידער: אַבֿרהם און משה. די צוויי ברידער זײַנען אָבער געווען מענטשן פֿון צוויי עקסטרעמען. ביידע געבוירן און דערצויגן אין אַדעס בײַ ר׳ שמואל חסיד, זײַנען זיי אָבער פֿאַרשיידן באַווירקט געוואָרן פֿון דער גרויסשטאָטישער סבֿיבֿה. מײַן פֿעטער אַבֿרהם, ניט געקוקט אויף זײַן עכט רעליגיעזער דערציִונג, איז אָבער געווען אַן עכטער אַדעסיט, אין פֿײַנסטן באַטײַט פֿון דעם וואָרט. ווען ער האָט אין 1881 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט ער אין אַ גאַנץ קורצער צײַט אײַנגעזאַפּט די אַמעריקאַנער קולטור און צוזאַמען מיט דעם גײַסטיקן באַגאַזש וואָס ער האָט מיט זיך

מיטגעבראכט פון דער היים איז ער דא געווארן אן עכטער ליבעראלער אמעריקאנער דזשענטלמאן. ער איז עס געווען דער פעטער, וועלכער האט מיך אריבערגעבראכט קיין ניו־יארק און דא מיך געמאכט פאר א דרוקער. וועגן אים האב איך אין אן אנדער פלאץ דערציילט באריכות.

זיין עלטערער ברודער, דער פעטער משה, האט פשוט ניט געקענט פארטראגן אדעס פאר איר פרייקייט און איר שטייגער לעבן, און ווען ער האט חתונה געהאט מיטן זאריווקער שוחטס טאכטער, ראצע, און איז אוועק צום שווער אויף קעסט, האט ער זיך געפרייט וואס ער האט זיך ארויסגעראטעוועט פונעם גיהנום וואס הייסט אדעס.

ביים שווער האט ער זיך אויסגעלערנט שחיטה, האט באקומען קבלה און אנגעהויבן צוווארטן אויף א שטעלע. אן אנבאט אין אדעס האט ער אפגעווארפן, ווייל ער האט ניט געוואלט, אז זיינע קינדער זאלן דארט „איבערגעפירט" ווערן. מיין מומע ביילע־מלכה'ס אלע טענות, אז אין אדעס האט א שוחט שיין פרנסה בריווח, און אט האט דאך אדעס אים אליין ניט קאליע געמאכט — האבן ניט געהאלפן. ער איז בעסער געבליבן זיצן ביים שווער אויף קעסט און געווארט אויף א שטעלע אין א קליין שטעטל.

א טראגיש־קאמישע פאסירונג ווערט דערציילט פון יענער צייט וועגן פעטער משה און מומע ביילע־מלכה.

א יאריד אויף צוויי וואכן האט זיך געזאלט שטעלן אין זאריווקע. אזוי ווי דער פעטער משה האט נאך קיין פרנסה ניט געהאט, האט ער זיך געווענדט צו זיין שוועסטער ביילע־מלכה וועלכע האט מיט איר מאן געפירט גרויסע געשעפטן אין תבואה, זי זאל אים העלפן מיט עפעס א מיסחר ביים יאריד. די מומע האט אים ארייינגעשיקט א וואגאן זאלץ (500 פוד) וועלכע ער האט געדארפט פארקויפן אין הורט צו די סוחרים אויפן יאריד; און זיין ווייבל, ראצע, זאל אויך האבן א שטעל ווו זי וועט אויך קענען פארקויפן לאחדים, דירעקט צו די פויערים. דער גאנצער ריווח פונעם וואגאן זאלץ האט באלאנגט צו אים — א שיין פארדינסטל.

וואס איז געווען דער פועל־יוצא? — גארניט. קיין קרן אויך ניט.

דער פעטער משה האט צעטיילט די זאלץ צו די פרעמדע קרעמער אויף קרעדיט, און איידער דער יאריד האט זיך נאך געענדיקט זיינען זיי זיך צעפארן און אים אנגעפייפט. ס'איז ניט געווען ביי וועמען צו מאנען.

און וואס איז געווארן מיט דער מומע ראצעס לאחדים־געשעפט?

זי האט די גאנצע צייט די אייינגעלייזטע קופערנע מטבעות געלייגט אין א טארבע. די טארבע איז מיט יעדן טאג געווארן שווערער און שווערער. האט זי די טארבע אוועקגעלייגט אויף איר זיץ און זי געהאלטן אין איין פילעווען. האט אבער אן אומגליק געטראפן: ווען זי האט זיך איין מאל אויפגעהויבן פון זיץ, האט אימעצער דערווייל צוגעגנבעט די גאנצע שווערע טארבע מיטן געלט און — אויס יאריד.



סיי מיין פעטער משה און סיי מיין מומע ביילע־מלכה זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז פאר מיסחר איז ער ניט מסוגל. האט ער געווארט און איז געווארן דער שוחט אין א שטעטל אין יענער געגנט — אלעקסאנדראווסק.

דער פעטער משה, ווייזט אויס, האט זיך אינעם קליינעם שטעטל געפילט גליקלעך מיט זיין ארעמקייט און זיין גרויסער פאמיליע — געווען אן אמתער שמח בחלקו. די מומע ביילע־מלכה, ביי וועמען פון עטלעכע קינדער איז בלויז איין קינד געבליבן, די ציטערדיקע ברכה, האט קוים ביי אים געפועלט, ער זאל איר שיקן זיין מיידל, מינצע, אין די אייגענע יארן מיט ברכהן, כדי זיי זאלן זיך צוזאמען דערציען. די מומע האט די ביידע 15יעריקע מיידלעך ארויסגעוויזן די זעלבע געטריישאפט און ליבשאפט. דער פעטער משה האט עס אבער ניט געקענט אריבערטראגן, האט געהאלטן אין איין פאדערן, מען זאל אים זיין מיידל צוריקשיקן. די מומע האט אים פארזיכערט, אז זי איז פרום, אז זי טראגט ניט אום שבת, ווי אנדערע. עס האט אבער ניט געהאלפן.

— איך האב ניט מורא, טאמער וועט זי טראגן אום שבת, האט ער איר געשריבן. איך האב מורא, זי זאל ניט טראגן אין דער וואכן אין אזא אויסגעלאסענער שטאט ווי אדעס.

אין 1906 האבן מיר באקומען א בריוו פון פעטער משהס זון, יהושע, אז זיין מוטער, די מומע ראצע, איז געשטארבן און דאס שטעטל האט געצוווּנגען זיין פאטער, דעם שוחט, ער זאל נאך א מאל חתונה האבן, ווייל א שוחט טאר ניט לעבן אן א ווייב. די שטיפמאמע איז א גרויסע ארורה, דערגייט אים די יארן, אז ער קען עס מער ניט אריבערטראגן. ער בעט, מען זאל אים שיקן אויף הוצאת־הדרך און אים אריבערברענגען קיין אמעריקע. ער איז אלט 18 יאר, איז א שוחט, האט קבלה.

ס'איז געבליבן, אז מיין פעטער אברהם און איך זאלן ביידע דעם „דזשאב" מאכן. מיר האבן דעם בחור אריבערגעבראכט.

ווי אזוי מען האט איבער הויפט אזא נפש ארייינגעלאזט קיין אמעריקע איז מיר געווען א גרויסער ווונדער. איך האב נאך אויף מיין לעבן אזא אויסגעדארטן, אויסגעוויקטן, שוואכן מענטש ניט געזען — הויט און ביינער. ער האט געהאלטן אין איין קרעכצן — אוי, און אוי, און אוי.

צוליב דער פראגע פון כשרות — א וויכטיקע פראבלעם פאר א שוחט — האט מיין מוטער אים ארייינגענומען צו זיך און אים אנגעהויבן פילעווען, צו מאכן פון אים א שטיקל מענטש. אין א חודש צייט האט ער שוין אנגעהויבן קריגן א צורת־אדם, אבער פון עפעס אן אנדער מין, ניט פון אונדזעריקע. אנדערע השגות, אנדערע מידות, אן אנדער באציונג צו זאכן. א רעטעניש. וואס מען האט אים געזאגט, האט ער תמיד געהאט איין ענטפער: „כ'ווייס, כ'ווייס, כ'ווייס, כ'ווייס". אזוי, בנשימה אחת.

מיין פאטער האט, דורך א רב, פאר אים באקומען א שטעלע אין ראקאווי ביטש, ביי א בוטשער, ווו ער האט געדארפט שעכטן עופות און אפטראגן פלייש

צו די קונים אַהיים. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער זיך צעקריגט מיטן בעל־הבית, צוגענומען בײַ אים זײַנע קונים, וועמען ער האָט צוגעזאָגט צוצושטעלן פֿלייש ביליקער. ער איז געפֿאָרן קיין בראָנזוויל, אײַנגעהאַנדלט דאָס פֿלייש און מיט אַ שווערן זאַק אויף די פּלייצעס צוריקגעפֿאָרן קיין ראַקאַווי און צעטיילט דאָס פֿלייש צווישן די קונים. ער פֿלעגט זיך פֿאַר אונדז נאָר באַקלאָגן, וואָס געלט ווערט אין אַמעריקע זייער גרינג צעקראָכן; אָט בײַט ער אויס אַ ניקל און ס׳בלײַבט שוין ניט מער ווי 3 סענט — געלט רינט ווי וואַסער.

ס׳איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער ניט וואָס ער האָט אין די עטלעכע זומער־חדשים אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. דאָס געלט האָט ער געזאַמלט בײַם פֿעטער אַבֿרהם. ווען ער האָט געהאַלטן אין אָננעמען אַ שטעלע פֿאַר אַ שוחט אין אַ פּראָווינצשטאָט און איז געקומען אָפּנעמען זײַנע פּאָר הונדערט דאָלאַר, האָט דער פֿעטער אַרונטערגענומען זײַן חלק הוצאות פֿון זײַן קומען קיין אַמעריקע און דאָס איבעריקע אים אויסגעצאָלט. יהושען איז אַפֿילו ניט געווען צום האַרצן דעם פֿעטערס האַנדלונג — אַ סימן, מיר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צוריקצוצאָלן, מיטן תּירוץ, אַז ער וועט שוין דאָס געלט פֿאַרניצן אַראָפּצוברענגען אַנדערע קרובֿים, איך האָב אָבער די גאַנצע זאַך באַטראַכט מער אין שפּאַס ווי אין ערנצט.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק און געבעטן, מײַן מוטער זאָל אים אויסזוכן אַ שידוך מיט נדן. ער אַליין האָט שוין אָפּגעשפּאָרט פֿינף הונדערט דאָלאַר. ער האָט דאָרט געמוזט זיך אָנגעבן פֿאַר אַ חתונה־געהאַטן, כּדי ער זאָל קענען אָנהאַלטן זײַן שטעלע; נאַטירלעך קען ער שוין דאָרט ניט חתונה האָבן. מײַן מוטער האָט אים משדך געווען מיט דער טאָכטער פֿונעם מלמד וואָס האָט געלערנט מיט אירע אייניקלעך, אַזוי אַז אַלץ איז געווען על צד היותר טובֿ.

מײַנע עלטערן זײַנען דעמאָלט געווען אָן אַ מעמד־פּרנסה, האָבן זיי געוווינט בײַ מיר; איז יהושע, נאַטירלעך, אויך געקומען וווינען צו מיר ביז נאָך דער חתונה. ער האָט באַמערקט אין מײַן גאַרדעראָב אַ פּרינץ אַלבערט־סוט וועלכן איך האָב ניט געטראָגן, ווײַל ער איז געוואָרן ענג אויף מיר, האָט ער אָנגעטראָגן מײַן פֿאָטער, ער זאָל זיך משתדל זײַן פֿאַר אים, ווײַל ער איז אַ „דוכאָווני" מענטש, פֿאַר וועמען אַ שוואַרצער פּרינץ אַלבערט־סוט איז זייער צוגעפּאַסט. מײַן פֿאָטער האָט אים אָבער געצעהט, אַז ער זאָל פֿרי־ער מיר אָפּצאָלן דעם חובֿ, ווי ער האָט געטאָן מיטן פֿעטער. דאָס האָט ער, נאַטירלעך, קיין חשק ניט געהאַט צו טאָן. האָט ער געבעטן איך זאָל אים כאָטש דעם קאָסטיום אויסלײַען צו דער חתונה. דאָס האָט אים מײַן פֿאָטער צוגעזאָגט.

דאָס שענסטע איז אָבער געווען, אַז צוויי טעג נאָך דער חתונה האָט ער גענומען זײַן יונג ווײַבל און אַוועקגעפֿאָרן, אָן אַ זײַ־געזונט, כּדי ער זאָל ניט דאַרפֿן אָפּגעבן דעם געבאָרגטן קאָסטיום.

למען האמת מעג געזאָגט ווערן, אַז איך האָב גאָרניט בדעה געהאַט דעם קאָסטיום אָפּצונעמען. פֿאַר מיר האָט ער ניט געטויגט און פֿאַר אים איז ער



געווען ווי אָנגעמאָסטן. איך האָב געלאַכט — מײַן מוטער האָט עס פֿאַרדראָסן. ס׳איז איר ניט אָנגעשטאַנען — איר ברודערס זון...

יאָרן זײַנען אַוועק, מיר האָבן פֿון אים ניט געהערט. פֿון אַ קרובֿ אָבער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין פֿאָרט וויין, אינדיאַנאַ. ער האָט דאָרט געעפֿנט אַ טשיקן־מאַרקעט און ווי אַ שוחט און רעוועריענד האָט ער מצליח געווען. ער האָט אײַנגעהאַנדלט „לאָטס" אין זייער אַ רײַכער ייִדישער געגנט, פֿון וועלכע ער האָט זיך געריכט נתעשר צו ווערן. ער האָט אָנגעטראָגן די רײַכע שכנים, זיי זאָלן בײַ אים אָפּקויפֿן די „לאָטס" פֿאַר אַ הויכן מקח. ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ מודעה, אַז בקרובֿ וועט מען דאָ אויפֿבויען אַ כּשרן „טשיקן־מאַרקעט". דאָס האָט עקספּלאָדירט ווי אַ באָמבע צווישן די רײַכע ייִדישע שכנים. אָבער דער פּועל־יוצא איז געווען פֿאַרקערט ווי ער האָט אויסגערעכנט: אַנשטאָט מען זאָל זיך אים אונטערגעבן, האָט זיך געגרינדעט אַן אײַנפֿלוסרײַכער בירגער־קאָמיטעט וועלכער האָט אים מודיע געווען, אַז אויב ער וועט זיך ניט בײַ צײַטנס אָפּטראָגן פֿון פֿאָרט וויין, וועט מען אים „טאַרן־ענד־פֿעדערן", דאָס הייסט: אויסטאָן נאַקעט, אים באַשמירן מיט דזשעגעכץ, באַשיטן מיט פֿעדערן און אַרויסיאָגן פֿון שטאָט. ער האָט אויסגעקליבן די ערשטע ברירה און זיך איבערגעקליבן קיין שיקאַגאָ.

אין שיקאַגאָ האָט ער זיך ווידער אײַנגעאָרדנט ווי אין פֿאָרט וויין, און עס איז אים ווידער אַוועק גוט; ער האָט דאָרט נאָך מער מצליח געווען. אָבער אַלע געבעטבריוו פֿון זײַן פֿאָטער און שוועסטער וועגן הילף האָבן אים ניט גערירט. מיר אין ניו־יאָרק האָבן זיי רעגלמעסיק געשטיצט און זיי בײַם לעבן דערהאַלטן, פֿון אים האָבן זיי אָבער קיין ענטפֿער ניט געקראָגן.

פֿון די גרוסן וואָס מיר נעמען אַ מאָל אָפּ פֿון מענטשן וועלכע קומען פֿון שיקאַגאָ, האָט ער נאָך אַלץ די אייגענע זאָרגן: אָט צעבײַט ער אַ ניקל, און ס׳איז שוין מער ניט געבליבן ווי 3 סענט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע משפּחה אין רוסלאַנד, וואָס איז ממש אויסגעגאַנגען פֿון הונגער און קעלט. מײַנער אַ פֿעטער און אַ מומע אין אַדעס, זײַנען איין אינדערפֿרי געפֿונען געוואָרן טויט, פֿאַרפֿרוירן אין זייערע בעטן פֿון קעלט. דאָס איז געשען איידער אונדזער הילף פֿון דאַנען האָט זיי געקענט גרייכן. נאָך דעם ווי הוווער האָט אײַנגעשטעלט די אַראַ („אַמעריקען רעליף אַדמיניסטריישן") האָט שוין אַן אומאויפֿהערלעכער שטראָם פֿון הילף כּסדר געפֿלאָסן צו אונדזער משפּחה, וואָס דאָס האָט זיי פּשוט בײַם לעבן דערהאַלטן (די בערג געבעט־ און דאַנק־בריוו ליגן בײַ מיר לזכּרון). כאָטש מיר האָבן זיך געשאַצט גליקלעך, וואָס מיר זײַנען אין שטאַנד זיי צו העלפֿן, האָט זייער ביטערע לאַגע אונדז פֿאַרשאַפֿט גרויס עגמת־נפֿש. כאָטש די דאָזיקע צרות און נאָך אייגענערע האָבן מײַן פֿרײַע צײַט שטאַרק פֿאַרקירצט און מײַן געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אַ היפּש ביסל אָפּגעשוואַכט, פֿון דעסט

וועגן איז אויך אין דעם דאָזיקן פּעריאָד מיר אויסגעקומען פֿון צײַט צו צײַט מײַן טעטיקייט אָפּצופֿרישן.

צוליב מײַנע אָפּטע באַזוכן אויף עליס־אײַלאַנד איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען בײַצוּווינען טראַגיקאָמישע פֿאַלן, כאַראַקטעריסטישע פֿאַר די ייִדישע אימיגראַנטן אין יענער צײַט. אַ פּאָר וועל איך דאָ פֿאַרצייכענען.

איין מאָל, וואַרטנדיק אויף מײַן ריי, מערק איך, ווי עס טומלט זיך עפּעס. אַ יונגער־מאַן איז געקומען אָפּנעמען זײַן ווײַב און צוויי קינדער. דער אינספּעקטאָר, כּדי צו זײַן זיכער, אַז דער יונגער־מאַן איז טאַקע דער מאַן פֿון דער פֿרוי, וועמען ער וויל אָפּנעמען, שטעלט אים פֿראַגעס: ווי לאַנג ער איז שוין אין אַמעריקע, ווי אַלט די קינדער זײַנען אאַז״וו. לויט דעם יונגן־מאַנס דערקלערונג איז ער שוין צוויי יאָר אין לאַנד און זײַן ייִנגער קינד איז בלויז פֿיר חדשים אַלט.

— דו ביסט אַ שווינדלער, שרײַט אויף אים דער אינספּעקטאָר. דאָס איז ניט דײַן פֿאַמיליע.

ער לאָזט אים ווײַטער ניט רײדן און נעמט זיך צו מיר. דער יונגער־מאַן בלײַבט שטיין אַ פֿאַרצווייפֿלטער, ווייסט ניט וואָס צו טאָן. פֿרעג איך אים, צי האָט ער דערציילט דעם אמת. לאָזט זיך אויס, אַז די פֿאַמיליע איז טאַקע זײַנע. נאָר ער איז אין אַמעריקע בלויז אַכט חדשים. הלמאַי האָט ער געזאָגט צוויי יאָר? כּדי מען זאָל מיינען, אַז ער איז שוין ניט קיין גרינער. אַז מען דאַרף אַ טשינאָווניק זאָגן דעם אמת איז אים גאָרניט אײַנגעפֿאַלן. איך האָב פֿאַר אים דעם ענין אויסגעפּלאָנטערט און נאָך אַ ביסל שפּאַס האָט מען אים אָפּגעגעבן זײַן ווײַב און קינדער.

דער אײַנדרוק וועגן מענטשן וועלכע זײַנען באַשעפֿטיקט בײַ צדקה־ און הילפֿס־אינסטיטוציעס איז, אַז עס פֿעלט זיי אַ נשמהדיקע באַציִונג צו זייערע קליענטן. אַן אָנגענעמען אויסנאַם צו דעם דאָזיקן כּלל האָב איך אויך בײַגעוווינט בעת איינעם פֿון מײַנע וויזיטן אויף עליס־אײַלאַנד.

איך ווייס ניט, ווו נאָך אַ מענטש איז אַזוי נערוועז ווי ווען ער איז שוין אויפֿן שוועל פֿונעם פֿאַרשפּראָכענעם לאַנד, אין עליס אײַלאַנד.

דער האַיאַס האָט תּמיד געהאַט אַ פֿאַרטרעטער אין עליס אײַלאַנד. אין די ערשטע יאָרן איז דער פֿאַרטרעטער געווען אַלעקסאַנדער האַרקאַווי.

איין מאָל, דורכגייענדיק די קאָרידאָרן אויף עליס אײַלאַנד, טרעף איך זיך פּלוצעם פּנים אל פּנים מיט מײַן פֿרײַנד האַרקאַווי. איך שטעל זיך אָפּ, באַגריס אים, און פֿרעג אים, פֿון וואָס ער איז אַזוי צעטראָגן?

— אוי וויי! — ענטפֿערט ער מיר, — נעבעך אַ רחמנות, אַ ייִד האָט ערגעץ אַוועקגעלייגט זײַן טלית און תּפֿילין און געדענקט ניט ווו. ער איז נעבעך אויס מענטש. לויף איך אַרום, איך בין דאָך אַ היימישער מענטש דאָ, אפֿשר וועל איך עס פֿאַר אים געפֿינען...

# דער כּוח פֿון אַ צײַטונג

אין די פֿיל יאָרן וואָס איך האָב געאַרבעט בײַ צײַטונגען האָב איך אָבסערווירט אַ סך קאָמישע סיטואַציעס ווו מענטשן האָבן פֿאַראַדירט אין זייער היימישער סבֿיבֿה ווי אַ יודע־הכּל, בלויז דערפֿאַר ווײַל זיי זײַנען באַשעפֿטיקט אין אַ צײַטונג. יעדערער פֿון זיי האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז ער איז „כּמעט” דער רעדאַקטאָר אָדער „כּמעט” דער אַרויסגעבער.

איך האָב אַלע מאָל געשמייכלט אין די וואָנצעס פֿון דעם עולמס שוואַכקייט פֿאַר אַ צײַטונג. ווײַזט אָבער אויס, אַז אויך אין מײַן סבֿיבֿה, איבערהויפּט אין דער משפּחה, האָט מען מיך באַטראַכט ווי אַ הכּל יכול: ס׳איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס איך זאָל ניט קענען. וויל איך דאָ פֿאַרצייכענען נאָך עטלעכע פֿאַלן, ווו איך האָב זיך באַנוצט מיטן אײַנפֿלוס פֿון מאָרגען זשורנאַל.

מײַן לאַנגיאָריקע אַרבעט בײַ נאַכט, וואָס האָט מיר געגעבן אַ סך פֿרײַע צײַט בײַ טאָג, האָט מיט דער צײַט אויסגעאַרבעט בײַ מיר אַ ספּעציעלן לעבנס־שטייגער. איינער פֿון די אונטערשיידן איז, וואָס איך בין ביכולת, אויב איך וויל, באַהילפֿיק זײַן מײַן פֿרוי מיט אַרבעטן וואָס גייען ניט אַרײַן אין אָנגענומענע מענערשע התחײַבותן. איך מיין ניט צו זאָגן, אַז איך בין אין דעם פּרט אַ חד־בדרא. איך געדענק אַז נאָך מיט פֿערציק יאָר צוריק, ווען איך האָב געוווינט אין האַרלעם, פֿלעג איך מיך כּמעט יעדן טאָג טרעפֿן מיט מײַן חבֿר ראָזענבלום, דעם פֿאָרמאַן פֿון מאָרגען זשורנאַל, אין בוטשערסטאָר. און אַזוי ווי הרגל נעשׂה טבֿע, פּראַקטיצירן מיר עס ביז הײַנטיקן טאָג.

איין אינדערפֿרי, ווען איך בין געשטאַנען בײַם בוטשער צווישן אַ האַלב טוץ ווײַבער וואַרטנדיק אויף מײַן „נעקסט”, ווענדט זיך צו מיר דעם בוטשערס אַרבעטער, איך זאָל אים טאָן אַ טובֿה. ער ווייסט, אַז איך אַרבעט אין מאָרגען זשורנאַל, וועל איך עס פֿאַר אים געוויס קענען דורכפֿירן, אויב איך זאָל נאָר וועלן. זײַן אַלטער פֿאָטער איז פֿיזיש געוואָרן הילפֿלאָז, די קינדער זײַנען אָרעם, און אַן אַנשטאַלט אים אַרײַנצוגעבן דאַרף מען האָבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר און זיי האָבן דאָס ניט — זײַנען זיי פֿאַרצווייפֿלט.

איך האָב גענומען דורכטראַכטן, וועמען איך האָב נאָך ניט אויסגענוצט, און האָב זיך דערמאָנט, סטײַטש, מיר האָבן דאָך אויך אַ סיטי־עדיטאָר (נײַס־רעדאַקטאָר), יעקבֿ מאַגידאָוו, ער איז דאָס גאָרניט מחויבֿ עפּעס צו טאָן פֿאַר מיר?

איך האָב געבעטן מאַגידאָוון, אַז ער זאָל אָפּרופֿן מאַקס בלומבערגן, דעם פּרעזידענט פֿון דער „האָם אָוו אינקיורעבלז”. עס האָט ניט געהאָלפֿן מאַגי־

דאָוס פֿאַרזיכערונג, אַז ער קען גאָר בלומבערגן ניט. איך האָב אים פֿאַרזיכערט, אַז בלומבערג קען אים.

מאַגידאָוו האָט צוגערופֿן דעם רעפּאָרטער קאַפֿקאַ און מיך איבערגעגעבן צו אים. ער, קאַפֿקאַ, האָט שוין געמאַכט די זאַך און דעם בוטשערס פֿאָטער איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער האָם פֿאָר אינקיורעבלז.

אין אַ יאָר אַרום באַגעגנט מיך מאַגידאָוו און שטעלט מיך אָפּ:

— איר האָט דאָך אַ מאָל געוואָלט אַרײַנגעבן אַ מאַן אין בלומבערגס האָם. ווי אַזוי האָט איר עס געטאָן? איך האָב אַן ענלעכן פֿאַל.

איך האָב אים געשיקט צו זײַן רעפּאָרטער קאַפֿקאַ...

# מײַן אַרבעט אין דער יוניאָן

„דעתו של אָדם לפּתו״, זאָגן אונדזערע חכמים, אַ מענטשנס געדאַנק ווערט באַהערשט פֿון זײַן פּרנסה. האָב איך אָבער קיין דאגות־פּרנסה ניט געהאַט. מײַנע שׂכירות זײַנען שטענדיק אַרײַנגעקומען — יעדע וואָך, יעדעס יאָר, צענדליגער יאָרן.

געוויינטלעך, ווען אַ מענטש דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, צי דאָס איז אין די גרויסע פֿאַרמעגנס צי פֿון האַנט צום מויל ווערט ער גרויס בײַ זיך. איך אָבער בין קיין מאָל אין זיך ניט געווען גענאַרט. איך האָב תּופֿס געווען, אַז די אַלע זכיות זײַנען אין גאָר אַ גרויסער מאָס געקומען פֿון די פֿאַרבעסערונגען וואָס די יִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן האָט פֿאַר מיר דורך די אַלע יאָרן אויסגעקעמפֿט. דער יוניאָן האָב איך צו פֿאַרדאַנקען, וואָס איך האָב ניט מורא געהאַט, טאָמער וועט אימעצער זיך אָנבאָטן פֿאַר אַ ביליקערן מקח און מיך „אַרויסבײַסן״ פֿון דזשאָב. איך האָב תּמיד געפֿילט, אַז כּל־זמן איך טו מײַן אַרבעט בשלמות דאַרף איך זיך צו קיינעם ניט חנפֿענען. דאָס קען מען אין געלט גאָר ניט שאַצן, דאָס איז עלית נשמה.

אָט דער דאָזיקער געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט צו דער יוניאָן האָט מיך תּמיד אַזוי באַהערשט, אַז איך האָב קיין מאָל ניט געקענט פּועלן בײַ זיך צו פֿאַרווענדן מײַן ענערגיע אויף אַן אַנדער באַוועגונג אויפֿן חשבון פֿון מײַן טעטיקייט פֿאַר דער יוניאָן.

אַ גרויסער טייל מיטגלידער פֿון דער יוניאָן זײַנען אַקטיוו און אַפֿילו פּראָמינענט אויף פֿאַרשיידענע קהלשע געביטן, כאָטש זייער אַקטיווקייט פֿאַר דער יוניאָן איז באַגרענעצט. אַזאַ באַציִונג האָט מיך תּמיד געוווּנדערט. צי איז דען דער אינטערעס אין קבֿרים לאַחר מאה שנה וכדומה אַן עיקר און חיונה פֿאַר ווײַב און קינדער אַ טפֿל? לסוף זע איך ווי מען איז טאָג און נאַכט פֿאַרשמײַעט מיט „פּאָליטיקס״ אויף אַנדערע געביטן און „כּרמי שלי לא נטרתי״. איך קען זיך עס בלויז דערקלערן דערמיט, וואָס אויף די אַנדערע געביטן איז דאָס פֿעלד ברייטער — מען שאַפֿט אַ גרעסערן קאָנטאַקט און מען זעט זיך מער אָן. איך ווייס, אַז ווען איך קום ווי אַ דעלעגאַט פֿון דער יוניאָן צו די ברייטערע באַוועגונגען, פֿיל איך זיך פֿרעמד, ווייניק קענען מיך, כאָטש איך בין קיין איין טאָג ניט אָפּגעשטאַנען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

סיבות אָבער, איבער וועלכע איך האָב קיין שליטה ניט געהאַט, האָבן ביז גאָר אַ גרויסער מאָס געצוימט מײַן טעטיקייט, אַזוי, אַז איך האָב מיך געמוזט באַגרענעצן מיט דער יוניאָן, וואָס זי איז מיר געווען צום ליבסטן.

די ערשטע צען יאָר נאָך מײַן חתונה קען איך באַצייכענען ווי קלאָרע, ריינע, אָן אַ שום וואָלקנדל אַפילו. פּלוצעם אָבער האָט אונדז אַן אומדערוואַרטער אומגליק געטראָפן. דאָס איז געווען אין יאָר 1909.

איך האָב דעמאָלט געוווינט אין בראָנזוויל. אין יענער צײַט איז אונדזער געגנט געווען זייער שיטער באַוווינט, גאַנצע בלאָקן זײַנען נאָך ניט געווען פאַרבויט. איין אָוונט איז מײַן פרוי מיט מײַן שוועסטער געגאַנגען צו אַ שנײַדערין אָנצופּאַסן אַ נײַ קלייד. כּדי צו פאַרקירצן דעם וועג זײַנען זיי געגאַנגען איבער ליידיקע פּלעצער. זײַנען זיי באַפאַלן געוואָרן אין דער פינצטער פון צוויי נעגערס. זיי האָבן געקעמפט מיט אַלע כּוחות זיך צו ראַטעווען. ווען זיי זײַנען אַרײַן אין הויז, זײַנען זיי ביידע אָוועקגעפאַלן אין חלשות. פון דער שרעק האָבן זיי שוין קיין מאָל ניט געקענט קומען פול־שטענדיק צו זיך.

אַ דאַנק מײַן נאַכטאַרבעט האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אויף מײַן פרוי אויפצופּאַסן, און דאָס האָט זי דערהאַלטן בײַם לעבן. מײַן שוועסטער האָט אַזאַ געלעגנהייט ניט געהאַט און האָט שוין אַלע אירע יאָרן ניט אויסגעלעבט.

אַפילו נאָך דעם אומגליק האָב איך מײַן אינטערעס אין דער יוניאָן־אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט אין גאַנצן. איך בין אָבער בלויז געווען דער קאָרעספּאָנדינג סעקרעטאַרי.

עטלעכע יאָר נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג האָט אַ גרופּע אַקטיווע מיט־גלידער פון דער יוניאָן מיר פאָרגעלייגט צו לויפן פאַר פּרעזידענט פון דער יוניאָן. אויף צוצוגעבן מיר חשק האָבן זיי אָנגעוויזן, אַז די יוניאָן קלײַבט זיך פײַערן איר 25סטן יובילײ, און בײַ אַזאַ געלעגנהייט איז דאָס אַ גרויסער כּבֿוד צו שטיין אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע.

איך האָב אָבער, צו מײַן גרויסן באַדויערן, דעם אָנבאָט ניט געקענט אָננעמען. די יוניאָן האָט דעם פּרעזידענט באַוויליקט בלויז 6—8 דאָלאַר אַ חודש אויף הוצאות קטנות. ווען איך זאָל מײַן פרײַע צײַט פון דער אַרבעט דאַרפן אָפּגעבן פאַר דער יוניאָן און מײַן שוואַכע פרוי ניט פאַרנאַכלעסיקן, וואָלט איך געדאַרפט דינגען אַ מענטשן פאַרן הויז, — אַ הוצאה וואָס מײַנע שכירות האָבן ניט דערלויבט. מײַנע פרײַנד האָבן אָבער דעם דאָזיקן תּירוץ ניט געלאָזט שטיין אין וועג. זיי האָבן פּריוואַט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון פופציק מיטגלידער פון דער יוניאָן, וואָס יעדער איינער האָט זיך פרײַוויליק באַשטײַערט מיט פופציק סענט אַ חודש, אַחוץ זייערע געוויינטלעכע דיוס צו דער יוניאָן. מיט דער דאָזיקער סומע (25 דאָלאַר אַ חודש) וועט מיר ווערן מעגלעך צו באַצאָלן פאַר דער געדונגענער אַרבעט אין הויז.

נאָך אַזאַ זשעסט האָט שוין קיין תּירוץ ניט געקענט גילטן.

עס איז אָבער דערצו ניט געקומען. ווען אינעם אָוונט פון נאָמינאַציעס האָט איינער פאָרגעלייגט, אַז די יוניאָן זאָל פאַרגיטיקן אַ פּרעזידענט מיט 25 דאָלאַר אַ חודש, האָט עס די יוניאָן אָנגענומען.



ווען איך האָב זיך אין 1892 אָנגעשלאָסן אין דער ייִדישער שריפטזעצער־יוניאָן, האָט זי שוין עקסיסטירט פיר יאָר. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1888 פון צוועלף ייִדישע שריפטזעצער. די לאַגע פון די זעצער בעת דער גרינדונג איז געווען אַ שרעקלעכע. פאַר פינף דאָלאַר אַ וואָך האָט אַ זעצער געשוויצט אין אַ פינצטערן קעלער 14 ביז 16 שעה אַ טאָג. טייל פון די זעצער האָבן שוין אין זיך אַרומגעטראָגן די סימפּטאָמען פון דער „ווײַסער פּעסט".

אין 1892 אָבער איז שוין די לאַגע געווען אַ ביסל בעסער. די אַרבעטס־צײַט איז שוין געווען רעדוצירט ביז 9 שעה אַ טאָג און די שכירות געהעכערט ביז 9 דאָלאַר אַ וואָך. די צאָל מיטגלידער האָט שוין געגרייכט אין די פערציקער.

אין די ערשטע יאָרן איז דער יוניאָן אויסגעקומען צו קעמפן אויף צוויי פראָנטן — אי מיט די בעלי־בתּים אי מיט „אָפּאָזיציע"־יוניאָנס. פון צײַט צו צײַט פלעגט די יוניאָן אויך קריגן אַ שטורך אין די ריפּן מצד כּלומרשטע פרײַנד וועלכע האָבן געוואָלט שלעפן די זעצער אין סטרײַק בײַ די בעל־הבתּישע צײַטונגען, ווען אַנדערע פאַכן האָבן געסטרײַקט און זייערע אונטערנעמער האָבן געדרוקט מודעות אין די צײַטונגען פאַרצולייגן פאַרן פּובליקום אויך זייערע טענות. בהדרגה אָבער, און מיט דער ענדערונג פון דער אַלגעמיינער לאַגע צום בעסערן, האָט זיך אויך די מערכה פון דעם זעצער פאַרבעסערט, ביז די יוניאָן האָט דערגרייכט אַ פּאָזיציע וואָס האָט זי געשטעלט אין פאָדערגרונט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

אַ שריפטזעצער באַקומט 12 דאָלאַר פאַר זעקס שעה אַרבעט בײַ טאָג אָדער פאַר $4\frac{1}{2}$ שעה בײַ נאַכט. אַחוץ דעם האָט ער צוויי וואָכן באַצאָלטע וואַקאַציע אַלע יאָר און דרײַצן יום־טובֿים מיט געצאָלט.

די שריפטזעצער־יוניאָן פאַרמאָגט אויך אַ ספּעציעלן פאָנד — דער „עמוירדזשענסי־רעליף־פאָנד", וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ ספּעציעלער קאָמיטע, צו וועמען אַ מיטגליד קען זיך ווענדן ווען ער געפינט זיך אין אַ קלעם. ניט איין לעבן איז געראַטעוועט געוואָרן מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן פאָנד.

די שריפטזעצער שטאָלצירן, און מיט רעכט, וואָס אין די „דעפּרעשן"־יאָרן האָט זיך קיינער פון די יוניאָן־מיטגלידער ניט געדאַרפט ווענדן וועגן קהלשער צדקה. די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבן פרײַוויליק אָפּגעגעבן אַ טאָג אַרבעט יעדע וואָך פאַר אַן אַרבעטסלאָזן, אַזוי אַז די אַרבעטסלאָזע האָבן פאַרדינט 48 דאָלאַר אַ וואָך אַרבעטנדיק 4 טעג. די יעניקע וואָס האָבן צו געוויסע אַרבעטן זיך ניט געקענט צופּאַסן האָט די יוניאָן געצאָלט פון דער קאַסע צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך, אַחוץ דעם אויך אויסגעליִען פון „עמוירדזשענסי־פאָנד" ווען מען האָט געדאַרפט צאָלן דירה־געלט. די דאָזיקע געלטער זײַנען געשאַפן געוואָרן דורך אַן עקסטרע שטײַער אויף די פאַרדינסטן פון די מיטגלידער.

אַ מיטגליד פון דער יוניאָן קען זיך אויך באַנוצן מיט דער האָם וואָס די אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן האָט אין קאָלאָראַדאָ ספּרינגס, קאָלאָראַדאָ, ווען ער דאַרף קומען צו זיך פון אַ קראַנקייט אָדער ווען ער איז שוין צו שוואַך צו אַרבעטן. ווען אַ שריפטזעצער ציט זיך צוריק פון דער אַרבעט

נאָך 60 יאָר, באַקומט ער אַ פּענסיע פֿון 15 דאָלאַר אַ וואָך פֿון דער יוניאָן. און לאַחר מאה שנה באַקומט זײַן פֿרוי אויסגעצאָלט 500 דאָלאַר פֿון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן.

אָט דאָס איז די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן ווי איך קען זי.

אין יאָר 1920, ווען איך בין געווען פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן, איז אויף מײַן גורל אויסגעפֿאַלן פֿאַרוויקלט צו ווערן אין אַ קאַמף פֿון דער יוניאָן מיט דער מעכטיקער „עמפּלאָיִנג פּרינטערז אַסאָסיִיישן", די אָרגאַניזאַציע פֿון בעלי־בתּים פֿון ענגלישע דרוקער־פֿירמעס אין ניו־יאָרק.

דער סיכסוך איז אייגנטלעך געווען מיט די ייִדישע דרוקער־בעלי־בתּים, וועמען די יוניאָן האָט געשטעלט פֿאָדערונגען. די ענגלישע אַסאָציאַציע איז אָבער געקומען די ייִדישע דרוקער צו הילף, און זיי אָנגעבאָטן פֿאַרגיטיקונג פֿאַר זייערע פֿאַרלוסטן, כּדי זיי זאָלן שליסן זייערע דרוקערײַען, אויסהונגערן די ייִדישע זעצער און דערמיט באַזיגן די ייִדישע יוניאָן. די ענגלישע דרוקער האָבן עס געטאָן צוליב דעם, ווײַל זיי אַליין האָבן דעמאָלט געהאַלטן אין פֿאַרהאַנדלען מיט דער ענגלישער שריפֿטזעצער־יוניאָן וועגן אַ לוין־העכערונג, האָבן זיי ניט געוואָלט לאָזן די ייִדישע זעצער קריגן אַ הוספֿה און דערמיט אויך באַאײַנפֿלוסן דעם דרוקערפֿאַך אין אַלגעמיין.

דער ענטפֿער פֿון אונדזער יוניאָן איז געווען, אַז אין משך פֿון צוועלף וואָכן האָבן אַלע סטרײַקערס באַקומען צו 30 דאָלאַר אַ וואָך סטרײַק־בענעפֿיט. ווען דער סיכסוך פֿון די ענגלישע דרוקער מיט דער ענגלישער יוניאָן האָט זיך אויסגעגלײַכט, האָבן זיי שוין דערלויבט די ייִדישע דרוקער אונטערצושרײַבן דעם קאָנטראַקט מיט דער ייִדישער יוניאָן.

אין אַדעס, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן ביז מײַן פֿערצנטן יאָר, זײַנען מײַנע אומגאַנגשפּראַכן געווען ייִדיש און רוסיש. מיט העברעיִש האָב איך זיך נאָר באַנוצט, ווען אַן „ארץ־ישׂראל־ייִד", מסתּמא פֿון די תּימנער ייִדן, פֿלעגט אַרײַנפֿאַלן קיין אַדעס. איך האָב ביידע לשונות פֿליסיק גערעדט — ייִדיש אין חדר און רוסיש אין שולע און מיט חבֿרים. דערנאָך אָבער איז מיר זעלטן אויסגעקומען זיך צו באַנוצן מיט רוסיש — פּשוט, ס'איז ניט געווען מיט וועמען. אין דער ישיבֿה האָט מען גערעדט נאָר ייִדיש, און די שפּראַך פֿון דער ווײַסרוסישער באַפֿעלקערונג אין סלאָנים האָב איך קוים פֿאַרשטאַנען. אין אַמעריקע ווידער, האָט מײַן פֿעטער מיך באַלד אַ קערעווע געטאָן צו ענגליש, ווײַל דאָס וועט דאַרפֿן זײַן מײַן פּרנסה. דער אַלטער כּלל פֿון „אם תּעזבֿני יום, יומים אעזבֿך" האָט שטאַרק אויסגעהאַלטן בײַ מיר, און מיט דער צײַט האָב איך געפֿילט, אַז ווען איך וויל ריידן רוסיש פֿעלן מיר אויס ווערטער — פּשוט פֿאַרגעסן.

אין 1920 זײַנען געווען דרײַ רוסישע צײַטונגען אין ניו־יאָרק. אַלע זײַנען זיי געווען אונטער דעם רשות פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן, ווײַל זי



איז געווען בכּוח די רוסישע צײַטונגען צו באַזאָרגן מיט זעצער (דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדישע זעצער זײַנען אין רוסלאַנד געווען רוסישע זעצער).

אײן טאָג איז מען מיר מודיע (איך בין דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן), אַז ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אַ פֿערטע רוסישע צײַטונג. זי ווערט אַרויסגעגעבן פֿון אַ מין אַנאַרכיסטישער גרופּע און ווערט געזעצט פֿון זייערע גענאָסן — ניט קיין יוניאָנלײַט. מײַן אויפֿגאַבע איז נאַטירלעך געווען די צײַטונג אַרײַנצוברענגען תּחת כּנפֿי היוניאָן. די פּראָצעדור איז געווען אַן אײנפֿאַכע: אַרײַננעמען זייערע זעצער אין דער יוניאָן און דערנאָך שאַפֿן פֿאַר זיי יוניאָן־באַדינגונגען דורך אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרויסגעבער פֿון דער צײַטונג.

די זעצער פֿון דער צײַטונג, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן, האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מין ווילדע חבֿרה און ס'וועט מיר ניט אַזוי גרינג אָנקומען מיט זיי זיך צו פֿאַרשטענדיקן. קיין ענגליש קענען זיי ניט, זיי זײַנען רוסאַקעס און בלויז אַ פּאָר צווישן זיי זײַנען ייִדן. איך האָב געפֿילט, אַז איך וועל שוין ניט זײַן בכּוח צו ריידן מיט זיי רוסיש, האָב איך זיך דעריבער באַזאָרגט מיט אַ פּאָר אַדעסיטן פֿון דער יוניאָן, וואָס האָבן נאָך גערעדט רוסיש פֿליסיק, אַז זיי זאָלן זײַן מײַנע טוענים בײַ דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער גרופּע.

מײַנע קאָלעגן האָבן זיי אָוועקגעלייגט אַלע אונדזערע אַרגומענטן.

פּלוצעם שטעלט זיך אויף אַ הויכער רוס און מיט אַ פֿעסטער שטים גיט ער אַ געשריי:

— ווער זײַנען זיי? ווער האָט געשיקט נאָך זיי? ווער דאַרף זיי דאָ האָבן? אויב ס'איז אמת וואָס זיי זאָגן, אַז זיי זײַנען אונדזערע פֿרײַנד, לאָמיר זען וויפֿל געלט זיי האָבן אונדז געבראַכט! אויב ניט, לאָמיר זיי אַרויסוואַרפֿן דורכן פֿענצטער! (די פֿאַרזאַמלונג איז געווען אויפֿן דריטן גאָרן...)

דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין פּנים, איך בין אויפֿגעשפּרונגען, און ווונדער איבער ווונדער! די רוסישע שפּראַך איז ווי אַ בליץ צוריקגעקומען צו מיר. איך האָב אַוועקגעלייגט אַ רעדע אויף פֿופֿצן מינוט אויף רוסיש, קיין איין מאָל זיך ניט פֿאַרטשעפּעט. דעם בחור האָב איך געמאַכט אויסצודרייען צום גרויסן ווונדער פֿון מײַנע קאָלעגן.

וואָס דער סוף איז געווען?

איך האָב די זעצער בײַ זיי צוגענומען און די צײַטונג אָפּגעשטעלט.

מיט דעם פֿאַרענדיקן מײַן טערמין ווי אַ פּרעזידענט האָט זיך מײַן אינטערעס אין דער יוניאָן־אַרבעט ניט אָפּגעשוואַכט. זײַענדיק בטבֿע אַ „בורח מין הכּבֿוד", האָט מיר קיין מאָל אויף מײַן אַרבעט ניט פֿאַרדראָסן, ווען אַפֿילו מײַן קרעדיט איז אָפֿט געגאַנגען צו אַנדערע.

ווײַזט אָבער אויס, אַז דער שׂכר פֿאַר גוטער אַרבעט אַ לענגערע צײַט גייט ניט אַלע מאָל לאיבוד. אין דעם בין איך איבערגעצײַגט געוואָרן, ווען איך

בין אין 1935 אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. די יוניאָן האָט בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט געפּראַוועט אַ שׂימחה לכּבֿודי. און כאָטש דאָס באַטייליקן זיך איז געווען „אין אונס״, אין גאַנצן פֿרײַוויליק, האָבן כּמעט אַלע מיטגלידער פֿון דער יוניאָן, טייל מיט זייערע פֿרויען, אין דעם אָנטיילגענומען. די שבֿחים וואָס זײַנען אויף מײַן חשבון אויסגערעכנט געוואָרן זײַנען, ווי דער שטייגער איז, געווען אַ היפּש ביסל איבערגעטריבן, אָבער אַ גליקלעכער אָוונט פֿאַר מיר און מײַן פֿאַמיליע איז עס זיכער געווען.

איך האָב אויך בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט באַקומען פֿון דער יוניאָן אַ מתּנה — אַ שיינע באַגריסונג אויף פּאַרמעט, אויסגעפּאַרטיקט פֿון דעם קינסטלער שאָול ראַסקין.

די דאָזיקע רעזאָלוציע, אײַנגעפֿאַסט אין אַ שיינער ראַם, הענגט פּראָמינענט בײַ מיר אויף דער וואַנט. איך באַרים זיך מיט דעם. צי איז עס אַן עוולה?

## איך שרײַב די געשיכטע פֿון דער יוניאָן

אין 1938 איז די יידישע שריפֿטזעצער־יוניאָן אַלט געוואָרן פֿופֿציק יאָר. די מיטגלידער האָבן זיך געגרייט צו פּראַווען דעם דאָזיקן אמתן יובֿל אויף גאָר אַ גרויסן אופֿן.

די יוניאָן האָט אָנגעהויבן אין אַ צײַט, ווען דאָס אַלגעמיינע יידישע לעבן אין ניו־יאָרק האָט זיך געפֿונען אין אַ שרעקלעכן כאַאָס. אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געגרינדעט און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט זײַנען זיי צעפֿאַלן געוואָרן. האָבן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אויך געטיילט דעם זעלביקן גורל. און בײַ דעם ערשטן פֿאַרמעסט אין כּוחות מיט די בעלי־בתּים איז פֿון דער יוניאָן געבליבן בלויז אַ טשאַרטער.

ווען אַפֿילו דער סטרײַק איז געווונען געוואָרן, ווי עס האָט טאַקע אָפֿט פּאַסירט, איז עס אויך ניט געווען אויף לאַנגע יאָר. ווי נאָר די אַרבעט אין די שעפּער, נאָכן סעזאָן, איז שוואַכער געוואָרן, האָבן עס די בעלי־בתּים אויסגעניצט אויף צו רעדוצירן די שׂכירות. בעל־כּרחו האָט עס דער אַרבעטער אָנגענומען, אויפֿגעהערט צו צאָלן זײַן מיטגליד־אָפּצאָל אין דער יוניאָן, און דאָס האָט אָפֿט געמיינט איר סוף.

די איינציקע יידישע יוניאָן וואָס האָט עקסיסטירט אָן אַן איבעררײַס פֿופֿציק יאָר איז געווען די יידישע שריפֿטזעצער־יוניאָן פֿון ניו־יאָרק. דעריבער האָט די יוניאָן באַשלאָסן, אַז אַחוץ דער געוויינטלעכער שׂימחה פֿון בשׂר ודגים וכל מטעמים (משקה בלע״ז) זאָל מען אויך געניסן אַן עונג רוחני. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אין אַ בוכפֿאָרעם די געשיכטע פֿון דער יוניאָן.

די יובֿיליי־קאָמיטע האָט אויף מיר אַרויפֿגעלייגט צו שרײַבן די דאָזיקע געשיכטע.

אָבער צו שרײַבן געשיכטע פֿאָדערן זיך ווייניקסטנס צוויי זאַכן: ערשטנס — מאַטעריאַל, און צווייטנס — עס צו קענען אַרויסברענגען מכּוח אל הפּועל.

מילא, פֿאַר דער צווייטער זאַך האָב איך זיך אַזוי ניט געשראָקן. אַ זעצער וועלכער האָט זיך זײַן גאַנצן לעבן געשטאָפּט מיט ליטעראַטור (גוטע און שלעכטע) — ווילנדיק און בעל כּרחו, קען מיט דער צײַט אויפֿכאַפּן די טעכניק און ווערן ממש אַ שרײַבער, איבער הויפּט ווען ער דאַרף שרײַבן ניט פֿאַר שרײַבער, נאָר פֿאַר אייגענע מענטשן.

די שווערערע אויפֿגאַבע איז געווען דאָס זאַמלען מאַטעריאַל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע „רעקאָרדס״ פֿון דער יוניאָן פֿאַר די ערשטע צוועלף יאָר פֿון איר עקסיסטענץ זײַנען אָן אַ שפּור פֿאַרשווונדן געוואָרן. די יוניאָן

האָט ביז יענער צײַט קיין אָפּיס ניט געהאַט און איר אייגנס (די רויטע פֿאָן וואָס מען האָט באַנוצט בײַ אַרבעטער־פּאַראַדן און די פּראָטאָקאָל־ביכער און אַנדערע דאָקומענטן) איז תּמיד געווען בײַ דעם „פֿאַרוואַלטער" אין דער היים. האָט אָבער פּאַסירט, אַז ווען דער פֿאַרוואַלטער איז געווען בײַ דער אַרבעט און זײַן פֿרוי האָט גראָד זיך געדאַרפֿט אַריבערציִען פֿון איין צווייצימערדיקן פֿאַ־לאַץ אין אַ צווייטן, האָט זי ניט געוואָלט מיטשלעפּן עפּעס אַלטע שמאָכטעס און האָט זיי איבערגעלאָזט אין דער אַלטער דירה. ווען דער פֿאַרוואַלטער איז שפּעטער געקומען ראַטעווען דאָס אייגנס פֿון דער יוניאָן, איז שוין געווען צו שפּעט. דאָס איינציקע, וואָס דער דזשעניטאָר האָט איבערגעלאָזן איז געווען די פֿאָן. דער גאַנצער אַרכיוו פֿאַר צוועלף יאָר איז אַוועק צום סאַניטאַרן דעפּאַרטמענט.

מיט גרויס עקשנות האָב איך געגישטערט אין אַלטע שמות פֿון יענע יאָרן, אויסגעפֿאָרשט די זכרונות פֿון די עלטערע מיטגלידער — ואַני בתוכם — און ס'איז מיר געלונגען אָנצוזאַמלען גענוג מאַטעריאַל פֿאַר דער געשיכטע וואָס די יוניאָן האָט אַרויסגעגעבן צו איר פֿופֿציקיאָריקן יובל.



# דער שריפֿטזעצער און זײַן יוניאָן

ברודער ב. י. פערלמוטער, אַ שריפֿטזעצער אין טאָג, האָט אין זײַן נעקראָלאָג אויפֿן פֿלוצעמדיקן טויט פֿון בצלאל פּעטרעאַנו אים כאַראַקטעריזירט אין אַזעלכע ווערטער:

איך בין אַ זעצער, דאָס בין איך, ניט עפּעס אַנדערש!... איך בין ניט קיין פּאָעט, ניט קיין שרײַבער — איך, פּעטרעאַנו, בין אַ זעצער!... כ'בין ניט קיין פּאָליטיקער!... כ'בין ניט געגאַנגען אין קאָלעדזש. — איך, פּעטרעאַנו, בין אַ זעצער!... כ'האָב ניט געקעמפֿט אויף די באַריקאַדן, ניט געזעסן אין טורמע — איך, בצלאל פּעטרעאַנו, בין אַ זעצער!...

כ'בין אַן אַרבעטער, כ'בין געקומען דאָ אַרבעטן... כ'האָב די גאַנצע פּאָליטיק אין דר'ערד . . . רעכטס, לינקס, ווער דאַרף דאָס ווייסן? וועמען אַרט עס? וואָס דרייט איר אַ היטל? לאָמיך זען ווי איר שטעלט אויס אַ שיינע שורה, אַ קאָפּ, אַ קעפּל, אַן אונטערקעפּל... באַווײַזט מיר ווי איר שטעלט צונויף אַ צײַטונגסזײַט, אַ קאָלום... צום טײַוול מיט דער פּאָליטיק, וועמען אינטערעסירט עס?...

אַזוי טאָג־אײַן, טאָג־אויס.

ברודער פערלמוטער האָט אַליין ניט באַנומען, אַז מיט דער שטאַרק איבערגעטריבענער כאַראַקטעריזירונג פֿון פּעטרעאַנו האָט ער ווי אַ מײַסטער געשילדערט אי זיך, אי מיך, אי אַלע אַנדערע וואָס זײַנען באַשעפֿטיקט בײַם זעצערפֿאַך. פֿון זינט דער זעצער איז געקומען אויף דער וועלט, מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, האָט ער אין די פֿלעצער ווו ער האָט געאַרבעט געמוזט בלײַבן „בלויז אַ זעצער" און ניט רעאַגירן אויפֿן מאַטעריאַל וואָס ער זעצט.

אַן ענלעכע שטעלונג האָבן אויך אָנגענומען די בעלי־בתּים, וואָס האָבן דעם זעצער באַשעפֿטיקט. זיי האָט ניט אויסגעמאַכט, וואָס פֿאַר אַ קוק ער האָט אין זײַן פּריוואַטן לעבן און צי עס שטימט מיט דער ליניע פֿון דער אַרבעט וואָס ער דאַרף טאָן. ער דאַרף זײַן אַ זעצער — דאָס אַלץ. אַפֿילו די ערגסטע אַנטיסעמיטן, ווי אַזמידאָוו און קרושעוואַן, האָבן אין זייערע צײַטונגען באַשעפֿטיקט אויך ייִדישע שריפֿטזעצער און האָבן זיי מענטשלעך באַהאַנדלט.

אָט איז אַ פֿאַל, וואָס האָט מיט מיר אַליין פּאַסירט.

אין מײַנע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע האָב איך געאַרבעט מערסטן אין ענגלישע דרוקערײַען (דאַון־טאַון, ווי מען רופֿט עס). איין מאָל האָב איך געענטפֿערט אויף אַן אַנאָנס וועגן אַ זעצער. ווען איך האָב זיך מיטן בעל־הבית איבערגעשמועסט וועגן די אַרבעטן וואָס זײַן פּלאַץ פֿאָדערט, האָט ער מיך געפֿרעגט, צי בין איך באַקאַנט מיט קירכע־אַרבעט, ווײַל ער מאַכט אויך אַ סך אַרבעט פֿאַר צוויי פֿון די רײַכסטע קירכעס אין שטאָט, די גלחים וועלן זײַן

דערבײַ ווען איך וועל צוזאַמענשטעלן זייערע פּעריאָדישע שריפֿטן. איך באַטראַכט דעם בעל־הבית. ער זעט מיר אויס ווי אַ „טיפּיטשנער" אײַרישמאַן.

— יאָ, זאָג איך צו אים, מיר איז קירכן־אַרבעט גוט באַקאַנט, ווײַל אין אַן אַנדער פּלאַץ, ווו איך האָב געאַרבעט, האָט מען אויך געמאַכט ענלעכע אַרבעט. נאָר איך בין אַ ייִד, און אויב איר מיינט, אַז די גלחים וועלן קעגן דעם האָבן אויסצוזעצן, איז בעסער, איר זאָלט עס וויסן פֿאָרויס.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן, — רופֿט זיך אָן דער גראָבער „אײַרישמאַן" צו מיר, — איך אַליין בין אויך אַ ייִד. עס האָט דערמיט גאָרניט צו טאָן.

איך האָב אין יענעם פּלאַץ געאַרבעט אַכט חדשים. די גלחים האָבן זיך מיט מיר געפֿרייט. נאָך אַ חגא בין איך געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך געיאָוועט צו דער אַרבעט. די אַנדערע אַרבעטער זײַנען געבליבן אין דער היים „נאַ פּאָכמעל".

אין די ייִדישע צײַטונגען האָט מען דאָס צום אָנהייב ניט געוואָלט אָנערקענען. ווען די ייִדישע סאָציאַליסטן אין ניו־יאָרק האָבן אין 1890 זיך געקליבן אַרויסצוגעבן די אַרבייטער צײַטונג און די יונגע ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן האָט אַרײַנגעשיקט עטלעכע זעצער, האָבן זיי איינעם געפּסלט, ווײַל ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט. די יוניאָן האָט געמוזט אַרויסרופֿן אַ סטרײַק צו צווינגען די סאָציאַליסטן דעם זעצער אָנצושטעלן.

אַ קורצע צײַט שפּעטער, האָט דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג צוליב אַ גרײַז פֿון אַ זעצער אַטאַקירט די זעצער און זיי האָבן אַן אָפּצוג פֿון דעם אַרטיקל געבראַכט צום מיטינג פֿון דער יוניאָן און עס דאָרט פֿאָרגעלעזן. האָט די יוניאָן געשיקט אַ „קאָמיטע" צום רעדאַקטאָר מיט דעם פֿאַרלאַנג, דעם אַטאַק ניט צו דרוקן. ווען ער האָט אָפּגעזאָגט האָט די יוניאָן גערופֿן אַ סטרײַק און אָנגעפֿירט אַ פֿאַרביטערטן קאַמף. מיט דער צײַט זײַנען אָבער ביידע געמיטער אויסגעהיילט געוואָרן פֿון זייערע „פּרינציפּן". זעצער זײַנען געקומען צו דער מסקנא, אַז זיי זײַנען ניט קיין צענזאָרן און ס'איז ניט זייער עסק וואָס מען הייסט זיי זעצן. די בעלי־בתּים האָבן אויך אָנערקענט, אַז אַ מענטשנס אָנשויונגען דאַרפֿן אים ניט זײַן קיין שטער אין דער פּרנסה.

צווישן די מיטגלידער פֿון דער יוניאָן גופֿא האָט מען געקענט געפֿינען אָנהענגער אָדער סימפּאַטיקער פֿון אַלע ריכטונגען, גלאַט געלטזאַמלער פֿאַר רעליף־צוועקן, אַזעלכע וואָס זײַנען טעטיק אין קולטורעלע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס און פּשוטע טרייד־יוניאָניסטן, אַפֿילו דעמאָקראַטן און רעפּובּליקאָנער אויך. און אָט דער דאָזיקער פֿאַרבנרײַכער עולם, ווען ער קומט צו אַ מיטינג פֿון דער יוניאָן, לאָזט ער אַלע זײַנע אידעאָלאָגישע דיפֿערענצן אין דער היים.

דורך דעם האָט זיך די פּאָזיציע פֿון דער יוניאָן אַזוי פֿאַרפֿעסטיקט, אַז זי האָט אויסגעמיטן פֿיל קריזיסן, וואָס אַנדערע ייִדישע יוניאָנס איז אויסגעקומען דורכצוקעמפֿן.



די יוניאָן האָט תּמיד געשטיצט מיט אַ פֿולער האַנט ניט נאָר אַרבעטער־סטרײַקן, נאָר אויך אַלערליי קולטורעלע, געזעלשאַפֿטלעכע און פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. און מערקווערדיק, מיטגלידער פֿון קעגנערישע אידעאָלאָגיעס האָבן זעלטן באַקעמפֿט אַ פֿאָרשלאָג אויף דעם צווייטן צד צו שטיצן.

ווען די קלאָוקמאַכער־יוניאָן האָט דורכגעמאַכט אַ קריזיס נאָך זייער ברודערקאַמף אין 1926, האָט זי אַרויסגעלאָזט באָנדס אויף אַ סומע פֿון פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר, כּדי ווידער אויפֿצולעבן די יוניאָן. די באָנדס זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן צו אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן האָט גענומען פֿאַר צען טויזנט דאָלאַר באָנדס און זיי פֿאַרקויפֿט צו אירע מיטגלידער. און כאָטש עס זײַנען געווען אַ צאָל מיטגלידער, וואָס לויט זייער אידעאָלאָגיע זײַנען זיי ניט געווען אין סימפּאַטיע מיט דער דעמאָלטיקער אַדמיניסטראַציע פֿון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, האָבן 99 פּראָצענט פֿון די מיטגלידער די באָנדס געקויפֿט — פּשוט דערפֿאַר ווײַל די יוניאָן האָט אַזוי באַשלאָסן.

ס'איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, פֿאַר וואָס די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן האָט אין די 55 יאָר פֿון איר עקסיסטענץ דערגרייכט צו איר איצטיקן גינציקן צושטאַנד: אירע מיטגלידער און זייערע פֿירער באַזיצן דעם אמתן גײַסט פֿון אַ שריפֿטזעצער.

# אונדזער משפּחה־צוזאַמענלעבן

עס קען אויסזען צו איינזײַטיק, ווען איך האָב צו דערציילן בלויז גוטס וועגן מיר און די אייגענע. עס איז אָבער דאָך אַ פֿאַקט, אַז אונדזער משפּחה־קרובֿישאַפֿט איז געווען אויסערגעוויינטלעך.

פֿון די עטלעכע נפֿשות, וועלכע זײַנען געקומען קיין אַמעריקע אין די נײַנציקער יאָרן האָט זיך מיט דער צײַט אַנטוויקלט אַ גאַנץ היפּשע משפּחה פֿון אייגענע און מחותּנים, און אויך פֿון נײַע קרובֿים, וועלכע מיר האָבן פֿון צײַט צו צײַט אַריבערגעבראַכט פֿון דער אַלטער היים.

די משפּחה־צוגעבונדנקייט איז געווען אַ זעלטענע. האָט איינער, צוליב געוויסע סיבות, זיך אַריבערגעקליבן פֿון איין טייל שטאָט אין אַ צווייטן, האָט ניט לאַנג געדויערט און די גאַנצע משפּחה האָט זיך שוין אויך דאָרט באַזעצט. אַזוי האָט די משפּחה געוואַנדערט פֿון דער איסטסײַד קיין האַרלעם, פֿון האַרלעם קיין בראָנזוויל אין משך פֿון אַ גאַנצן דור. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן כּל־זמן דער דאָמינירנדיקער עלעמענט אין דער משפּחה האָט נאָך געדענקט דעם „עבֿדים היינו״. די הי געבוירענע זײַנען נאָך געווען קליין, און אין די היימען האָט זיך נאָך געפֿילט די היימישע סבֿיבֿה. מיט דעם אויפֿקום פֿון דעם נײַעם דור האָט זיך די משפּחה צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט — לאָרכּה ולרחבֿה — פֿון די בראָנקס ביז די פֿאַרוואָרפֿנסטע געגנטן אין לאָנג־אײַלאַנד.

כּדי ניט אָפּגעפֿרעמדט צו ווערן איינער פֿון אַנדערן, האָבן מיר אײַנגעפֿירט אַ יערלעכע „פֿעמילי־רעיוניאָן״ — אַ משפּחה־צוזאַמענקום בײַ מײַנע עלטערן אין הויז פּסח צו די סדרים. ווער עס האָט ניט בײַגעווינט די דאָזיקע צוזאַמענקומען האָט אַזאַ דערהויבנקייט ניט געזען.

נאָר בײַ אַזעלכע מענטשן, ווי מײַנע עלטערן זײַנען געווען, האָט אַזאַ נשמה־באַהעפֿטונג געקענט קומען צום פֿולשטענדיקן אויסדרוק. איך קען זיך ניט פֿאָרשטעלן קיין איין הויז פֿון אמת רעליגיעזע ייִדן, ווו מענטשן מיט די פֿאַרשיידנסטע מייִנונגען זאָלן זיך פֿילן בעסער ווי אַפֿילו בײַ זיך אין דער היים און ניט דאַרפֿן אויף זיך אַרויפֿצווינגען אַ מאַסקע. ס'פֿלעגן קומען רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע, אָבערגלויביקע און אויפֿגעקלערטע, אַפֿילו אַטעיִסטן און ניט־ייִדן וועלכע זײַנען צוגעקומען דורך געמישטע חתונות. אַלע, אַלע האָבן זיך געפֿילט היימיש.

איך האָב געזאָגט, אַז אַזאַ האַרציקייט האָט זיך געקענט פֿילן נאָר בײַ אַזעלכע מענטשן ווי מײַנע עלטערן זײַנען געווען. איך האָב זיך פּשוט מורא צוצורירן צו שילדערן מײַנע עלטערן, און דאָך מוז איך זאָגן, אַז איך האָב נאָך





אין מײַן לעבן אַזעלכע איבערגעגעבענע, טאָלעראַנטע און ליבהאַרציקע עלטערן ניט באַגעגנט.

מיר פֿלעגן זיך אויפֿקלײַבן צו די סדרים אַזוי לאַנג ווי מײַנע עלטערן האָבן געלעבט. די דאָזיקע טראַדיציע איז אָבער מיט זיי ניט אָפּגעשטאָרבן. נאָך זייער טויט בין איך באַטראַכט געוואָרן פֿאַר דעם פּאַטריאַרך פֿון דער משפּחה, און דער פּסחדיקער צוזאַמענקום ווערט איצט געפּראַוועט אין מײַן הויז — אַלצדינג דאָס זעלבע — חוץ דער הגדה און די פֿיר קשיות, נאַטירלעך.

דאָס וואָס מײַנע עלטערן האָבן דערגרייכט אַ הויכע עלטער (מײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן צו 87 יאָר און מײַן מוטער — צו 77 יאָר), האָט שטאַרק באַווירקט מיך און מײַן שוועסטער אויך אין אונדזערע מיטעלע יאָרן. כאָטש שוין זעלבשטענדיק, מיט אונדזערע אייגענע פֿריידן און לײַדן, נחת און זאָרג פֿון אונדזערע אייגענע פֿאַמיליעס, האָבן מיר דאָך תּמיד אַליין אין זיך געהאַט דאָס געפֿיל פֿון קינדער וואָס האָבן דאָס פֿאַרגעניגן פֿון אָנהאַלטן זיך אין טאַטע־מאַמעס פֿאַרטעך. איך קען זיך ניט דערמאָנען אַ שבת אָדער אַ יום־טובֿ, וואָס מיר האָבן דורכגעלאָזן ניט צו גיין אָדער פֿאָרן צו זיי. דער דאָזיקער געפֿיל האָט זיך אויך אײַנגעוואָרצלט בײַ די אייניקלעך זייערע.

נאָך אין די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, ווען מיר האָבן געוווינט אויף טשערי־סטריט (מײַן שוועסטער האָט שוין אויך חתונה געהאַט און געוווינט אין זעלביקן הויז), פֿלעגט מײַן פֿאָטער גיין צען בלאָק פֿון זײַן שאַפּ אַהיים עסן מיטאָג, כּדי מײַן שוועסטער זאָל אויך עסן און ניט אָפּקומען מיט שיה פּיה. מיט אים צוזאַמען האָט זי געגעסן געשמאַקער.

ווען מײַן פֿאָטער האָט נאָך אַ שטאַרקער פֿאַרקילונג געמוזט אויפֿגעבן דאָס פּרעסן מענערדעק, האָט ער זיך ווידער גענומען צו זײַן אָדעסער פּרנסה פֿון צעלניק. זײַענדיק אָבער אַ שומר־שבת האָט ער זײַן געשעפֿט געפֿירט אין אַ ייִדישער געגנט. זײַן ערשטע סטאָר איז געווען אויף רידזש־סטריט.

צוליב זייער שמירת־שבת האָבן מײַנע עלטערן געמוזט וווינען און האַנדלען צווישן ייִדן, האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן קיין בראָנזוויל. זיי האָבן דורכגעמאַכט עטלעכע וואַנדערונגען, פֿון פּיטקין עוועניו קיין בעלמאָנט עוועניו און לסוף זיך באַזעצט מיט זייער סטאָר אויף פּראָספּעקט פּלייס, ווו זיי האָבן ווײַטער אָנגעפֿירט זייער דרײַגודס־סטאָר ביז מײַן פֿאָטער איז געוואָרן זיבעציק יאָר אַלט.

כאָטש מײַן פֿאָטער איז קערפּערלעך געווען אַ געזונטער מענטש, האָבן מיר אָבער אָנגעהויבן מערקן, אַז ער לײַדט פֿון שיכּחה. איך האָב געפֿרעגט אַ דאָקטאָר, האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פֿון אַלטקייט. זאַכן וואָס האָבן שוין לאַנג פּאַסירט האָט ער גראָד גוט געדענקט, פֿאַרגעסן פֿלעגט ער נאָר נאָענטע פּאַסירונגען. אַזוי פֿלעגט אויסקומען גאַנץ אָפֿט, אַז סחורות וואָס האָבן אַ מאָל געקאָסט ביליקער פֿלעגט ער פֿאַרקויפֿן לויטן אַלטן מקח, כאָטש ער האָט שוין דערפֿאַר אַליין טײַערער באַצאָלט.

מײַן שוועסטער און איך זײַנען געקומען צו דער מסקנא, אַז גענוג געסוחרט, צײַט זיך אָפּצורוען.

די עלטערן האָבן פּראָטעסטירט. ס׳װילט זיך ניט װערן קײן „געװעזענע״. מיר זײַנען אָבער באַשטאַנען אױף אונדזער באַשלוס. די אײניקלעך האָבן אױך אונדז געגעבן גערעכט. איך האָב „אַדװערטײַזט״ פֿאַר אַ קונה, דאָס געשעפֿט פֿאַרקױפֿט, דאָס געלט האָב איך אַרײַנגעלײגט אין באַנק אױף זײער נאָמען, און מיר האָבן באַשטימט אױף זײער הוצאה צװאַנציק דאָלאַר אַ װאָך — צען דאָלאַר פֿון מיר און צען דאָלאַר פֿון מײַן שװעסטער. די דאָזיקע סומע האָבן מיר, חוץ אָפּטע מתּנות, הײליק אָפּגעהיט ביז דעם לעצטן טאָג פֿון זײער לעבן. איך האָב אױך פֿאַרזיכערט מײַן לעבן אױף דרײַ טױזנט דאָלאַר אױף זײער נאָמען, כּדי זײ זאָלן ניט דאַרפֿן בלײַבן הילפֿלאָז, אין פֿאַל װען זײ זאָלן מיך איבערלעבן.

די װײַטערדיקע פֿאַלן זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די באַציִונגען צװישן מיר און מײַנע עלטערן.

באַלד נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה, אַרום 1922, האָט אין אַמעריקע אױסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פֿון אינפֿלוענצע. מען האָט עס גערופֿן: די שפּאַנישע אינפֿלוענצע. די חולאַת האָט געפֿאָדערט גאָר אַ גרױסע צאָל לעבנס.

אײן פֿרימאָרגן אין יענער צײַט, װען איך בין אַרײַנגעקומען אין מײַנע עלטערנס הױז, האָב איך זײ בײדע געטראָפֿן ליגן אין זײערע בעטן אָנגעגריפֿן פֿון דער „פֿלו״. איך האָב נאַטירלעך אַלץ אײַנגעאָרדנט פֿאַר זײער באַקװעמלעכקײט און געהאָפֿט, אַז זײ װעלן די קראַנקײט בײַקומען.

װען איך האָב זײ אױף מאָרגן װידער באַזוכט האָב איך זײ געפֿונען אין אַ געדריקטער שטימונג. קענענדיק מײַנע עלטערן האָב איך באַלד משיג געװען אין װאָס זײער זאָרג באַשטײט. איך האָב זיך דעריבער אַװעקגעזעצט לעבן זײערע בעטן און האָב פֿאַר זײ געהאַלטן אַזאַ מאָנאָלאָג:

„דער סדר־העולם איז אַז אַלע עלטערן, צי גוטע צי שלעכטע, װינטשן מיטן גאַנצן האַרצן אַז זײערע קינדער זאָלן זײ איבערלעבן. איז עס דאָך ניט מער װי נאַטירלעך אַז דאָס זאָל אױך זײַן אײַער װוּנטש. אָבער דערפֿאַר װײַל איך בין ניט רעליגיעז, פֿאַרגנבֿעט זיך בײַ אײַך אַ ספֿק, צי איך װעל טאָן מײַן התחײַבֿות צו אײַך אין דעם זינען װי איר פֿאַרשטײט עס. איר זײַט מסופּק צי איך װעל, איבער הונדערט יאָר, נאָך אײַך זאָגן קדיש און איר האָט דערפֿון גרױס עגמת־נפֿש. װײל איך אײַך פֿאַרזיכערן אַז ניט נאָר װעל איך אָפּהיטן דעם קדיש־זאָגן, נאָר איך װעל אױך יעדן טאָג לערנען אַ פּרק משניות. איר האָט מיך געלערנט און עס איז מײַן חובֿ דערמיט עס אײַך אָפּצוצאָלן״.

און — װוּנדער איבער װוּנדער! גלײַך װי דער מלאך רפֿאל װאָלט געשטאַנען הינטער מײַנע פּלײצעס און זיך אונטערגעהערט, האָב איך באַמערקט װי זײערע פּנימער האָבן זיך מיט אַ מאָל אױסגעלײַטערט, אַ פֿרײד איז זײ באַפֿאַלן.

אין 1933 איז מײַן מוטער פּלוצעם געשטאָרבן. זי איז אַלט געװען 77 יאָר. דאָס איז געװען ט״ז תּמוז. זי איז אין יענעם טאָג גראָד געװען אין אַ געהױבענער שטימונג. זי האָט זיך צוגעגרײט און געװאַרט אױף איר אײניקל (מײַן שװעס־



טערס טאָכטער), זי זאָל קומען מיטן אױטאָמאָביל און נעמען דעם זײדן מיט דער באָבען צום ים־ברעג אין ראָקאַװײ, װוּ מײַן שװעסטער האָט געהאָט אַ װױנונג אױפֿן זומער. פּלוצעם האָט זי זיך באַקלאָגט, אַז עפּעס פֿילט זי ניט גוט, און אין װײניקער װי אַ מינוט האָט זיך איר לעבן אָפּגעשטעלט.

מײַן שװעסטער און איך זײַנען געזעסן שבֿעה אין אונדזערע עלטערנס הױז. איך האָב באַשטעלט ייִדן, זײ זאָלן קומען דרײַ מאָל אַ טאָג צום מנין. איך האָב אָפּגעהיט אַלע דינים פֿון אַבֿלות און געזאָגט רבנן־קדיש װען ס׳האָט זיך נאָר געפֿאָדערט.

יאָ — אײן רבנן־קדיש האָט מיך שיִער ניט פֿאַרװיקלט אין אַ מחלוקה.

קעגן איבער מײַנע עלטערנס װױנונג איז געװען אַ חסידישע קלױז. בין איך מיט מײַן פֿאָטער אַהין אַריבערגעגאַנגען דאַװנען אום שבת (שבת זיצט מען ניט קײן שבֿעה). פֿאַר נאַכט, פֿאַר מנחה, האָב איך דאָרט געטראָפֿן אַ גרופּע ייִדן מיט זײער רבין לערנען עין יעקבֿ. איך האָב זיך אױך צוגעזעצט און זיך אײַנגעהערט צום רבינס שיעור. װען ער איז פֿאַרטיק געװאָרן, האָב איך זיך אױפֿגעשטעלט און געװאָלט אָנהײבן זאָגן אַ רבנן־קדיש. שטעלט מיך דער רבי אָפּ. װאָס איז? אַזױ װי ער האָט יאָרצײַט, װיל ער זאָגן אַ רבנן־קדיש.

— רבי, זאָג איך צו אים: עס שטײט בפּירוש אין דער תּורה „בצלם אלוקים ברא את האדם״. װען אַ מענטש האָט צװײ אױערן, האָט דאָך דער רבש״ע זיכער ניט װײניקער װי צװײ אױערן, איז װען איך זאָג אים אַרײַן אַ רבנן־קדיש אין אײן אױער, קענט איר דאָך דאָס אײגענע טאָן אין צװײטן אױער.

דער רבי האָט מיך אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און איז אַנטלאָפֿן אין אַנדערן עק שול זאָגן זײַן רבנן־קדיש.

דער קלימאַקס איז געקומען ערשט אין אַ יאָר אַרום — צו מײַן מוטערס יאָרצײַט.

נאָך מײַן מוטערס טױט איז מײַן פֿאָטער געגאַנגען װױנען מיט דער טאָכטער. אים איז געגעבן געװאָרן די ברירה צו װױנען מיט מיר אָדער מיט מײַן שװעסטער. ער האָט אױסגעקליבן די טאָכטער.

יענעם זומער האָט אױך מײַן פֿרױ און איך געװױלט בײַם ים־ברעג אין ראָקאַװײ. אַ טאָג פֿאַר ט״ז תּמוז דערצײלט מיר מײַן שװעסטער, אַז אונדזער פֿאָטער איז אין אַ פֿאַרלעגנהײט. ער װײסט ניט צי ער זאָל מיך דערמאָנען אין דער מאַמעס יאָרצײַט. װאָרעם טאָמער װעל איך קײן צײַט ניט האָבן צו גײן אין שול זאָגן קדיש, װעל איך דאָך נאָך האָבן באַגאַנגען אַן עבֿירה במזיד; אױב איך װײס ניט, איז די עבֿירה ניט אַזױ האַרב, װײַל עס איז בשוגג.

איך בין באַלד אַװעק אױפֿן באָרדװאָק װוּ מײַן פֿאָטער איז געזעסן אונטער אַ גרױסן זונשירעם און געלײענט אַ צײַטונג. איך האָב אים דערמאָנט, אַז מאָרגן איז דער מאַמעס יאָרצײַט און אים געבעטן, ער זאָל מיך אױפֿװעקן אין דער פֿרי (איך אַרבעט בײַ נאַכט, שלאָף איך שפּעט), כּדי מיר זאָלן בײדע גײן אין שול זאָגן קדיש.

ווען מיר זײַנען געקומען אויף מאָרגן אין דער שול אין ראָקאַווײ ווו מײַן פֿאָטער פֿלעגט אַלע טאָג דאַווענען, האָט דער שמש מיך מכבד געווען מיט טלית־און־תּפֿילין און אַפֿילו מיך אויפֿגערופֿן לוי צו דער תּורה (ס׳איז געווען דאָנערשטאָג, ווען מען לייענט אין דער תּורה). איך פֿון מײַן זײַט האָב זיך אויך שיין געשטעלט: געגעבן איין דאָלאַר פֿאַר דער שול און איין דאָלאַר דעם שמש און אויך אים געהייסן ברענגען תּיקון, ווי עס פּאַסט פֿאַר ר׳ שמואל חסידס אייניקל — אַ פֿלעשל בראָנפֿן מיט קיכלעך צו פֿאַרבײַסן (די דאָזיקעביידע אַרטיקלען זײַנען אין יענער צײַט געווען די מעשׂי ידה פֿון דער שמשטע: זי האָט פֿאַבריצירט דעם יין־שׂרף און געבאַקן די קיכלעך. ס׳איז נאָך געווען פּראָהיבישן).

ווען אַן אַלטער ייִד איז צו מיר צוגעקומען און האָט זיך באַקלאָגט, אַז פֿאַר אים איז גאָרניט געבליבן, האָב איך באַשטעלט בײַם שמש נאָך אַ פֿלעשל. אויף דעם האָט שוין מײַן פֿאָטער רעאַגירט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאָזט מיטן תּיקון? עס וועט דיר קאָסטן צו פֿיל געלט דער עסק.

— מילא, האָב איך אים געענטפֿערט, קיין זייער גרויסער דלות שטעקט אין דעם ניט. דער גאַנצער ענין וועט אָפּגעפּטרט ווערן מיט איין פֿינפֿערל. דערפֿאַר אָבער וועסטו בײַ די כּלי־קודש האָבן מער אָנזען.

מײַן חשבון האָט געשטימט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מיר מײַן פֿאָטער דערציילט, ווי פּראָמינענט ער זעט זיך אָן אין שול זײַט יענעם יאָרצײַט. ער קריגט כּמעט אַלע מאָל לוי, און דאָס אַלץ אין זכות פֿון דעם שיינעם תּיקון וואָס איך האָב געגעבן.

# נאָך קאָנווענשאָנס

ווײַזט אויס, אַז די באַלטימאָרער קאָנווענשאָן האָט מיר אַזוי פֿאַליובעט, אַז ס׳האָט זיך גענומען גלוסטן נאָך אַזעלכע איבערלעבונגען. איך האָב טאַקע בײַ עטלעכע געלעגנהייטן אויך שפּעטער אַרויסגעשטעלט מײַן קאַנדידאַטור פֿאַר אַ דעלעגאַט צו די קאָנווענשאָנס פֿון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן. כאָטש ניט אין יעדן פֿאַל האָט עס מיר פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל נחת ווי אין דעם פֿאַל פֿון באַלטימאָר, נאָך אַלעמען איז דאָך תּמיד דער ערשטער אײַנדרוק דער טיפֿסטער, פֿון דעסט וועגן האָט יעדע קאָנווענשאָן וואָס איך האָב בײַגעווינט בײַ מיר איבערגעלאָזן זכרונות וואָס עס איז ווערט צו פֿאַרצייכענען.

די קאָנווענשאָן אין 1928 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַלבאַני, די הויפּט־שטאָט פֿון שטאַט ניו־יאָרק.

מײַן קאָלעגע־דעלעגאַט איז געווען אַהרן גאָטעסמאַן. בלויז דער פֿאַקט פֿון פֿאַרברענגען מיט אים אַ פּאָר וואָכן, איז פֿאַר מיר געווען אַ פֿרייד. אַ גאָר גרויסער חלק פֿון דער מזל־ברכה, וואָס די ייִדישע שריפֿטזעצער־יוניאָן פֿון ניו־יאָרק האָט גענאָסן, איז בלי ספֿק געווען צו פֿאַרדאַנקען דער פֿעיִקער פֿירער־שאַפֿט פֿון אַהרן גאָטעסמאַן.

געקומען קיין אַמעריקע פֿון מונקאַטש, אונגערן, איז גאָטעסמאַן אין אָנהייב נײַנציקער פֿון לעצטן יאָרהונדערט. ניט האָבנדיק אויף הוצאות הדרך איז ער געקומען ווי אַ מאַטראָס אויף אַ שיף. זײַענדיק אַ שריפֿטזעצער האָט ער זיך געווענדט צו דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן; ער האָט אָבער ניט פֿאַרמאָגט דעם דאָלאַר אײַנטריטסגעלט. האָט אַ מיטגליד, סײַמאָן דובין, אַ פֿרעמדער, אַ ליטוואַק פֿון ווילנע גאָר, דעם דאָלאַר פֿאַר אים אײַנגעצאָלט, און ער איז אויפֿגענומען געוואָרן אין דער יוניאָן. גאָטעסמאַן האָט די טובֿה זײַן גאַנצן לעבן ניט פֿאַרגעסן. און פֿאַר דער יוניאָן איז ער געווען גאָר אַ גרויסער געווינס.

כאָטש נאָך אַ יונגער־מאַן האָט ער אָבער שוין געהאַט גאָר אַ ברייטן בליק פֿון אַ פֿולשטענדיקן אייראָפּעער. ער האָט אַ סך געלייענט דײַטשישע ליטע־ראַטור און געווען אַ גרויסער פֿאַרערער פֿון היינריך היינע, וועמען ער פֿלעגט אָפֿט ציטירן. ער איז ניט געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, און האָט זיך גאָר גוט אויסגעלערנט די ענגלישע שפּראַך. זײַענדיק אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון מוזיק פֿלעגט ער טייל מאָל אַפֿילו אויפֿגעבן אַ טאָג אַרבעט אַבי ניט צו פֿאַרפֿעלן אַ בעטהאָווען־סימפֿאָניע. זײַן שׂכל־הישר, זײַן אַראַטאָרישע קראַפֿט, זײַן בײַסע־דיקער סאַרקאַזם און זײַן אמת וואַרעמע איבערגעגעבנקייט צו אַ פֿרײַנד, האָט אים געמאַכט זייער באַליבט.

ווען די עפּאָכע פֿון קאַמף, מיט ציין און נעגל, איז פֿאַר דער יוניאָן פֿאַרבײַ

און די בעלי־בתּים זײַנען געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מיט דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן דאַרף מען זיך רעכענען, זי אומברענגען איז אַ פּוסטער חלום און ס'איז געזינטער מיט איר זיך צו פֿאַרגלײַכן און לעבן בשלום, איז דעמאָלט די ראָלע פֿון ראָזענסאָנען, דעם קעמפּער, געווען פֿאַרענדיקט. גאָטעסמאַן איז שוין אַרויסגערוקט געוואָרן אין פֿאָדערגרונט. ער איז שוין געווען דער טשערמאַן פֿון יעדער „סקייל־קאָמיטע" וואָס האָט געפֿירט פֿאַרהאַנדלונגען מיט די בעלי־בתּים.

זײַן שטענדיקע גרייטקייט צו דינען דער יוניאָן האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. מיט פֿינף יאָר צוריק, ווען איך האָב אים באַזוכט בעת ער איז שוין געלעגן אויפֿן טויטנבעט מיט אַ האַרצאַטאַק, האָט ער נאָך מיט מיר מיטגעשיקט אַן עצה צום דעמאָלטיקן פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן, ווי אַזוי צו האַנדלען אין אַ געוויסן פֿאַל.

אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט און ליבשאַפֿט איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אין שפּאַס פֿלעגן מיר באַצייכנט ווערן „דער סיאַמער צווילינג". איך האָב עס באַטראַכט ווי אַ קאָמפּלימענט פֿאַר מיר.

די קאָנווענשאַן אין אָלבאַני האָט זיך פֿאַר מיר אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס איך בין ווידער אַ מאָל געקומען פּנים אל פּנים מיט געשעענישן, וועלכע האָבן אין מיר אַרויסגערופֿן מײַן באַוווּנדערונג פֿון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישן גײַסט. דער אײַנדרוק, וואָס האָט זיך בײַ מיר תּמיד געשאַפֿן לייענענדיק די ראַדיקאַלע פּרעסע מכּל המינים, איז געווען, אַז אַלץ וואָס איז ניט הונדערט פּראָצענט סאָציאַליסטיש, איז קאָרופּט, ביישוויליק, איבער הױפּט אין דער באַציִונג צו דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט. די דאָזיקע השגה איז בײַ מיר פֿאַרשוווּנדן, ווען איך האָב געזען, אַז אַדרבא, די באַציִונג פֿון דער אַדמיניסטראַציע צו דער שריפֿטזעצער־קאָנווענשאָן איז געווען חוץ לדרך הטבע. קודם־כּל האָט מען אונדז דערלויבט אָפּצוהאַלטן די זיצונגען אין דעם אַסעמבלי־טשעמבער, אַ זאַך, וואָס האָט נאָך אין גאַנצע 150 יאָר קיין מאָל ניט פּאַסירט. בלויז פֿאַר אַמעריקאַנער דרוקער איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם.

אַזוי ווי דער הויפּטדרוקער פֿון דער אַדמיניסטראַציע, לײַאָנס, איז אויך געווען דער פּרעזידענט פֿון „טשעמבער אָוו קאָמוירז" אין אָלבאַני, האָט די דאָזיקע קערפּערשאַפֿט פֿאַרבעטן די דעלעגאַטן אויף אַ באַנקעט לכּבֿוד, אויף דעם דאַך פֿון דעם טען־מאַק האָטעל. דער גאָווערנאָר איז אויך אײַנגעלאַדן געוואָרן. נאָך דעם ווי מען האָט זיך אונטערגעהאַלטן מיט עסן און טרינקען און זינגען בציבור, האָט מען פֿאָרגעשטעלט די רעדנער. און ווונדער איבער ווונדער! — יעדער גרויסער אינדוסטריאַליסט וואָס האָט זיך אויפֿגעשטעלט ריידן האָט עס באַטראַכט פֿאַר פּאַסיק זיך צו באַרימען מיט זײַן אַמאָליקער אָנגעהעריקייט צו אַ יוניאָן פֿון דרוקערפֿאַך און עס באַשטעטיקט מיט זײַן יוניאָן־קאַרד, וועלכע ער האַלט טײַער לזכּרון.

ווען מען האָט פֿאָרגעשטעלט דעם גאָווערנאָר, אַל סמיט, האָט ער דערקלערט, אַז ער געפֿינט זיך אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט, ווײַל די איינציקע



שײַכות מיטן דרוקערפֿאַך האָט ער געהאַט ווען ער האָט געטריבן אַ פֿערד און וואָגן פֿאַר דזשיי ליטל ענד קאָמפּאַני, אַ גרויסע דרוקער־פֿירמע אין ניו־יאָרק.

ווי געפֿעלט אײַך אַ גאָווערנאָר וואָס באַרימט זיך אַז ער איז געווען אַ בעל־עגלה? אָט דאָס, האָב איך דעמאָלט געפֿילט, הייסט אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

דאָס בענקעניש נאָך „מאַכן אַ שנאַפּס" איז אין די יאָרן פֿון פּראָהיבישן געווען אַזוי גרויס, אַז נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, סײַ פֿון אַרבעטער און סײַ פֿון געשעפֿטסלײַט, האָבן זייערע קאָנווענשאַנס אָפּגעהאַלטן אין קאַנאַדע, ווײַל דאָרט איז די משקה ניט געווען פֿאַרבאָטן. איז אויך די קאָנווענשאָן פֿון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן אין יאָר 1924 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קוויבעק, קאַנאַדע.

אונדזער יוניאָן האָט צו דער דאָזיקער קאָנווענשאָן אויך געשיקט צוויי דעלעגאַטן. צו פֿאָרן צו אַזאַ קאָנווענשאָן האָבן זיך געפֿונען אַ סך בעלנים. ווען מען האָט אָבער איבערגעציילט די שטימען, זײַנען די אויסגעקליבענע געווען: גאָטעסמאַן און שיינפֿעלד — מזלדיקע מענטשן.

נאָכן פֿאָרן אַרום צוועלף שעה מיט דער באַן, זײַנען מיר נײַן אַ זייגער אין אָוונט אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. אַזוי ווי מיר האָבן געדאַרפֿט וואַרטן איבער אַ שעה אויפֿן צוג קיין קוויבעק, האָבן מיר זיך גענומען זוכן אַ סאַלון, ווו מען קען קריגן אַ גלאָז ביר, מיטן אמתן ביר־טעם. ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טישל און זיך געהייסן דערלאַנגען צוויי פֿלעשלעך ביר, אָנגעגאָסן און אויסגעטרונקען — האָבן מיר זיך ביידע צעלאַכט: אָט צוליב דעם אָ האָבן זיך צוויי בעל־הבתּישע ייִדן געשלעפּט צוועלף שעה מיט דער באַן?... נאָך אַלעמען איז דאָך בײַ ייִדן משקה ניט קיין עיקר...

פֿיל פֿון די ניט־ייִדישע דעלעגאַטן האָבן אויסגענוצט די צײַט בײַ דער קאָנווענשאָן זיך אויסצושלאָגן די הוצאות הדרך הן אין גשמיות הן אין רוחניות, קאָמבינירנדיק ביידע אין איינעם. פֿון אָנהייב האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געווען אַ מקח־טעות, ווײַל די קאַנאַדער רעגירונג האָט בלויז דערלויבט פֿרײַ דעם פֿאַרקויף פֿון ווײַן און ביר. שנאַפּס אָבער האָט מען נאָר געקענט קריגן אין אַ רעגירונגס־סטאָר, און דאָס נאָר אויף אַ רעצעפּט פֿון אַ דאָקטאָר. איז אָבער דער מעיאָר פֿון קוויבעק געקומען באַגריסן די קאָנווענשאָן אין נאָמען פֿון דער שטאָט און דערקלערט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן אַן אָרדער צום פֿאַרוואַלטער פֿון דער רעגירונגס־קראָם, ווו מען קויפֿט דעם ביטערן רעצעפּט, אַז יעדער דעלעגאַט וואָס איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן איז אַ חולה־מסוכּן און דער סימן איז — זײַן „בעדזש".

ווײַטער האָט מען אים ניט געהערט. דער עולם האָט זיך גענומען ביסלעכווײַז אַרויסרוקן פֿון האָל. ווען איך און גאָטעסמאַן זײַנען שפּעטער נאָך דער זיצונג אויך אַהין אַוועק, האָבן מיר שוין געפֿונען אַ לאַנגע שורה וואַרטנדיק.

דאָס גליקזעליקייט וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פֿון די וועלכע זײַנען שוין אונדז פֿאַרבײַגעגאַנגען מיט די פֿלעשער משקה אין די הענט האָט מען געמעגט מקנא זײַן. טרינקען אָבער האָט מען אין קראָם ניט געטאָרט, האָט מען עס אַהיימגענומען אין די צימערן פֿון די האָטעלן. דאָרט האָט מען אָנגעהויבן גיין צו גאַסט איינער צום צווייטן פֿאַרזוכן...

שפּאָס האָבן מיר געהאַט אײדער מיר האָבן גענומען אָפּשייד פֿון קוויבעק. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ געשעפֿט, וווּ מען פֿאַרקויפֿט סוווענירס, אײַנצוהאַנדלען קאַנאַדער מתּנות אַהיימצוברענגען. ווען מיר האָבן אונדזערע חפֿצים אָפּגעקליבן האָבן מיר פּלוצעם באַמערקט, אַז אויף די לייבלס שרײַבט זיך בפֿירוש, אַז די אַלע זאַכן קומען פֿון ניו־יאָרק. צו ברענגען ניו־יאָרקער זאַכן פֿון קאַנאַדע האָט קיין זינען ניט געהאַט.

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב ווידער בײַגעוווינט אַ קאָנווענשאָן פֿון דער יוניאָן איז שוין געווען אין צוואַנציק יאָר אַרום, אין 1942.

אין 1942 איז געוואָרן פֿופֿציק יאָר זינט מען האָט געעפֿנט די „יוניאָן פּרינטערז האָם" אין קאָלאָראַדאָ ספּרינגז, קאָלאָראַדאָ. האָט די אינטערנעשאַנאַל דאָ אָפּגעהאַלטן איר קאָנווענשאָן כּדי אַלע זאָלן זיך קענען איבערצײַגן, אַז די לויבגעזאַנגען וועגן דער האָם זײַנען ניט קיין אויסטראַכטעניש.

גראָד איז אויך געוואָרן פֿופֿציק יאָר זינט איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער ייִדישער שרײַבזעצער־יוניאָן און די יוניאָן האָט דורך אַ ספּעציעלער פֿאַרבעטונג פֿון אַלע מיטגלידער, פֿאַרוואַנדלט דעם מײַ־מיטינג פֿון יענעם יאָר אין אַ „שיינפֿעלד־מיטינג". ווי אַ ממשותדיקע אָנערקענונג פֿאַר מײַן אַרבעט האָט די יוניאָן באַשלאָסן אויסצושטיין די גרויסע הוצאות וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט שיקן אַ דעלעגאַט אין אַזאַ ווײַטער שטאָט, כּדי מיר צו געבן אַ געלעגנהייט צו באַזוכן די אינסטיטוציע, וועלכע איז דער שטאָלץ פֿון די אַמעריקאַנער דרוקער — די פּרינטערז האָם.

דאָס וואָס איך האָב זיך ביז דעמאָלט אָנגעהערט פֿון דער האָם האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן בלויז אַ קלײנער חלק פֿון דעם וואָס די האָם איז אין דער ווירקלעכקייט.

די גרינדער זײַנען געווען צוויי ליבעראַלע צײַטונגס־אַרויסגעבער אין פֿילאַדעלפֿיע — טשײַלדז און דרעקסעל. זיי האָבן בײַגעשטײַערט די ערשטע צען טויזנט דאָלאַר. די שטאָט קאָלאָראַדאָ ספּרינגז, אין קאָלאָראַדאָ, האָט געשאָנקען אַ גרויסן שטח פֿון אַכציק אַקער לאַנד הינטערן שטאָט. חוץ דעם לאַנד וואָס מען האָט געקויפֿט. די אָנגעשלאָסענע יוניאָנס פֿון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן האָבן זיך באַשטײַערט און געשאַפֿן אַ סומע אויפֿצושטעלן די ערשטע געבײַדע ווי אַ היים פֿאַר אַלטע אָדער קראַנקע שרײַבזעצער. דורך אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל פֿון די אַכציק טויזנט מיטגלידער פֿון דער אינטערנעשאַנאַל האָט זיך די האָם כּסדר פֿאַרגרעסערט און פֿאַרבעסערט, אַזוי אַז ווען איך האָב די האָם באַזוכט איז זי, און מיט רעכט, באַטראַכט געווען פֿאַר דער



גרעסטער, רײַכסטער און בעסטער אינסטיטוציע פֿון דעם דאָזיקן מין, אין דער גאַנצער וועלט.

בעיני ראיתי — עס איז ווערט געווען.

די טרעגער פֿון די סאָציאַליסטישע אידעאַלן, ווי איך האָב זיי געזען פֿון נאָענט, האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן אַ היפּש ביסל אָפּגעקילט מײַן אידעאַליזם. דער קאַמף צווישן די פֿראַקציעס איז ניט געווען כּולו רוחניות. פֿון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אַליין אָבער האָב איך נאָך אַלץ געהאַט עלית נשמה. איך האָב מיר תּמיד געמאָלן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט אויף אַן אופֿן ווי בעלאַמיס *Looking Backward*. דער פּועל־יוצא פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די פּאָליטיק פֿון די היגע קאָמוניסטן האָט אין גאַנצן בײַ מיר די נשמה אַוועקגענומען.

גראָד אין יענער צײַט, ווען איך האָב זיך געפֿונען אין אַזאַ געדריקטער שטימונג, האָט זיך צו מיר גענומען אַן אַנדער פֿאַנאַטיקער, אַ מענטש, וועלכער האָט פֿאַר זײַן אידעאַל אַזוי געפֿלאַקערט און געפֿלאַמט, אַז ער האָט מיך דערמאָנט אין דעם פּרוש פֿון דער ישיבֿה. יענער האָט אָבער אויף מיר אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק, בעת דער האָט מיר צוריקגעגעבן מײַן נשמה. דאָס איז געווען מײַן לאַנגיאָריקער פֿרײַנד מאיר קאַסטאָף.

מאיר קאַסטאָף, אַ ייִדישער שרײַבזעצער, אַ טעטיקער מיטגליד פֿון דער ייִדישער שרײַבזעצער־יוניאָן, האָט זײַן פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל אָנגעפֿירט אַלע יאָרן וואָס איך האָב אים געקענט. ער איז צו דער דאָזיקער אַרבעט געווען איבערגעגעבן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם וואָס איז אַ זעלטנהייט. מיך אָבער, דעם אַפּיקורס, דעם קאָסמאָפּאָליט, האָט עס ניט באַווירקט. זײַענדיק אַ טאַלענטירטער פּאָלע־רײַסער, האָט ער בײַ מיר צײַטנווײַז אַרויסבאַקומען אַ בײַשטײַערונג פֿאַר אַ זעצמאַשין פֿאַרן דבֿר, די אַרבעטער־צײַטונג אין ארץ־ישׂראל, מיר פֿאַרקויפֿט טיקעטס, פּלעטן וכדומה, אָבער ווײַטער פֿון דעם איז עס ניט געגאַנגען.

עס ווײַזט אָבער אויס, אַז קאַסטאָף האָט געפֿילט, אַז אין מיר טליִעט נאָך עפּעס אַ פֿונק, און דעם דאָזיקן פֿונק האָט ער זיך אונטערגענומען אויפֿצובלאָזן אין אַ פֿלאַם. און דאָס איז אים געלונגען. איך האָב זיך צוריקגעפֿונען און די וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגענומען.

ער האָט מיך באַוויגן צו ווערן אַ דעלעגאַט פֿון דער יוניאָן צו דער קאָנווענשאָן פֿון דעם געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין. די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק. איך האָב, מיט אַ שמייכל, דערצו צוגעשטימט.

בײַ די זיצונגען האָב איך פֿאַרנומען אַן אָרט אין די ערשטע רייען, כּדי איך זאָל זיך נענטער באַקענען מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. איך האָב זיך אויפֿמערקזאַם אײַנגעהערט צו די אַלע וואַרעמע רעדעס, באַגריסונגען און שילדערונגען פֿון דעם לעבן און דעם ווירקן פֿון די ייִדישע אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל. ווער שמועסט נאָך, ווען עס האָט גערעדט ישׂראל מערעמינסקי,

האָב איך דערפֿילט, אַז „אָט דאָס איז עס", אָט פֿאַר דעם איז ווערט צו לעבן, און אַזאַ לעבן דאַרף מען שטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן, איך האָב באַקומען אַן עלית נשמה.

די יוניאָן איז גוט צו מיר. די באַאַמטע, ווער זיי זאָלן ניט זײַן, דעלעגירן מיך יעדעס יאָר צו דער קאָנווענשאָן פֿון דעם געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין. איך צי איצט מײַן יניקה פֿון יענעם קוואַל.

בײַ דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ייִדישער שריפֿטזעצער־יוניאָן, אין מײַ 1942, אין מײַן ענטפֿער צו די באַגריסונגען פֿון די מיטגלידער האָב איך געזאָגט, אַז צוויי זאַכן וואָלט איך נאָך געוואָלט זען אין מײַן לעבן: ארץ־ישׂראל און די יוניאָן פּרינטערז האָם אין קאָלאָראַדאָ ספּרינגז. די האָם האָב איך יענעם יאָר זוכה געווען צו זען. צו באַזוכן ארץ־ישׂראל אָבער, שטייט היטלער אין וועג און לאָזט ניט. איך האָב אָבער בטחון, אַז איך וועל אויך די צווייטע געלעגנהייט האָבן, צוזאַמען מיט מײַן פֿרוי צו באַזוכן ארץ־ישׂראל און כ׳זאָל קענען זאָגן, ווי אין פֿאַל פֿון דער האָם: בעיני ראיתי — ס׳איז ווערט געווען.

# אַחרון אַחרון חבֿיב

ביז אַהער בין איך געשפּרונגען פֿון איין עפּיזאָד צו אַ צווייטן. מיט אַ סדר צי אָן אַ סדר, צי יאָ אינטערעסאַנט צי ניט. אַזוי האָט עס פּאַסירט — און פּטור. איך האָב אָבער בלויז איין מאָל דערמאָנט אונדזער קינד וועלכעס האָט מיר פֿאַרגיטיקט אין יעדן פֿאַל, ווען ייִאוש האָט מיך באַפֿאַלן.

מײַן טאָכטער ליבי, מײַן איין און איינציק קינד, האָט באַזעסן אויסערגעוויינטלעכע פֿעיִקייטן. מעלות, וואָס מען קען זעלטן טרעפֿן, איבער הויפּט ווען דאָס קינד פֿילט, אַז מען ציטערט איבער דעם. אין די סקוליאָרן איז זי בוכשטעבלעך געווען באַהאָנגען מיט מעדאַלן. אויסצייכענונג אין לערנען, אויסצייכענונג אין אַטלעטיקס, — לויפֿן, שפּרינגען, שפּילן פֿאַרשיידענע שפּילן. דערצו איז זי געבענטשט מיט אַן אַנטוויקלטן, קלאָרן שׂכל־הישר — אַ מתּנה מן השמים. ווען זי איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָבן מיר איר געקויפֿט אַ פּיאַנאָ פֿאַר אַ מתּנה. דער מוזיק־לערער איז פּשוט געשפּרונגען פֿון הויט, אַזוי גיך און אַזוי געשיקט האָט זי אַלץ איבערגענומען. זי האָט שטודירט מוזיק ביז זי האָט דערגרייכט צו גאָר אַ הויכער אַנטוויקלונג. מבֿינים זײַנען פֿון איר שפּילן אַנטציקט געווען.

פֿאַרענדיקנדיק די ברוקלינער הײַסקול פֿאַר מיידלעך איז זי מיט אַ סטייט־סקאַלערשיפּ פֿון פֿיר הונדערט דאָלאַר אַרײַנגעקומען אין האָנטער קאַלעדזש און האָט גראַדויִרט אין דרײַ און אַ האַלב יאָר. אין דער זעלביקער צײַט האָט זי ניט פֿאַרנאַכלעסיקט איר שטודירן מוזיק.

פֿון איר קרײַז באַקאַנטע און פֿרײַנד האָב איך תּמיד געקליבן נחת — מענטשן וועלכע זײַנען אַנדערש. און די אַנדערשקייט פֿון דער גוטער זײַט.

גאָר גליקלעך האָב איך און מײַן פֿרוי זיך געפֿילט, ווען זי האָט געטראָפֿן איר ריכטיקן זיווג. מיר האָבן געהאַט אַ רעכט זיך צו פֿילן גליקלעך מיט אונדזער איידעם. אַ מענטש וועלכער האָט זיך זייער געפּאַסט פֿאַר איר — פֿײַן, געבילדעט. ער האָט גראַדויִרט קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט מיט גרויס אויסצייכענונג — פֿײַ־בעטאַ־קאַפּאַ — און דעם גאַנצן קורס דורכגעמאַכט אויף אַ סקאַלערשיפּ. ער איז איצט אַן „אינוועסטמענט־קאַונסעלאָר".

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די וווינונג־פּראָבלעם זייער שטאַרק געפֿילט אין ניו־יאָרק. אין די מלחמה־יאָרן זײַנען קיינע נײַע הײַזער ניט געבויט געוואָרן. די רעגירונג האָט די בוי־מאַטעריאַלן געדאַרפֿט פֿאַר מלחמה־צוועקן. דאָס האָט גורם געווען, אַז אַ סך פֿאַמיליעס האָבן געמוזט זייערע וווינונגען טיילן מיט קרובֿים. מען פֿלעגט דעם דזשעניטאָר אָנבאָטן צען דאָלאַר, ער זאָל מודיע זײַן, ווען אַ דירה האָט

זיך בײַם אויסלײדיקן. אין אָט דער צײַט האָט מײַן טאָכטער חתונה געהאַט. נאַטירלעך האָט זי זיך געוואָלט אײַנאָרדענען אַן אײגענע היים. זי האָט בעסער געוואָלט וווינען אין אַ גראַמער געגנט, ערגעץ הינטער דער שטאָט. גערעכט איז זי געווען. נאָר בײַ מיר האָט עס פּשוט מײַן לעבן אַוועקגענומען. ווען וועלן מיר זי קענען זען? מײַן נאַכטיקע אַרבעט האַלט מיך ביז גאָר אַ גרויסער מאָס אָפּגעפֿרעמדט פֿון מענטשן. בײַ טאָג, ווען איך בין פֿרײַ, זײַנען מענטשן פֿאַרנומען. אין אָוונט, ווען מענטשן זײַנען פֿרײַ, בין איך פֿאַרנומען.

ענדלעך האָב איך אויך די דאָזיקע פּראָבלעם פֿאַרענטפֿערט על צד היותר טובֿ.

איך האָב געקויפֿט אַ צוויי־פֿאַמיליע־הויז אין פֿלאַטבוש, נישט ווײַט פֿון שיפּסהעד־ביי. די געגנט האָט געהאַט אַלע מעלות: פֿרישע לופֿט לרובֿ, גראָם, ניט ווײַט פֿון ברעג ים. דאָס הויז אַ נײַס, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן לויט דער לעצטער מאָדע. מיר וועלן וווינען אין אײנעם און דאָך ניט אין אײנעם. דאָס הייסט, צוויי באַזונדערע דירות אויף באַזונדערע גאָרנס, מיט אַ באַזונדער בעל־הבתישקייט. דאָס הויז האָט דרײַ אַרײַנגאַנגען — צוויי פֿון גאַס און אײנער פֿון דער זײַט. די פֿעדערשטע אַרײַנגאַנגען זײַנען באַזונדער פֿאַר יעדער דירה, דער זײַטיקער אַרײַנגאַנג איז אַ בשותּפֿותדיקער.

— קינדער, האָב איך צו זיי געזאָגט: אויב אַלץ וועט זײַן כּשורה, וועלן מיר זיך באַנוצן מיט דעם שותּפֿישן זײַטיקן אַרײַנגאַנג. טאָמער אָבער, חלילה, וועט צווישן אונדז פֿאָרקומען עפּעס אַ חילוקי־דעות, קען זיך יעדער באַנוצן מיט זײַן פֿעדערשטן אַרײַנגאַנג, ושלום על ישׂראל עד יעבֿור זעם.

ביז הײַנטיקן טאָג נוצן מיר נאָך אַלץ דעם זײַטיקן אַרײַנגאַנג. בלויז פֿאַר געסט נוצן מיר דעם „פֿאַראַדנעם כאָד‟, ווי מען האָט עס גערופֿן אין אַדעס.

אָבער אונדזער נחת פֿון קינדער האָט זיך בשום אופֿן ניט באַגרענעצט מיט מײַן טאָכטער און אײדעם — בני בנים כּבנים האָט נאָך יעקבֿ אָבֿינו געפּילט.

צום יאָר האָט אונדזער טאָכטער אונדז געבוירן אַן אײניקל, דוד, און עס איז מקוים געוואָרן דער כּלל, אַז „ברא קרעא דאבוה‟ — זייער אַ פֿעיִקער חבֿרה־מאַן. נאָך דעם ווי ער איז שוין אַרײַנגעקומען אין ברוקלינער פּאָלי־טעכנישן אינסטיטוט אויף אַן אינזשעניר־קורס, איז ער צו זיבעצן יאָר פֿרײַ־וויליק אַרײַן אין דער אַמעריקאַנער נייווי. מײַן טאָכטערס צווייט קינד יהודית (דזשודיט), 11 יאָר אַלט, האָט געשעפּט פֿון אַלעמען, אַזוי אַז זי איז אין אַלע פּרטים אַן אויסערגעוויינטלעך קינד. איך האָב מורא אויסצורעכענען אירע מעלות, טאָמער וועט מען מיר ניט וועלן גלייבן. איך ענדיק דעריבער בכי טובֿ. דאָס איז דעצעמבער 1943.

## יִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט—יִיוואָ

דער יִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט (באַוווּסט אויך אונטער זײַנע ראָשי־תּבֿות יִיוואָ) איז געגרינדעט געוואָרן 1925 אין ווילנע מיטן ציל צו פֿאָרשן מיט די מעטאָדן פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט דאָס הײַנטיקע און אַמאָליקע יִדישע לעבן איבער דער גאַנצער וועלט. דעם זעלביקן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פֿון יִיוואָ (אַמאָפּטייל) וואָס האָט געהאָלפֿן דעם יִיוואָ מאַטעריעל און אויך אַליין געטאָן אין אַ געוויסער מאָס אַ פֿאָרשערישע און פֿאַרלעגערישע אַרבעט.

ווען ס'איז איבער דער מלחמה געוואָרן אוממיגלעך צו פֿירן ווײַטער די אַרבעט אין אײראָפּע, איז דער צענטער פֿון יִיוואָ איבערגעטראָגן געוואָרן קיין ניו־יאָרק. אין 1940 איז אַרויסגענומען געוואָרן אַ נײַער צוגעפּאַסטער טשאַרטער פֿונעם שטאַט ניו־יאָרק, און דער אינסטיטוט פֿירט זײַן טעטיקייט אָן איבעררײַס. זינט אָנהייב 1943 געפֿינט זיך דער יִיוואָ אין אַ גרויסן אײגענעם בנין אויף 531—535 וועסט 123סטע גאַס, ניו־יאָרק.

דער יִיוואָ האָט פֿיר וויסנשאַפֿטלעכע סעקציעס: די היסטאָרישע, עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע, פֿילאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע. איטלעכע סעקציע גיט אַרויס פֿון צײַט צו צײַט בענד שריפֿטן און מאָנאָגראַפֿיעס. חוץ דעם האָט דער יִיוואָ דרײַ זשורנאַלן: יִיוואָ־בלעטער, אָרגאַן פֿון אַלע סעקציעס; יִדישע שפּראַך, אַרויסגעגעבן פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון דער יִדישער כּלל־שפּראַך; ידיעות פֿון יִיוואָ, אין יִדיש און ענגליש. ביז הײַנט האָט דער יִיוואָ אין זײַנע פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס פּובליקירט קרובֿ 50,000 זײַטן פֿאָרשונגען.

די צענטראַלע ביבליאָטעק פֿון יִיוואָ אין ניו־יאָרק פֿאַרמאָגט איצט איבער 50,000 קאַטאַלאָגירטע אײנסן. דער אַרכיוו פֿון יִיוואָ נעמט אַרום עטלעכע הונדערט טויזנט אײנסן.

אויף צוצוגרייטן אַ וויסנשאַפֿטלעכן נאָכוווּקס האָט דער יִיוואָ געשאַפֿן די אַספּיראַנטור אויפֿן נאָמען פֿון ד״ר צמח שאַבאַד און די פּראָאַספּיראַנטור אויפֿן נאָמען פֿון ברוך כּהן־ווירגילי.

אויב אירווילט מער אינפֿאָרמאַציע, שרײַבט צו:

Yiddish Scientific Institute—Yivo
535 West 123rd Street
New York 27, N. Y.

# זשורנאַלן פֿון ייִוואָ

## ייִוואָ־בלעטער

שריפֿט פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

גייט אַרויס 4 מאָל אַ יאָר

## ייִדישע שפּראַך

זשורנאַל פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון

דער ייִדישער כּלל־שפּראַך

גייט אַרויס 4 מאָל אַ יאָר

## ידיעות פֿון ייִוואָ

גייט אַרויס 6 מאָל אַ יאָר

CONTENTS


My Family 9
Kheder Years 13
In the Synagogue 19
The Yeshiva of Slonim 21
The First American in the Family 25
My Journey to America 29
First Steps in America 33
Life of the "Greenhorns" 39
"The Gay Nineties" 45
Organizations 50
My Marriage 55
How I Became a Laundryman 57
A Jewish Printer 61
How I became a Citizen and Entered College 66
Our Typographical Union 72
The Union Label 76
The Pleasures of a Convention 79
Our Family in America 84
The Power of a Newspaper 95
My Work in the Union 97
I Write the History of the Union 103
The Printer and his Union 105
Our Family Relationship 108
More Conventions 113
Last but not Least 119

*Yidisher Visnshaftlekher Institute/Yivo*

*Shmuel Pinkhos Schoenfeld*
*Zikhroynes fun a shriftzetser*

Yivo Personal Documents Series

# MEMOIRS OF A COMPOSITOR

BY

SAMUEL SCHOENFELD

1946

YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE — YIVO
535 West 123rd Street, New York 27, N. Y.